STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01063

# VERK TSE

## Mordecai Strigler

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jane & Norman Schwartz
in memory of
Ethel Kapiloff*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

# ווערק „צ ע"

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 64

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מרדכי שטריגלער

# ווערק „צע"

באַנד איינס

## פרעדזשע

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
"Año del Libertador General San Martín"
בוענאָס-איירעס, 1950

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright By
M. Strigler, Paris

MORDCHAI STRIGLER

# WERK "Ce"

Editado por la

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Buenos Aires

Se terminó de imprimir el día 14 de abril de 1950, "Año del Libertador General San Martín", en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes, 1976, Buenos Aires, República Argentina.

# ווערק „צע"

## בוך דריי פון דעם ציקל

# „אויסגעברענטע ליכט"

אויפגעשריבן אין פאריז אין די יארן 1946־1947.

הינדעלען אין ווייטן אַמעריקע —
מיט ליבשאַפט.

...מיט די טויטע איז נישט מעגלעך מער צו רעדן. מען קען זיך אויך פאַר זיי נישט פאַרענטפערן. עס איז נאָר פאַרבאָטן אויף זיי אַרויפצולייגן דאָס, וואָס זיי האָבן ביים לעבן נישט געטראָגן אויף זיך. פאַר דער ביטערקייט און פאַרן אמת, וועלן זיי די ערשטע מוחל זיין.

נאָר איר, לעבעדיקע, אויב איר וועט זיך אין דאָזיקן בוך דערקענען — פאַרשטייט:

פאַר בלויזער פאַרב טאָר מען זיך מיט דער פעדער נישט באַנוצן, ביים אויפוועקן נעכטיקע צייטן פון אונדזער פיין. טאָ לאָמיר נאָכאַמאָל אָנקוקן אונדזער פנים פון יענע טעג, אָן דער מאַסקע, וואָס מיר וואָלטן פאַר זיך היינט געוואָלט געפינען...

# קאַפּיטל איינס

## I

וואָס עס קומט פאָר אין דער אָפּטיילונג פון סקאַרזשיסקער לאַגער, ווערק צע, איז נישט געווען צום פאַרשטיין. נישט אַנדערש, נאָר אַלע מענטשן זענען דאָ משוגע געוואָרן. די פּאָליאַקן, די דייטשן, די אוקראַי־נער... און אויך די יידן זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם משוגעת.

וואָס איז דען דער גאַנצער ווערק צע? אַ גרויס ראָד פון מטורפן טויט, וואָס שלעפּט אַריין מענטשן און נאָגט פון זיי אויס די בלוטן. בלויז די הוילע, ביינערדיקע כלים — אין וועלכע דאָס לעבן איז פריער געווען אַריינגעקנעטן — זיי ווערן שפּעטער אַריינגעשליידערט אין דער ערד, אַזוי ווי מען וואַרפט צו אַ געטרייעם הונט אַ ביין... ווי אַזוי זשע קען מען דאָ טראַכטן פון לעבן, פון ליבע־אינטריגעס און ראָמאַנען? טאָ פאַרוואָס האָבן די מאַכטהאָבער אַ פול מויל מיט פּלענער, ווי אַזוי דעם לאַגער אויסצובויען, פאַרגרעסערן און פאַרשענערן אים?

איבער אַ יאָר צייט זענען דאָ געשטאַנען אַ פּאָר אָפּגעצוימטע באַ־ראַקן אין מיטן וואַלד. זיי זענען געווען אַריינגעקנעטן אין פעטע בלאָ־טעס און באַוואָרפן מיט בערג שמוץ. ווער האָט דען באַדאַרפט אַנ־דערש? ס'איז סיי־ווי אַזאַ ווינקל, וואָס איז פאַרמשפּט אונטערצוגיין. די מענטשן דאָ זענען שוין טויט, נאָר זיי גייען נאָך אַרום איבער דער אויי־בערפלאַך פון זייערע קברים. אַלעמאָל עפּנט זיך נאָר אַ שטיק קברדיקע ערד און שלינגט איין איר חלק מענטשן־לייב. דאָס וועט אַזוי דויערן, ביז דער לעצטער נפש וועט זיך דאָ אַרומדרייען. וועמען זשע קען עס

אָנגיין, ווי אַזוי עטלעכע טויזנט יידן גייען אַנטקעגן זייער שקיעה, אין דער טיף פון די וועלדער, ביי סקאַרזשיסקאָ, וואָס קענען שוין אַזעלכע וועזנס, מיטן חותם פון טויט אין זייער מארך, באַווייזן סימנים פון לעבן, פון פרייד, אינטריגע און אייפערזוכט? דאָ דאַרף זייער געדאַנק זיין פאַרנומען מיט דער   א יי נ ע ר   וואַרטעניש: אויפן אייגענעם פאַר-לעש...

איז קלאָר געווען, פאַרוואָס די דייטשן האָבן מיט אַ פּאָר חדשים פריער אָפּגעשטעלט דאָס אויסברייטערן דעם לאַגער. ווער דאַרף דאָס גאַנצע אויספּלאַסטערן, שענער מאַכן און באַקוועמער? ד אָ   א י ז   א ו נ ט ע ר ג א נ ג :   איז אַ שאָד די מינדסטע אַרבעט, וואָס מ'לייגט דאָ אַריין. זאָלן די לעבעדיקע מתים זיך שטיקן אין די פּאָר באַראַקלעך, טרעטן איינער אויפן צווייטן און אויסגיין — אַנגעלענט אין אַ ווענטל, אָדער אויף אַ צווייטנס גוף... ס'איז גענוג פאַר זיי!

אַז עס זענען פאַראַן ווייניק באַראַקן — איז שטילער. דאָס גאַנצע מקום רייסט זיך נישט צו ווייטע אויגן. ס'איז שווערער עס צו דער-בליקן. אויך דאָ אַליין ווערט דער געררויש איינגעפּרעסטער, דערשטיקט. ביים מינדסטן געבן זיי מער לופט און פּלאַץ וועלן זיי ווערן לעבעדי-קער, שפּירעוודיקער... פאַרוואָס זשע זאָל מען זיי אויפוועקן? דאַרף עס האָבן דעם אויסזען פון אַ קאַסטן, אַנגעפּאַמפּעט מיט אימה פון פאַר-ניכטונג און מיט דער זיכערקייט, אַז באַלד ווערט מען אָפּגעמעקט.

האָבן אַלע פאַרשטאַנען, צוליב וואָס די נייע באַראַקן זענען גע-בליבן מיט אָפענע מיילער און נישט-צוגעשלאָגענע טיר־און־פענצטער. ווער דאַרף עס דען? זענען אויך די אָנגעהויבענע שטעגלעך אין מיטן פון די בלאָטעס געבליבן ניט־פאַרענדיקט. די אָנגעשאָטענע שטיקער קאָקס און שטיינער-ברוך האָבן שנעל געגומען איינזינקען און די פעטע, קלעפּיקע מאַסע האָט אַריבערגעיוירן די קרעציקע שטעגלעך־אָדערן, פון שוואַרץ-רויטן ווונד־קאָליר. אוים מיטן טעמפּאָ און אייפער, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן! ווער ווייסט עס דען נישט, פאַר-וואָס?

טאָ ווי אַזוי ראַיען די מענטשן ווייטער אַרום, קעמפן פאַר אַ ברויט-

ביסן און א שלונג זופ? צוליב וואס זוכן זיי נאך ארום ת ע נ ו ג
און ליבע־אפפאל אויפן דאזיקן מיסט־קאסטן פון טויט? פארוואס שארן
זיך נאך, אין די נעכט, טונקעלע שאטנס צו די מיידל־באראקן און טראגן
נאך שטיקער געלעכטער צווישן די ציין? און פארוואס זענען ווידער
ארייגעפאלן א מחנה דייטשן אהער און ווידער אלץ אויפגעוועקט פון
דרימל?

זעט נאר, זעט! עס קומען ווידער אן עטלעכע אינזשיניערן, מען
מעסט שוין ווייטער ביי די צוימען און מ'צייכנט פלענער. עס באווייזן
זיך ווידער אינספעקציעס, וואס ווארפן אפ און באשטעטיקן. יעדער בא־
זונדער מחט זיך אויס נייע פלענער, וואס ער האלט אין איין רעפע־
רירן מיט דעם גאנצן ערנסט. דערנאך נעמען, צוריק ווי פריער, אנקור־
מען גאנצע וואגאנעס מיט באראקן־געהילץ און קאקס־אפפאל! עס האט
זיך ווידער אנגעהויבן א גערודער ארום פעסער מיט קאלך, האלץ, כלים
און מאשינען. עס האבן זיך נאך אמאל באוויזן די אייזערנע שינעס און
וואגאנעטקעס און אנגעהויפט גאנצע בערג מיט ליארעם, אזוי ווי מען
וואלט זיך דא פארמאסטן אויפצושטעלן א גאנצע, טומלדיקע שטאט. זע־
נען זיי דען נישט משוגע? פאר וועמען? צוליב וואס?

דער הויפט אינזשיניער, מיטן העלן אנצוג, ווייסט אבער גארנישט.
מען האט אים צוגעשטעלט מאטעריאל און מענטשן — מוז ער עפעס
מאכן דערמיט. ער דארף נאר נאכקוקן אויף די שטריכן פון דעם בא־
פוילענעם פלאן און ווייטער — זאל די וועלט זיך איבערקערן. ער קען
נאר פויל אונטערשמייכלען, ווען זיינע געהילפן און אויפזעער; גיידא,
קאפערניק און קאטלענגא וויצלען זיך:

— א יידישע מדינה גייט מען דא אויפשטעלן! זי וועט זיך ציען
פון איין עק וואלד ביז צום צווייטן... און ווען די דייטשע פריצימלעך
וועט זיך פארגלוסטן צו גיין אויף יאגד — וועט מען קומען אהער, אי־
נעם חיות־גארטן און — הורא אויף די יידעלעך! שוין איינמאל דיר אן
איינפאל! אט דאס הייסט א וועלטעלע מיט קלוגע קעפעלעך!..

נאר מילא, וואס בהמשע מיילער פלאפלען אלץ! דערווייל איז גע־
ווארן אן אנגעלויף פון דייטשע מייסטערס. יעדער פון זיי קומט דא

עפּעס זען, שמייכלען פון עפּעס, וואָס נאָר ער איינער ווייסט. דאָקטאָר ראַסט אַליין ווערט נישט מיד אָנצוווייזן די טעכניקער מיט זיין דאַרן פינגער, וואָס דאָ איז אַלץ פאַראַן צו טון. ער גרילצט מיט זיין סוכאָט־נער, זעגענדיקער שטים, בייזערט זיך, איילט און טרייבט. עס דוכט זיך, אַז דאָס זעגט ער איין מיט זיין קול יעדן בוים, וואָס פאַלט אין חלשות ביי די זייטן פון וואַלד.

דער אַרומיקער אימפּעט און טומל האָט אויך אויפגעוועקט די יידן, וואָס זענען שוין געגאַנגען אויף דער ערד מיט רעזיגנירטער איינגע־שלאָפנקייט. אויב דאָ בויט מען און מען גרייט צו אַזויפיל פּלאַץ, איז אַ סימן, אַז מען רעכנט נאָך אויס אויף די יידן דאָ, מען זאָרגט נאָך פאַר זיי און דערפאַר דאַרף מען זיך צוריק אויפרודערן, עפענען די אויגן. פאַר קיין פאַרמשפּטע צום טויט וואָלט מען נישט אַזויפיל טאַראַראַמע־וועט! ווערן אַלע אַריינגעצויגן אין טומלדיקן כשוף, ווי גלגולים, וואָס קלאַמערן זיך אין אַ לעבנס־עכאָ פון זייער אַמאָל.

נאָר צוגלייכן זיך מיט דער גאַנצער זיכערקייט קען עס נישט קיי־נער: בויען טאָקע די דייטשן אַ יידישע שטאָט אין „יידן־ריינעם" פּוילן פון 1943? אמת איז טאָקע, אַז זי ווערט אויפגעשטעלט פון באַראַקן מיט שמאָלינקע געסלעך און דאַרע, צעבראָכענע שטעגלעך. אָבער דאָך קאָסט דאָס אַרבעט. אפילו קאַלך האָט מען געבראַנגט צום אויסווייסן די צימערלעך! ווי איז עס דען מעגלעך, אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערן אומ־זיסט, גלאַט אין דער וועלט אַריין?

בויט מען נישט אַמאָל דעם יידישן מוראשניק מיט דער איינציי־קער כוונה: אַז דאָס דייטשע אויג זאָל שפּעטער האָבן אַ באַזונדערע פרייד, ווען דאָס אַלץ וועט צוריק אויסגעליידיקט ווערן, חרוב ווערן? עס שמעקט זיי נישט צו פאַרניכטן אַזאַ שטיקל וועלט, וואָס האָט זיך אַליין שוין אומגעברענגט מיטן געדאַנק, מיט רעזיגנירטקייט. וואָס פאַר אַ טעם האָט עס צו דערהרגענען אַזעלכע טויטע נפשות? ווע‌לן זיי דאָ אויספּיינערן, אויספּוצן, אַז עס זאָל דאָ נעמען צוריק ווייען מיט לעבן און נאָרמאַלע אילוזיעס און דערנאָך...

אָבער ד"ר ראַסט, דער דירעקטאָר, שווייגט פאַרביסן. און וואָס

ווייסן דען די פוילישע מייסטערס? קלאַפּן די האַמערס, קרעכצן די זעגן און דיביימער פאַלן. דער משוגענער יריד וועקט אויף דעם וואַלד. עס קומען אַנצולויפן איילעוודיקע צוגן מיט מאַטעריאַל און די יידן לאָדן זיי אָפּ מיט צעהושטער פלינקקייט. די אוקראַינער וואַכלייט שושקען זיך אפילו איבער מיט די פוילישע אויפזעער, אַז דאָס זענען אַלץ משוגענע שטיק. זיי ווייסן גענוי, אַז פאַר די יידן איז שוין אַלצדינג אומזיסט... אָבער די דייטשן ווערן קיינמאָל נישט אַזוי ווייט משוגע, ביזן פאַרלירן דעם באַוווסטזיין. זיי קענען דערוויילע נאָך קאָנטראָלירן זייער שגעון, אים אָנדרייען און צושרויפן ביז דער מינדסטער האָר. דאָס ווילדע און דעזאָריענטירטע פון זייער משוגעת לאָזן זיי איבער פאַר זייערע מיט־העלפער און שותפים. פאַר זיך אַליין לאָזן זיי אָבער די גאַנצע אויסגע־רעכנטקייט און פלאַנמעסיקייט פון זייערע שגעונות. קיינער פון די מיטלויפער טאָר עס אָבער נישט ווייסן. צו דעם דאַרפן זיי נישט קיין שותפים!

האָט טאַקע קיינער נישט געוווסט, וואָס זיי זענען דאָ אויסן מיטן נייעם רעש.

II

אוודאי וועט די דאָזיקע וועלט אונטערגיין. ס'איז אַזוי זיכער, אַז אַלע ווייסן דערפון: די דייטשן, פּאָליאַקן, אוקראַינער און בפרט די יידן גופא. נאָר עס טרעפט: מען ארבעט אַמאָל לאַנגע חדשים, בכדי אויפ־צושטעלן אַן אַרענע, אַ טעאַטער־סצענע, וואָס קיינער ווייסט נישט ווי לאַנג זי וועט דאַרפן זיך האַלטן. אָבער דאָך גרייט מען זי צו און מען פוצט זי אויס מיט אַלע דעטאַלן. די אַלע אויסגעדאַרטע סקעלעטן ווייסן אייגנטלעך, אַז דאָ שטעלט מען נישט קיין נאָרמאַלע וועלט, אין וועל־כער מען וועט קענען און דאַרפן לעבן. דאָ מאַכט מען נאָר אַן אָרט פאַר אַ שפּיל אַזאַ, ווו מען וועט דאַרפן אָפּשפּילן אַ שטיקל צייט די ראָלן, וואָס אַ טייוולדיקער רעזשיסער האָט אויסקאָמבינירט. ער האָט זיך פאַרשריבן אין זיין ביכל, ווי לאַנג די מאַסן־סצענעס וועלן דאַרפן דויערן, וויפל מינוטן יעדער איינער פון זיי וועט דאַרפן אויפ־

טרעטן ווי אַ לעבעדיקער... מיטן פאַרלאַנג צו עסן און אַן אָרט צום שלאָפן; צום גיין אויף אַ טרוקן שטעגל און אַ ווילן צו וואַשן זיך דאָס פּנים.

דער רעזשיסער דערציילט עס אָבער קיינעם נישט. יעדער סטאַטיסט קען עס נאָר אָנפרעגן ביי זיין געזונט־צושטאַנד אָדער ביי דער פאַרדעכטיקער לופט, וואָס טראָגט זיך דאָ שטענדיק אַרום מיט גרויע סודות. די אַרענע דאָ דאַרף קענען אויפנעמען פיר טויזנט נפשות. דאָ וועלן זיי דאַרפן פאָרשטעלן זייער פאַרמעסט מיטן טויט, מיט דער פּיין און מיטן הונגער. זיי ווייסן אויך נישט, ווער עס וועט דאָ זיין דער זייטיקער צושויער, ווו ער איז און וואָס ער זאָגט דערויף... מען קען אויך נישט ווייסן, צוליב וואָס ער דאַרף עס נייטיק, דעם ספּעקטאַקל... איז עס נאָר צוליב ריינעם פאַרגעניגן?

ס'איז אויך מעגלעך, אַז דעם צוזאַמענשטעלער וועט דאָס מאַסן־שפּיל נמאס ווערן אין מיטן. ער וועט דאַן נישט וואַרטן, ביז אַלע וועלן פון זיך אויסשעפּן אַלע מעגלעכקייטן. ער וועט פּלוצים אַרויף מיט אַ פייף אויף דער וואַקלדיקער עסטראַדע און אַ בריל טון: געענדיקט דאָס שפּיל! און — ס'וועט זיך ענדיקן... קיין ברירה וועט נישט זיין. מ'וועט שטיל אַרונטערגיין ווי נישט־דערשפּילטע אַקטיאָרן, וואָס וואַרפן צום לעצטן מאָל אַ בליק אויף די צוגעפּאַרבטע דעקאָראַציעס און קרעכצן דערביי: אוי, ווען דאָס זאָל געוועזן דויערן נאָך אַ פּאָר מינוט! נאָך סעקונדן — און איך וואָלט געוועזן באַוויזן מיין כח! אַלץ אין מיר האָט זיך דערנענטערט צו יענעם מאָמענט... וויי־וויי, ער האָט מיר איבערגעריסן...

ווערט דאָ אַלץ צוגעגרייט ווי צו אַ סצענע. די מענטשן לעבן דאָ נישט אויס דאָס געשעענע, נאָר שפּילן עס אויס. זיי זענען צוגעפאַרבט און גרימירט, לויט דער גרויליקער מייסטער־האַנט, וואָס האָט זיי סוגעסטיאָנירט און גענומען זייער געמיט־צושטאַנד אין זיין רשות. די, וואָס דאַרפן דאָ אויפטרעטן, ווייסן אפילו, אַז נאָכן אָפּשפּילן מוז די אַרענע פריי ווערן, עס איז זיי אָבער גוט אַריינצוכאַפּן נאָך אַ מינוט און נאָך אַ מינוט פון זיין אויף אַ לעבעדיקער סצענע...

די באראקן־ווענטלעך, וואס מ'פירט דא אן, זעען אויס ווי געמאכט ספעציעל פאר נאכגעמאכטע שטיבלעך פון אן אפערעטע, וואס דארפן לאנג נישט אנהאלטן... עס זעט אויס, אזוי ווי מען וויל דא עמעצן אפ־נארן: מען וועט צוזאמענקלאפן די ברעטלטשינע, אויסשמירן די קינ־דער־הייזקעס מיט פארב, עס זאל אויסזען ווי עפעס לייטישס. נאר ווען עס וועט זיך ווער אנשפארן אין די ווענט — וועלן זיי געבן א פאל־איין, די בעלקעס וועלן א זעץ געבן איבער די קעפ און א פארבארגענער ליץ פון דער זייט וועט זיך פונאנדערלאכן:

— אוי, אידיאטן איר! איר האט עס טאקע געמיינט אויף אן אמת? איר האט נאך געגלויבט, אז דא שטעלט מען פאר אייך הייזער? אט, ווי עס זענען נאך פאראן נאראנים אויף דער וועלט!

דאס זענען אבער נאר די ערשטע קלערענישן. דערווייל זענען עט־לעכע נייע באראקן פארטיק געווארן. שטייען זיי און ווארטן אויף א באפעל, וואס זאל וועגן זיי דעצידירן. זיי זעען אויס אנדערש ווי די פריערדיקע. די אלטע באראקן זענען געפארבט אויף א גרין־געלבלעכן מיש־קאליר. פארנאכט גיסן זיי זיך צונויף מיט דער פארב פון וואלד און בייטאג גיסן זיי זיך צונויף מיטן זונען־געל. דאס איז א ספעציעלער קאליר, וואס מאכט, אז מען זאל זיי פון דער הויך נישט דערקענען. אויך פון ווייטן זעט מען זיי נישט שטארק אן. דערפאר אבער זענען די נייע באראקן־ווענט פייכטלעך־ווייס. מיט דער גאנצער, ווייסער נאקעטקייט פון יונג־געשניטענע זאפט־ביימער. בלענדן זיי אוועק אין דער ווייטקייט אריין מיט א משונהדיק־רופנדיקן געשריי.

די פוילישע פאכמענער קנייטשן מיט דער נאז:

— נאסע ברעטער נאך... זיי וועלן שפעטער איינטריקענען פון דער זון און עס וועלן זיך מאכן גרויסע שפארונעס... אוך, וואס פאר א לע־בער!

זיי באדויערן נישט די יידן, וואס וועלן שפעטער־צו האבן קאלט. דאס ליגט זיי נישט אין זינען. זיי פילן זיך דא אבער ווי שפעטערדיקע באלעבאטים. די דייטשן וועלן דאך אמאל אוועק פון דאנעט. טא ווער וועט דען ירשענען דאס אלץ, וואס וועט נאך זיי פארבלייבן? זענען זיי

נישט צופרידן, וואָס מען ברענגט אַהער אַזאַ שלעכט מאַטעריאַל. די ירושה גייט זיי נישט איין. אָבער די דייטשע מייסטערס אַרט עס נישט. זיי האָבן אַנדערע דאגות. זיי קאָנטראָלירן נאָר, עס זאָלן זיין געגנוג פּע־סער מיט פאַרב: שוואַרצע, גרינע, רויטע... בלאָזט זיך די געדיכט־פעטע פּליסיקייט אַנטקעגן דער זון מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ, דערפאַר אפשר, וואָס מיט איר וועט מען זוכן צו פאַרשמירן דאָס אויג פון דער וועלט.

אויך די יידישע פּאָליציי קומט אַלעמאָל זען, ווי עס האַלט. זיי העלפן אונטערטרייבן די אַרבעטער, כאָטש קיינער האָט עס זיי נישט באַפוילן. זיי קוקן און שמייכלען צופרידן. מען קען נישט וויסן געגוי, וואָס עס טוט זיי דאָ אַזוי הנאה. נאָר פון די געציילטע ברעקלעך ווער־טער, וואָס דערקייקלען זיך ווייטער פון זייער קרענצל, קען מען עס פאַרשטיין: יאָ, ל יי ד י ק וועלן די באַראַקן נישט שטיין... און אַז מען בויט — וועט מען ברענגען פרישע פּאַרטיעס! און דאָס בלויזע דער־מאָנען זיך אין נייע גרופּעס מענטשן פאַרשאַפט זיי אַ באַזונדערע פרייד. מיט נייע מענטשן זענען פאַרבונדן פרישע, פּאָליצייאישע עמאָציעס. עס איז גוט זיך פאַרצושטעלן, ווי אַזוי עס מאַרשירט אַריין אַ פרישער עשאַ־לאָן דורכן טויער. ער קומט פון ווייט און די פנימער זעט מען דאָס ערשטע מאָל. אַ נחתדיק געפיל רעגט זיי אויף: אויף דעם פנים וועל א י ך האָבן די דעה, די מאַכט... און אויך אויף זיי אַלע, וואָס מאַר־שירן דאָ אַריין, מיט דער שרעק פאַר דעם נייעם אין די אויגן...

היינט, דאָס קוקן פון יענע מיט אַ דרך־ארץ געמישט מיט מוראָ פאַר די גלאַנציקע שטיוול און קיילעכדיקן היטל! פאַרן שפּירן איינמאָל אַזאַ בליק אויף זיך לוינט זיך צו זיין לאַנגע יאָרן אַ פּאָליציאַנט אין אַ לאַגער! מען ווערט אויפאַמאָל אַרומגענומען פון אַ גלעטנדיק הערשער־געפיל, פון שפּירן זיך אַרויפגעהויבן הויך־הויך, איבער אַלע... דערצו קומען מיט יעדן טראַנספּאָרט אַזויפיל שיינע מיידלעך און עס איז גוט. ווען זיי זעען דיך באַלד אָן, ווי איינעם פון די, וואָס האָט איבער זיי צו זאָגן... קומען זיי אַלעמאָל צו לויפן מיט פעסטע שטיוול־טריט אוים־מעסטן מיטן אויג, ווי לאַנג עס דאַרף דויערן, ביז אַלץ וועט פאַרטיק זיין: ד אַ ן וועט מען זיכער ברענגען נייע מענטשן. אין דעם זענען

זיי זיכער. וועקט עס אויף אין זיי אזא פיבערדיקן רייץ. די בלויזע דערוואַרטונג, די האָפענונג אויף אַזאַ דערוואַרטונג, לעבט זיי אויף: מען שטעלט פאַר זייערטוועגן אַ פאַרגרעסערטע מלוכה, אין וועלכער זיי וועלן באַפעלן! און מיט נייע מענטשן קומען אויך נייע מעגלעכקייטן.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ שטילער פּאָליציאַנט פאַרוואַרפט אפילו אַ וואָרט פון ספק:

— נו, מ'קען נאָך גאָרנישט וויסן! זיי קענען אויפשטעלן אַ גאַנצע מדינה און קיין לעבעדיקן נפש זאָלן זיי אַהין נישט ברענגען... זיי קענען ווייניק משוגע מאַכן, קלערט איר?

אַזאַ זאָג פאַרלירט זיך אָבער אין פריילעכן גערויש. די מערהייט לויפט אַלעמאָל אַהין און צוריק, מיט דער זיכערקייט, אַז פאַר זיי האָט זיך נאָך די וועלט נ י ש ט געענדיקט.

III

שוין פיר חדשים אַז מעכעלע דרייט זיך אַרום אין ווערק צע און ער קען נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט אַזעלכעס פאָר מיט די מענטשן. ער פאָרשט נאָך מיט באַהאַלטענע בליקן די פּאָליציי, קאָמענדאַנטן און יעדן מענטש, וואָס וואַרפט זיך אים נאָר אין אויג. דאָס וויל ער פון זייער יעדער תנועה דערגיין, פאַרוואָס זיי פירן זיך דאָ אַזוי אויף, לעבן אַזוי, ווי עס וואָלט קיין נעכטן און קיין מאָרגן נישט געווען.

אין זיין יוגנט האָט מעכעלע געלייענט ערגעץ וועגן אַזעלכע גאָרקליינע באַשעפענישן, וואָס לעבן סך־הכל אויף דער וועלט געציילטע שעהען. די דאָזיקע קליינע לעבנס האָבן אָבער נישט קיין אַנונג, ווי קורץ עס איז דער משך פון עטלעכע שעה. ווי קליין זייער גוף איז, אַלץ גרעסער וואַקסט פאַר זיי אויף יעדע מינוט און סעקונדע. פאַר זיי קלאַפּט די צייט מיט אַן אַנדער ריטם און טעמפּאָ. אין אַ מינוט וואַקסן זיי אויס. אין צען מינוט אַרום, נאָכן געבוירן ווערן, געפינען זיי זייער זיווג און אין אַ האַלבער שעה אַרום קינדלען זיי שוין אַליין.

ער האָט נאָך דאַן נישט פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק־אינטענסיוו עס

קען ווערן יעדע מינוט, אויב זי איז אַן אַנגעזעענער טייל פון לעבן. באַשאַפט טאַקע די נאַטור באַזונדערע מינוטן פאַר אַזעלכע ברואים, וואָס האָבן אַן אַנדער כח ווי ביי מענטשן? ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט דאָס אים אָנגעגאָסן מיט טרויער: ווי אַזוי קען עפּעס ווערט זיין אַ לעבן, וואָס דויערט ווינציקער ווי אַ מענטשס נאַכטלעכער שלאָף? אַזאַ ברעקל צייט פילט דאָך דער מענטש אפילו נישט, ווען זי גייט ביי אים פאַרלוירן!

א ייִנגלערישע פאַנטאַזיע, וואָס מעסט זיך אויס דעם לעבנס־פּלאַן אויף יאָרן און פאַר יעדן ברעקל דערגרייכונג זעט זי פאַר לאַנגע וואָכן און חדשים — זי זעט דאָס ערשטע און דערשפּירט די אָרעמקייט פון אַזעלכע וועזנס: זיי באַווייזן דאָך גאָרנישט אָנצוכאַפּן, אָנצוואַרעמען דעם גלעט פון לעבן אין זיך און עס דערשפּירן אַזוי ,ווי מען קען עס פילן דורך לאַנגזאַמע יאָרן־טריט.

וואָס וואָלט געווען, ווען דער מענטש זאָל זיך אויך געפינען אין אַן ענגער קלאַמקע־צוים פון עטלעכע שעה און דערמיט זאָל זיך אַלץ ענדיקן? ווי אַזוי וואָלט אַ מענטש געטון, ווען ער מוז אָפּלעבן און אויפלייזן זיך אין אַ משונהדיק־בליציקן טעמפּאָ?

ער האָט זיך דערשראָקן, דער קליינער מעבעלע, ווען ער האָט געטראַכט דערפון. ווי אַזוי וואָלט מען זיך טאַקע אַן עצה געגעבן? וואָס וואָלט געבליבן פריער צו פאַרכאַפּן?

און שפּעטער, אויך אַלס ייִנגל, איז אים אויסגעקומען צו זיצן ביים בעטל פון זיינס אַ קראַנק חברל. אַלע אין שטוב זענען געווען טרויעריק און פאַרוויינט. מעבעלע האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען געננוי, פאַרוואָס זיי וויינען אַזוי. דאַן האָט ער אויפגעכאַפּט פון דער זייט אַ שרעקלעך וואָרט, וואָס עמעץ האָט שטיל געלאָזט פאַלן: „ער וועט לאַנג נישט לעבן, ישראליק. דער דאָקטאָר האָט אים געגעבן נאָך געציילטע טעג...” מעבעלע האָט דאַן געקוקט אויף זיין חברלס בלייכן פּנים און אַ געוויין האָט זיך ביי אים געמישט מיט אַ צאָרן קעגן וועמען:

— ווי קען עס זיין?! אָט ליגט דאָ אַ ייִנגעלע, אַ חדר־קינד, וואָס דאַרף גרויס ווערן, אויפוואַקסן ווי זיי אַלע דאָ אַרום און — ער וועט עס

נישט באוויזן! „געציילטע טעג!"... וואס וועט ער דען באווייזן פריער אויפצוטון?

ערשט איצט, אין וועדק צע, פארשטייט מעבעלע אויף קלאר, וואס ער האט דאן געוואלט ארייגשרייען אין זיין בלאסן חבר'ל:

— ישראליק, דו הערסט? געציילטע טעג האסטו נאך! טא וואסזשע ליגסטו אפ דיינע פאר טעג אויפן בעטל? דו רירסט זיך אפילו נישט. וועסט אזוי אפליגן דיינס און בלייבן א קליינער, גאר א קליינער — ביז מען וועט דיך אוועקטראגן... פארוואס שפרינגסטו נישט אראפ, ציסט זיך נישט אויס אזוי, אז דו זאלסט אין איין מינוט ווערן גרויס, אזוי גרויס ווי דיין טאטע? פארוואס לויפסטו נישט ארום; דו עסט נישט, נישטערסט נישט ארום נאך אלץ אין דער וועלט, וואס דו דארפסט אראפשלינגען אין די פאר טעג דיינע... פארוואס?

אזוי האט ער דאן געוואלט זאגן זיין קראנק חבר'ל און עס נישט געזאגט. די ווערטער האבן ערשט אנגעהויבן אויפקומען אין אים און זעגען נאך נישט דערגאנגען ביז יענער פולקייט, וואס גיסט זיך איבער און שפארט ארויס פון געדאנק, דורך צונג און ליפן. און דערנאך, ווען ער האט געזען ישראליקן אוועקטראגן אין א שווארצער מיטה, האט ער א לאנגע צייט געפילט, אז דאס געשטארבענע חבר'ל האט אין אים איבער־געלאזט א פקדון פון ווערטער און א נישט־אויסגעשטאנענע מאַ־נונג. אבער זי האט נאר געקענט אויסוואקסן און קלאר ווערן צוזאמען מיט דער אויסגערייפטקייט פון יענעם געדאנק, אין וועלכן דער פקדון איז געבליבן...

ערשט אין די יארן פון טויט, ווען מעבעלע האט געהערט כסדר ארום זיך אפהילכן די טריט פון פארניכטונג; ווען ער איז כסדר געשטאנען אפ־געריסן פון דער סכנה אויף א מהלך פון טעג און אפשר נאר געציילטע שעהען — האט יענע תביעה ביי ישראליקס בעטל אויפגעקרעכצט אין אים. דאס מאל האט ער זי קלאר פארשטאנען און אים האט זיך אויסגע־וויזן, אז אלע דא ווילן זיי אויפמאנען צוזאמען מיט אים, נאר זיי קענען נישט.

אין יענע מינוטן האט ער באגריפן דעם זין פון יענע קלייגע בא־

שעפעני׳שלעך, וואָס קענען אין געציילטע שעהען אריבעריאָגן די מי און די פריידן פון אַ גאַנץ לעבן. ער האָט זיי פאַרשטאַנען און מקנא געווען, פאַרוואָס זיי קענען עס באַווייזן. ביי זייער פאַרגיי לאָזן זיי גאָרנישט איבער קיין נישט־דערלעבטס הינטער זיך.

די דערמאָנונג פון יענע פליגן, צוזאַמען מיטן מחשבה־ברעקל ביי יש־ראליקס בעטל, האָט אים אויך נישט צורו געלאָזט ביים צוקוקן זיך צו דעם ווילדן גערעג פון דער פּאָליציי און סתם אַריינכאַפּער. ער האָט זיי גענומען דורך דעם פאַרשטיין אויף זיין אייגענעם אופן:

— וואָס ווילן זיי דען, די מענטשן, וואָס באַגלאַנצן זיך דאָ אַזוי, אויף דעם לעבעדיקן בית־הקברות? ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז מענטשן, וועלכע האָבן אין נאָרמאַלע צייטן נישט אָפּגעטון קיין שרעקלע־כע זאַכן, זאָלן איצט גרייט זיין אויף אַלץ, אפילו אויף פאַרברעכנס — אבי צו דערגרייכן קליינע מאַכט־שטיקלעך, וואָס וועלן באַלד זיך ענדיקן?

אָבער דאָ האָט זיי דאָס לעבן איינגעראַמט אין אַ קורצער פּערספּעק־טיוו און זיי נאָר איבערגעלאָזט קליינע שעהען, מיט ווייניק זאַפטן און האָריזאָנטן. זוכן זיי אויפצועסן דאָס ביסל געבליבענע טעג מיט צען מיי־לער, אַרויסציען די לעצטע ווארעמקייט פון אַלע שויסן, וואָס זיי קענען נאָר דערגרייכן. זיי זוכן זיך אויסצוליבן און אויסצורוישן מיט אַלע מיט־לען, וואָס זיי קענען נאָר אָנווענדן.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען זיי זאָלן געווען האָבן די אויסזיכטן אויף אַ לאַנג לעבן — וואָלטן זיי אויך געזוינגן פון בעבער טראָפּנווייז. סוף כל סוף האָט יעדער מענטש אין זיך אַ לעכץ נאָך מאַכט און דער־גרייכונגען. אין יעדן מענטש דרימלען אויך חלומות, פאַר וועלכע ער איז גרייט צו טון — און טוט אויך — געוויסע פאַרברעכנס אָדער אָפּנויגונ־גען פון דער מאָראַל. איבער אַ לאַנג, געוועגלעך לעבן ווערן זיי אָבער צע־שאָטן און זעען זיך נישט אָן. דאָס ווייסן, אַז ער האָט נאָך צייט, צווימט אים איין. ער קען דערפאַר זיך זעטיקן מיט אַ קליין ברעקל מאַכט יעדן טאָג און פרייען זיך מיט פּיצעלעך דערגרייכונגען. זיי וואָלטן אין לויף פון אַ סך יאָרן אָנגעצויגן די סומע פון זייערע שטרעבונגען. אויך די מיטלען, וואָס זיי וואָלטן דערביי צייטנווייז אָנגעווענדט, קענען

אין אַ יאָרן־ים פאַרלוירן־גיין און זיך נישט אַרויסזען אַזוי בולט. איין שטיקל נישט־אָרנטלעכקייט איז אַזוי ווייט פון דעם צווייטן, אַז זיי פאַרלירן צווישן זיך דעם צוזאַמענהאַנג.

די זיכערקייט, אַז מען קען גיין געלאַסן — און אַז עס איז אויך מעג־לעך אַזוי! — צום ציל, דערלאָזן נישט די אינסטינקטן זיך אַרויסרייסן און זיי אַרויסוואַרפן אויסער די פסיכישע גרענעצן. איצט אָבער האָבן זיך אַלע לוסטן און באַגערן צוזאַמענגעדריקט אויף אַן ענגן שטח. זיי האָבן זיך דערפאַר אַרויפגעלייגט ווי אַ לאַסט און געפאָדערט דאָס זייעריקע. דערפאַר זענען זייערע סטיכיעס איבערגעפאָרעמט געוואָרן, לויט דער טבע פון יענע באַשעפענישן, וואָס מוזן אַלץ אָפּטון אין זייער לעבן...

נישט אַלע קענען עס אַזוי. טייל דערשטיקן דעם דאָזיקן כח אין זיך. אַנדערע אָבער לאָזן אים פריי צעהוליען זיך אין די געבלוטן.

מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט מעכעלע געוומען זען דעם גאַנצן ווערק צע. אַלע זינלאָזיקייטן פון די מענטשן האָבן באַקומען אַ זין: מען בויט דאָ אַ שטאָט. זאָל זיין אַז זי וועט דאָ לאַנג נישט אָנהאַלטן. מען דאַרף אָבער נישט פאַרקריכן מיטן געדאַנק אויף דער צווייטער זייט פון איר באַ־שטימטקייט און טערמין. שלעפּן דערווייל יידן די ברעטער, פרייען זיך אפילו, וואָס דער לאַגער וואַקסט אויס גרעסער און גרעסער, כאָטש עמעץ פון אַ ווינקל וואַרפט אַמאָל אַריין אַ צווייפל:

— ווער ווייסט, פאַר וועמען מען גרייט עס דאָ צו...

דעם שטאָך פון אַזעלכע ווערטער דערפילן באַלד אַלע אין די הער־צער. דאָ וויל מען אָבער אַזעלכעס נישט הערן. דעם פסק־דין האָט שוין יעדער סיי־ווי ביי זיך אַרויסגעטראָגן און גאָר אַ סך געטראַכט דערפון — דוכט זיך אויס, אַז מען האָט עס שוין געהערט און יעדער זאָגט עס שוין צום וויפלטן מאָל. דאָס וויל ער נאָר סתם איבערהזרן זיך און פאַרנודיען אַלעמען... בייזערט מען זיך פון אַלע זייטן:

— וויפל איז דער שיעור דאָס איבערצופּלאַפּלען? שוטה איינער! דאָס אַריינקלערן און רעדן וועט דיר דען בעסער מאַכן?

דער שלום מיטן גורל ביי די סתם־מענטשן דערגייט אפילו אַזוי ווייט, אַז טאָמער נעמט איינער קרעכצן אונטער דער משא פון די דאַך־

פּלאַטן — קענען עס אויך די אַנדערע נישט פאַרליידן. וואַרנט מען אים פון אַלע זייטן מיט פאַרוואורף:

— וועסט גיין אין דער האַלע 58... דאָרט וועט דיר זיין לייכטער, וואָס?

און דאָס שטילט יענעם איין. בלייבט נאָר אַפּצוואוארטן אויפן גרייטן. דער קלוגער ציניקער פון ווערק צע, אינזשיניער קורץ, האָט אַפילו דערויף זיינס אַ באַליבטע פילאָזאָפיע:

— אַ גאַנצע וועלט מיט דייטשן האָבן אויף זיך גענומען צו זאָרגן פאַר מיר, אויסצוקלערן וואָס מיט מיר צו טון — טאָ זאָל זיי כאַטש דאַרן דער קאָפּ און נישט מיר... זאָל זיי כאַטש די איינע מאַטערניש בלייבן...

נעמען עס אַלע אויף; נישט מיט קיין ביטערן געלעכטער נאָר מיט רעזיגנירטער הסכמה.

## קאַפּיטל צוויי

### I

מאָדנע זעט עס אויס ביים טויער פון לאַגער. גאַנצע שעהען קענען אוועקגיין אין אַ שטילקייט וואָס פאַרגליווערט אַלץ אַרום. אָבער ווען עס נעמען זיך הערן פון ווי-ווייט די טריט-הילכן פון אַ גייענדיקער גרופּע — טוט זיך דער טויער אַ פּראַל אויף. אַזוי דויערט עס ביז די מענטשן שטראָמען אַדורך און ווערן פאַרשלונגען פון הויף מיט ווילדער גיריקייט.

דער פּאָליציאַנט, וואָס וואַכט ביים טויער, ווערט אין די רו-שעהען אַנגעשטעקט מיט דער שלעפערדיקער פוילקייט פון אַרום. ער זיצט אין זיין אויפגעשטעלטן ביידל און וואַרט אָפּ די הילצערנע טריט-קלעפּ אויפן וועג. דערווייל גאַפט ער אין דער הוילקייט אריין.

זעקס אזייגער פארנאכט קומט די ערשטע, אַנגעלאָדענע וואכקייט אויף מענטש און אויף טויער. דער פּאָליציאַנט נעמט דאן פלאָנטערן מיט די שליסלען, גראבלט זיך ביים טויער, עפנט אויף און קוקט אויף דעם ברייטן, שטויב־פארוואָלקנטן וועג, זוכנדיק אין דער וויט, אויב עס קומט נישט ווער.

באוווייזט זיך א שווארץ פּינטעלע אויפן וועג, טרייסלט ער זיך אויף, ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג און נעמט רופן: וואכע! וואכע!!! דאן קריכט ארויס פון א באראק א דיק, פעטס געשטאַלט מיט א גרויסן העפט אין דער האַנט און שטעלט זיך ביים טויער, אקעגנאיבער דעם פּאָליציאַנט. דאָס איז מארעק, דער קאָמענדאַנט פון דער לאַגער־ביוראָ. ער איז א רואיקער און קאַלטבלוטיקער, דער מארעק. ווען די מחנה רוקט דערוויילאַן און נעמט אדורכמארשירן דורכן טויער, האָט ער גאָר־נישט מער אין זינען נאָר דאָס ציילן. ער שלאָגט וויניק, מארעק, און איז פון די געציילטע, וואָס זידלען זיך זעלטן אויף א גראָבן אופן. ער בריקעט וויניק די מענטשן אין אונטערשטן אריין, ווי די מערהייט באפעלער; דערפאר אָבער האָט ער א גרויסן נחת פון איבערציילן און קאָנטראָלירן די צאָל צום וויפלטן מאָל.

שפּעטער ווערט ווידער שטיל ביים טויער. די אריינקומענדיקע צע־קריכן זיך אין אַלע זייטן און ביים טויער בלייבט ליגן אַן אומהיימלעכ־קייט, וואָס קומט מיט יעדער שטילקייט נאָך א גערויש. אמאָל בלייבט נאָך דער פּאָליציאַנט א ווײַלע אין דרויסן און דרייט זיך אַפּוואַרטנדיק אַרום. אין דער ריי באמערקט ער אָפט א מיידל, וועלכער ער באווייזט אריינצוווארפן א וואָרט אין גנהער אריין:

— קום צו אין א שעה אַרום צום טויער...

האָט ער שוין פון וואָס צו קלערן, אויף וואָס צו וואַרטן. די צייט איז שוין מער ביי אים נישט אזוי פּוסט און לאַנגווײַליק. די טריט זיינע אַהין און צוריק זענען בסדר פארשלונגען אין א וויכוח:

— וועט זי קומען אָדער נישט? זי קומט... זי וועט קומען...

צו טרעפן זיך מיט א מיידל פאר א פּאָליציאַנט אין ווערק צע איז נישט קיין זעלטנהייט. עס קען אים נישט מאכן אומרואיק. פאר די נודנע

וואָך-שעהען איז אָבער גוט זי צו באַשטעלן און דערוויל אויספּילן דעם חלל מיט אַן אָנגענעם וואַרטעניש...

די נאַכט קומט צו קריכן פון די לעצטע. זי קומט אָן פון וואַלדס זייט און שאַרט זיך אַריין פון דער פינצטערער לאַגער-זייט, איינשלינגענדיק דעם שאָטן פון וואַך־האַלטנדיקן פּאָליציאַנט... באַלד טוט ווער אַ דריק ביים טויער און אַ טונקל-געלע וואַנד גיט שטעביק זיך אַ הענג־אָן אויף דעם לייב פון דער פינצטערניש: דער טויער-לאָמפּ! בלויז די ביימער פון אַרום שטייען ווי שומרים און דערלאָזן נישט, אַז דאָס ליכט זאָל פאַרקריכן ביז דער וואַלד־געדיכטקייט און שטערן דער שוואַרצער חשכות איינצו־שלאָפן אין ביימער-פּלאָנטער. עס דוכט זיך ווי דער שוואַרצער, צעשוי־בערטער זייל בליקט צוריק מיט מעכטיקן צאָרן און זיינע בלעטער שאָרכן מיט ירגזון, ווי זיי וואָלטן דאָרט אויסגעאַרבעט אַ פינצטערן פּלאַן פון פאַרשווערונג. קליינע רצועות ליכט קריכן נייגעריק צו, ביז דעם מעכטיק־שוואַרצן קאָלאָס צופוסנס. זיי דרינגען אפילו אַריין צו אים ביז די קנעבל, באַלד אָבער נעמען זיי דאָרט צאַנקען — גלייך ווי עס וואָלט זיי ווער דאָרט אַריינגענאַרט און דערשטיקט.

פון צייט צו צייט ראַנגלט זיך אויס אַ פאַרשפּעטיקטער שאָטן זיין וועג צום לאַגער אין דער פינצטערניש. ער גייט מיט בלינדע, טאַפּנדיקע טריט ביז ער קומט נענטער צום טויער. די טונקלקייט וויל אים פאַר־האַלטן, לייגט אים אַרויף אַ נעפּל אויפן אויג און שפּרייט אים אויס אונ־טער די טריט געדיכטע, שוואַרצע קנוילן. ער שפּרייזט אָבער איבער זיי, ביז דער טויער באַמערקט אים מיט זיין גרויסן, געלן אויג; נעמט ער אים רופן צו זיך, ציען... ער וואַרפט אים צו אַ שמאָלן, ציטעריקן ליכט־פּאַ־סיקל, ווי אַ רעטונגס-גאַרטל, וואָס פאַלט אַריין צווישן די צוויי געדיכטע וואַלד־פּלאָנטערן אין ביידע זייטן און ער גייט דערויף, ווי אויף ווייך־אויסגעבעטן זאַמד.

טיילמאָל, ווען ער איז שוין אינעווייניק, לויפט אים נאָך אַ קול. דאָס רופט דער פּאָליציאַנט, ווען ס'איז לאַנגווייליק. די, וואָס ער האָט באַשטעלט, איז נישט געקומען, איז אים איינגעפאַלן צו באַזוכן דעם פאַר־שפּעטיקטן פון קאָפּ ביז די פיס... ער זוכט אים אַדורך גרינטלעך, ווי עס

וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן צו געפינען ביי יענעם עפּעס אַ פאַרדעכ־טיקע זאַך. ער ווייסט אפשר אַליין, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו זוכן ביי דעם פאַרלוירענעם שאָטן אין שמאַטעס... שולדיק איז אָבער די פאַר־פאַלענע שווייגעניש ביים טויער, וואָס וואַרפט אויף אים אָן אַ שרעקעוודיקע נודנעקייט, וואָס לאָזט נישט זיין אַליין. כאַפּט ער זיך, צו וואָס עס לאָזט זיך; אַבי צו האָבן דערוויל עפּעס אַ באַשעפטיקונג. ער נישטערט ביי יענעם אין די שטיקער צויטן פון זיינע מלבושים און פרעגט אים דערביי אויס פאַרשידענע נייעס פון פאַבריק. ער קען מיט אים רעדן דער־ביי געמיטלעך, גלייך ווי מיט זיין קריכן אין יענעמס פאַרבאָרגנסטע לע־כער דאַרף מען זיך נישט באַליידיקן... טיילמאָל כאַפּט ער זיך אין מיטן און נעמט זיך, האַלב-שעמעוודיק, פאַרענטפערן:

— דו ווייסט דאָך... איך מוז עס... נאָר — מיין עסק זעסטו! קנעפּל זיך צו!

ער האַלט נאָך אָפּ דעם איינצל־פאַרשפּעטיקטן אַ וויל אויף אַ שמועס וועגן גאָרנישט און פון וואָס עס קומט נאָר אין מויל אַריין. ווען עמיצער זעט עס צו פון דערווייטנס — וווּנדערט עס אים שוין אפילו נישט, וואָס עס שטייען דאָרט צוויי מענטשן און זיי שמועסן צווישן זיך, הגם מיט אַ מינוט פריער איז איינער געווען דער האַר און שטרענגער קאָנטראָלירער פון יענעמס מאָגערן ביסל לעבנס־אָטעם...

דאָס דויערט אָפּט אַזוי לאַנג, ביז עס באַווייזט זיך עפּעס אַ צווייט געשטאַלט. דער פּאָליציאַנט גיט זיך דאַן אַ וואָרף און ווערט צוריק ערנסט. אויף זיין פּנים גיט צוריק אַ שפּרונג אַרויף דאָס באַפעלע־רישע. ער מעסט אָפּ דעם, וואָס שטייט און שמועסט מיט אים מיט אַ נייעם מין בליק, אין וועלכן עס קומען שוין צוריק צום אויסדרוק אַלע רמ"ח אברים פון אַ פּאָליציאַנט:

— דו! טראָג זיך אָפּ, דו הערסט!? לאָמיך דיך פאַר די אויגן נישט זען... און יענער נעמט אַוועקהינקען אַ דערשראָקענער... דער לאַגער־הויף שטייט דערביי און לאַכט מיט זיין קרענקלעך־פאַרגעלטן שמייכל פון דעם שפּיל. פון דער אַנדערער זייט לאַגער רייסן זיך די באַראַק־ליכטער צו די דראָטן, כאַפּן זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט וואַלד, ווי זיי וואָלטן

אין דער נאַכט־שטילקייט געוואָלט אַנטלויפן פון דאַנעט. באַלד אָבער ווערן זיי איינגעלאָשן און דער חושך צעזעצט זיך ווי אַ זיגער איבער אַלע דע־כער. מען הערט נאָר דאָס אומגעדולדיקע הוסטן פון אַ פּאָליציאַנט, וואָס קנעכט זיך קייכנדיק אריין אין דער אומרואיקער שטילקייט אריין.

## II

שוין אַ צייט, אַז מען האָט פון דער אינעווייניקסטער דינסט אַרויס־גענומען די אוקראַינישע ווערקשויץ און איבערגעגעבן די וואַך דער יידי־שער פּאָליציי. איינער היט דעם טויער אַ גאַנצע נאַכט און עטלעכע זענען צעשטעלט ביי די דראָטן אין אַלע זייטן. דאָס זעלבע — בייטאָג. זיי זע־נען איינגעטיילט אין צוויי גרופּן, ווי די פאַבריקס־אַרבעטער, מיט צוויי באַזונדערע קאָמענדאַנטן.

די ניי־אויפגעשטעלטע באַראַקן שטייען אויפן מיטן־וועג, צווישן די פרויען־באַראַקן און די דראָטן. דורך זיי ציט אויך דער וועג צו די קלאָ־זעטן. האָט געטראָפן, אַז אין די ערשטע נעכט זענען טייל אריינגעקומען דערשראָקענע אין באַראַק און דערציילט, אַז זיי האָבן געהערט, גייענדיק אין בית־הכסא אריין, ווי דאָרטן, אין די פרישע פוסטקייטן, שעפּטשעט מען, שושקעט מען זיך...

מער קלינגערע האָבן אָבער שוין געוווסט, אַז דאָס לויפט אַלעמאָל אריין אַ פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אויף דער וואַך, זיך זוכן היימלעכקייט מיט אַ מיידל, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אַרויסגעשאַרט אין דער פינצטער, פון איר שטרויען געלעגער. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אונטערקוקן און זען, דערהערן וו אָ ס, וו ע ר און מ י ט וו ע־מ ע ן... זיי זענען אָבער צוריק אריינגעקומען מיט פאַרבלוטע פּנימער, נישט וויסנדיק אפילו, ווער ס'האָט עס זיי געמאַכט. די לאַגער־לציב, ווי פרידלאַנד און אינזשיניער קוריץ, האָבן אפילו אויך וועגן דעם איראָני־זירט, זאָגנדיק: אין ווערק צע זענען אפילו די שדים מער מחבלים ווי אין די לעגענדעס. פון יענע האָט מען בלויז נאָר דערציילט, פון די היגע אָבער קען מען שפּירן די קלעפּ, אויב מען איז נאָר אַ בעלן דערויף...

גייגעריקע זענען אָבער דאָ אומעטום, אויך אין ווערק צע; האָט זיך די גייגעריקייט אויפגעוועקט אין די פרויען־באַראַקן און זיך פון דאָרט איבערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער. ווי נאָר מען האָט באַמערקט אַ פּאָ־ליציאַנט רעדן מיט אַ מיידל, גיין מיט איר אָפּטער און זי שווינען ביים פירן צו דער אַרבעט — האָט מען זיי שוין געהאַלטן אויפן אויג. מען האָט נאָכגעזען ווער מיט וועמען עס שפּאַצירט אַרום פאַרנאַכט און וועל־כע עס כאַפּט זיך שפּעטער אַרויס... מכלומרשט פאַר איר געברויך. אַלע האָבן זיך די ערשטע צייטן געשעמט דערמיט, נישט בלויז די מיידלעך, נאָר אויך די פּאָליציי אַליין. ביז עס איז געקומען איינער און דערפינדן אַ וואָרט, וואָס האָט אַלץ איבערגעענדערט.

געטראָפן האָט עס מיטן בלייכן פּאָליציאַנטל, מעבעלעס פריינט מאָ־ניעק, וועלכער האָט געהאַט אַ פּרוי, פאַרשטעקט אויף דער „אַרישער" זייט אין אַ נאָענטן דאָרף. זי האָט אים פון צייט צו צייט באַזאָרגט מיט געלט דורך געהיימע וועגן און ער איז מיט איר געווען אין סטאַבילן קאָנ־טאַקט. דערפאַר האָבן אַלע זיך גענומען אינטערעסירן, ווען ער האָט גענומען אַרויסווייזן זאָרגעוודיקייט דעם קליינעם, געפּאַקטן מיידל, וואָס אָרדנט די קעסטלעך ביי שמיצן אין דער אָפּטיילונג. אַלע מאָל האָט מען אים געזען איר צוברענגען אַ פאַרציע זופּ, אַ שטיקל ברויט... האָבן עס אַ סך מיידל־אויגן באַלד אויפגעכאַפּט מיט הונגעריקער קנאה. מען האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערוואַרפן מיט ווערטער, אין וועלכע עס איז געווען צו דערקענען אַ כסדרדיק נאָכשפּירן, אַ פאַרפאַלגן יעדן ריר:

— בראָניאַ, האָסט געזען? היינט האָט ער דאָס ברויט באַשמירט מיט פּוטער...

— נעכטן האָט ער געברענגט צוויי טאָמאַטן — רויטע ווי בלוט...

— ...אין דער פאַרציע זופּ אירער זענען אַרומגעשווומען שטיקער פלייש...

דאָס מיידל האָט עס איין מאָל אויפגעכאַפּט און געוואָרן צונטער־רויט, פייער... באַלד האָט ווער אַ טשעפּע געטון מאָניעקן אַליין, געפּרוווט אים אַ שטאָך טון מיט אַן אומשולדיק ווערטל:

— זי וועט דיר שוין באַלד אויך קענען שיקן עפּעס פון אַ באַהעל־טעניש...

מאַניעק איז אַ ווייל געשטאַנען אַ פאַרלוירענער. באַלד האָט זיך אים אָבער אונטערגערוקט אַ גליקלעכער געדאַנק:

— וואָס דרייט איר אַ קאָפּ מיט אייערע מיאוסע שטיק, אידיאָט־קעס! דאָס איז דאָך מיינע אַ קוזינע! ערשט יענע וואָך האָב איך זי דער־קענט אויף דער האַלע, טאָ ווע מען זאָל איך העלפן, אויב נישט דער לעצ־טער פון מיין משפּחה, וואָס איז מיר איבערגעבליבן?

דאָס צופעליקע וואָרט, פון אַ געפונענער „קוזינקע" האָט באַקומען פליגל איבערן לאַגער. אַלע פּאָליציי־לייט און בעסער־סיטואירטע האָבן עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן געגומען געפינען קוזינקעס, גראָד זענען אַלע געווען די יינגסטע און שענסטע. ס'האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז זיי דינט דאָס מזל אפילו דערמיט, וואָס פון זייער משפּחה איז עמיצער יאָ פאַרבליבן... און מיט אַ קוזינע מעג מען דאָך אומגיין, צערטלעך אַרומגענומען, איבערן לאַגער; איר קען מען צוברענגען אַ שטיקל ברויט און אויסזוכן פאַר איר אַ לייכטערע אַרבעט... מען קען אפילו אַריינקומען ביינאַכט, ווען קיין לאַגער־מענטש טאָר זיך שוין נישט דרייען אויפן הויף, און זי אַרויסרופן אויף אַ שפּאַציר אין דרויסן. אויף דער גאַס איז קיל און ליבלעך. אַ פולע לבנה ווי אַ פּאַסטוך שטייט רואיק אויפן הימל און גיט אַכטונג אויף די שטערנס, וואָס פּיטערן זיך אויף דער טונקל־בלויער לאָנקע, וואָס זשע וועט זי זיצן אין דושנעם באַראַק, ווען אין דרויסן איז אַ מחיה צו שפּאַצירן אין דער שטילקייט, געשיצט פון אַ פּאָליציאַנט!? ווען עס איז רואיק, קען מען דאָרט אויך כאַפּן אַ שמועס וועגן דער אַמאָליקער משפּחה, זכרונות זיך דערציילן... אַזוי האָט עס צו־ערשט געהייסן, בכדי „צו פאַרשטאָפּן די מיילער".

און דער גורל איז ביז דער לעצטער מינוט אַזוי בייז און אומברח־מנותדיק! גראָד די מיידלעך, וואָס האָבן זיך גענומען שנעלער איינברעכן, שוואַכער ווערן; גראָד די, וואָס זענען געקומען מיט אָפּגעריסענע צויטן פון פאַבריק, מידע און פאַרגעלטע און וואָלטן געדאַרפט עמעצן, וועלכער

זאָל זיי מיטהעלפן אביסל — זיי האָבן נישט געקענט געפינען קיין קרוב, קיין נאָענטן...

געווען אזעלכע מיידלעך, וואָס האָבן די קוזינע־געשיכטעס גענומען טויט־ערנסט. זענען זיי געגאַנגען און געקוקט אין די פּנימער, איבער די מענער־רייען... פאַרשידענע מעשיות זענען ארומגעגאַנגען, ווי אזוי איין מיידל האָט אין דער אָדער יענער האַלע דערקענט אירס א ברודער, א ליבלעכן ברודער... קיינער האָט עס נישט געזען; דאָך האָט עס געוועקט האָפענונגען, בענקשאַפטן, וועלכע האָבן געבוירן אַן אנדער מעשה, ווי אזוי די פרוי פון א נאָענטן באַראַק האָט מיטאָג־צייט געזען א מענטש ארומגיין און קלייבן קאַרטאָפל־שאָלעכץ; און ווען זי האָט זיך אין אים איינגעקוקט, האָט זי דערקענט איר מאַן... זענען די פרויען און מיידלעך געגאַנגען אין די רייען און זיפצענדיק געשמועסט צווישן זיך:

— אַך, ווען איך געפין כאָטש א וויטן קרוב... איז נישט קיין קוזין! נאָר ביסלעכווייז האָבן אַלע גענומען פאַרשטיין, ווי אזוי עס זוכן זיך אָפּ קוזינען. די פּיקריניאַרקעס און סתם שוין־אויסגעמאַטערטע מיידלעך און פרויען, אַז זיי פלעגן צוריקקומען אין די פאַרנאַכטן פון דער פאַבריק, האָבן זיי זיך אָװעקגעזעצט פאַר דעם באַראַק, אָדער טרויעריק ארויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך און צווישן זיך געשמועסט מיט שטילן אומעט און קנאה:

— אוודאי, מיר וועלן קיין קוזינען נישט געפינען... אַז מ'איז הויל געלער שטויב — און אויסגעדאַרט דערצו! נאָר ווען איך האָב אביסל אָפּרו און וואָס אָנצוטון — וואָלט איך דען נישט געקענט אויסזען גלייך ווי אַלע?

ביסלעכווייז האָבן די „קוזינקעס", וואָס האָבן געפונען אָנגעזעענע „קוזינען", זיך אויפגעהערט דערמיט צו שעמען. אדרבה, זיי האָבן גענומען שטאָלץ ווערן דערמיט. עס האָט אויך אַרויסגערופן צו זיי א געוויסן דרך־ארץ: דעם פּאָליציאַנטס קוזינע, יענעמס!.. זיי האָבן אויסגעזען פולער און פרייַלעכער. עס האָט זיי אפילו נישט געאַרט, וואָס פון די פאַרשעמטע פריטשן אַראָפּ האָבן טרויעריקע מיידל־אויגן אויף זיי גענומען קוקן מיט כעס און פאַרביסנקייט...

## III

ווי אַ פונק, וואָס כאַפּט זיך אַריין אין אַ פּאַס פּולווער, אַזוי האָט דאָס וואָרט „קוזינקע" זיך אַריינבאַקומען אין ווערק צע אַריין. דאָס האָט געגעבן די ערשטע מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען, פאַרשטענדלעך מאַכן די טונקעלע, פאַרבאָרגענע און אָפענע דערנענטערונג. דאָס האָט ווי אַ פלאַם אַרויסגעזעצט פון די בלוטן, אייפערזיכטיק געמאַכט, מיטגע־שלעפּט... מיידלעך, וואָס זענען אָקאָרשט געווען איינעמס קוזינע, זענען פּלוצים געוואָרן אויס און „דערקענט" געוואָרן פון אַן אַנדערן. דער שליסל צו דער שעמעוודיקער טיר איז געפונען געוואָרן. דאָס וואָרט „קוזינע" האָט זי בלויז געעפנט — שפּעטער איז זי שוין שטיין געבליבן אָן אָפענע און מען האָט שוין געקענט דעם שליסל פאַרוואַרפן אויף שטענדיק. מער האָט מען אים נישט באַדאַרפט. דאָך האָט אים נאָך יעדער געטראָגן אין מויל, ווי אַ זאַך וואָס איז טאַקע נישט נויטיק, זי איז אָבער שיין און איי־דעלער — איידער צו גיין אויפברעכן, אפילו אָן אָפענע טיר, מיט אַ האַק...

די דערשלאָגענע און צוריקגעהאַלטענע פון די באַראַקן האָבן דאָס וואָרט גענומען נוצן אין אַן איראָנישן טאָן. ס'איז אפילו געוואָרן אַ באַ־צייכענונג מגזם צו זיין, אונטערשטרייכן אַ געוויסע חשיבות און לאַגער־רייכטום. פרידלאַנד, למשל, וועלכער האָט אַמאָל געוואָלט שילדערן מעכע־לען, ווי גוט אים גייט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, האָט עס אָנגעהויבן צו דערציילן אַזוי אַרום:

— מילא, זופּן — האָב איך איבערגעגעסן... און ברויט האָב איך אַזויפיל, אַז איך וואָלט זיך שוין געקענט פאַרגינען אויסצוזוכן אַ קוזינ־קע...

אַז עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען עטלעכע פּאָליציי־לייט, האָבן טייל פון די עלטערע און אַביסל צוריקגעהאַלטענערע — וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן די פרוי מיט די קינדער — זיך געישובט צווישן זיך. האַלב־פאַרטראַכט און האַלב מיט אַן אויפגערייצטער בענקשאַפט:

— איז, ווי זאָגסטו? ס'וואָלט אפשר כדאי געווען זיך אויסצוזוכן עפּעס אַ ליטיש קוזינקעלע?

פון די „אויבערשטע" שיכטן אין לאגער האט דער קוזינע-מנהג גע־
נומען אראפגיין צווישן די נידעריקערע שיכטן, ביי די געזונטערע לא־
גער־מענטשן. מיידלעך, וואס האבן נישט געקענט צוקומען צו די „גרוי־
סע", האבן גענומען זוכן צווישן די איינפאכערע, וואס קענען זיך נאך
אלץ אן עצה געבן מיט דער פאבריק און מיטן הונגער. צוגלייך מיט דער
קנאה צו אנדערע האט אויך אויפגעוואכט דאס געפיל פון איינזאמקייט,
די עלנט. מען האט פלוצים זיך אומגעקוקט אויך אויף דער צייט און
געזען ווי זי גייט אוועק, זי לויפט, מען ווערט עלטער... און ווער ווייסט,
ווי לאנג דאס לעבן קען זיך אזוי ציען און ציען... און טאמער לעבט מען
אמאל איבער, וועט מען שפעטער שוין זיין אין די יארן. און אויך א האפ־
ענונג האט א גלענצל געטון: וואס קען מען דען וויסן? אפשר קען אזא
קוזינע־קאנטשאפט זיך פארפעסטיקן, זיך אריבערציען אויך אויף ווייי־
טער, אויב גאט וועט שענקען דאס לעבן און די פריי?...

צוערשט איז די צאל מענער געווען גאר א גרעסערע ווי פרויען. די
שטערבלעכקייט האט אבער בעיקר ארויסגעריסן די מענער; גאנץ באזונ־
דער האבן זיך די פרויען בעסער געהאלטן. גוט-אויסזעענדיקע פרויען זע־
נען געווען א סך מער ווי מענער, וועלכע זענען געווען אריינגעטון איז
דער זארג פון דער ארבעט, פון טעגלעכן הונגער און אפילו רעכט נישט
באמערקט, אז אין לאגער זענען פאראן אזויפיל שיינע מיידלעך. דער אויס־
וואל איז דערפאר געווען א באגרענעצטער און די זאטע און אויסגערוטע
זענען ארומגעגאנגען ווי אויסדערוויילטע מיוחסים...

די פשוטע אויסגעמאטערטע ארבעטער פלעגן ליגן ביינאכט אויף
די נאקעטע פריטשען און שמועסן צווישן זיך וועגן אמאליקע מיידלעך,
וועלכע זיי האבן ליב געהאט אדער געקענט. אין יענע צייטן זענען זיי נאך
נישט געווען אויסגעדארט און פארהונגערט. איז דער זכר פון יענע לי־
בעס ביי זיי געבליבן אין זכרון ווי א נארמאלע, גוטע זאך, וועלכע איז
פארלוירן געגאנגען. די מיידלעך פון לאגער האבן זיי אבער אזוי ווי
נישט געזען... טיילמאל האט זיך אפילו יא געקענט באמערקן נישט ביי
איינעם אזא אויפגערעגט־משוגענער גלאנץ. דאס איז געשען ווען ער האט
ארויסגעקוקט דורך א פענצטער און געזען ווי פארלעך גייען ארום אין

דרויסן, אָדער ווען אַ מיידל האָט אַריינגעוואָרפן אַ פאַרבלאָנדזשעטן בליק אין באַראַק אַריין... אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אַ ריס געטון: בין איך דען נישט אַזוי יונג ווי זיי? פאַרוואָס קומט עס נאָר יענע?

דער מאַכטלאָזער ווייטיק אין אַלע אבֵרים האָט אים אָבער אָפּגעענט־פערט אין דער מחשבה:

— דו געהערסט זיך מער נישט אָן דערמיט. וועגן זיי קענסטו מער נישט טראַכטן! אַ מיידל? דאָס קען בלויז זיין דיין חלום פון אַמאָל. מיט די היינטיקע, די וועלכע זענען דאָ פאַראַן, לעבסטו מער נישט אויף איין וועלט...

איינמאָל האָט אפילו מעבעלע געהערט עמיצן גיפטיק אַ צישע טון פון אַ ווינקל־פּריטשע אַרויס:

— עט, מיר זענען מער נישט אין חשבון... זיי וועלן שוין מוזן אַלע אַריינפאַלן צו די קאָמענדאַנטן און דער פּאָליציי...

אַזאַ רעזיגנירטקייט האָט ביים גרעסטן טייל פון די לאַגער־מענער צוגענומען דעם חוש. זיי האָבן נאָר באַמערקט די פרויען, ווען מען האָט ביי טייל פון זיי אַ האַנדל געטון מיט אַ ציגאַרעטל, אָדער אַ שטיקל ברויט. די דאָזיקע מענטשן, אויסגעהונגערט און פאַרגרעבט, האָבן זיך אָפּט געזידלט, געשאָלטן; געשלעכטלעכער ניבול־פּה און רייד וועגן ווייבער זענען אָבער כמעט אַרויסגעפאַלן פון זייערע רייד, ווי אַ זאַך וואָס איז פאַרגעסן און עקזיסטירט נישט מער... און אויב אַזאַ וואָרט איז שוין יאָ אַמאָל געפאַלן — איז עס נישט געקומען מיט קיין פעטן תאווה־קלאַנג, נאָר אַזוי מאָגער און בלאַס, ווי אַ סילועט פון אַ ווייטן נעבכטן...

מעבעלען איז עס אַמאָל אויפגעפאַלן. און ער האָט זיך דערטראַכט, אַז דאָס מיידן זיי אוים בכיוון, נישט וועלנדיק זיך אַליין ווייטון דערמיט, נישט אָנרירן אַ וווּנד, ביים דערמאָנען זיך, אַז מ'איז מענער.

ביי אַנדערע, די איידעלערע, איז דאָס מין ווייב שטעקן געבליבן אין זכרון מיט אַן איבערבלייב פון עפּעס היימיש־פאַרבענקטס, ווי אַ זכר פון עפּעס אַ הייליקן שימער. יעדעס גראָבע וואָרט פון דער זייט וואָלט אים פאַרשוועכט עפּעס אַזעלכעס, וואָס קען שוין מער נישט צוריקקומען אין האַרץ מיט דער זעלבער זויבערקייט פון פאַרשווונדענעס...

אפילו אין די אָפּטע, ביטערע גראַנגלען, װי די חיות, פֿאַר אַ טראָפּן פּאַרגאָסענער זופּ אָדער אַ באַמערקטע קאַרטאָפֿל־שאָל; װען די נעגל זענען גרייט אויפֿצורייסן דעם גאָרגל פֿון צװייטן, האָט זיך דער מין ניבול־פּה זעלטן־װען אַרויסגעריסן פֿון דער קעל אַרויס... מעכעלע האָט עס באַלד די ערשטע צייטן באַמערקט און דאָס האָט זיך פֿאַר אים אַרויסגעװיזן װי עפּעס אַ באַהאַלטענע קמיע, װאָס הענגט נאָך אַלץ אויפֿן שאָטן פֿון מין מענטש און שיצט אין אים די לעצט־אויפֿגעהיטענע שטויבן פֿון געװעזן־מענטשלעכער איידלקייט.

בלויז דאָס װאָרט „קוזינקע" האָט זיך אָבער טראָץ דעם איידעלן הייטעלע איינגעבירגערט און געװאָרן דער פֿאַרשטעקטער אויסדרוס פֿון קנאַהדיקער, טיף־מעלאַנכאָלישער איראָניע.

IV

האָט מען זיך געװאָלט פֿאַרטראַכטן, איז אויך אין דעם געזען עפּעס אַזאַ ניסימדיקער, איבערנאַטירלעכער כח. װיפֿל מאָל האָט עס מעכעלען געעקלט פֿון דעם גאַנצן מיידלעך־טומל, דעם קוזינקע־פּסיכאָז, װאָס האָט דעם לאַגער אַזוי שנעל אַ כאַפּ געטון! צום װיפֿלטן מאָל האָט אַ שטרענגע שטים אין אים זיך געבייזערט, געשריגן און געװאָרפֿן זיך פֿון בושה:

— זיי פֿאַרקויפֿן זיך דאָך פֿאַר דעם מינדסטן! עס קומט דאָ כמעט נישט פֿאַר קיין צוזאַמענפֿאָרן צוליב נשמה־נאָענטקייט, צוליב געפֿילס־ציענישן, נאָר פּשוטע ברויט־זנות, זנות אויף קברים!

ס'איז אָבער גענוג געװען צו זען, װי אַזוי די זעלבע מיידלעך האָבן אויסגעזען מיט געציילטע װאָכן פֿריער, װי דערשלאָגן זיי זענען געװען, שמוציק און אָפּגעלאָזן... דאָס צו געדענקען האָט אויך געהייסן: באַגרייפֿן, אויב נישט צו באַרעכטיקן. ניין, זיי װאָלטן לאַנג, אין זייער טרויער און אָפּגעריסנקייט, נישט געװען זיך פֿאַרטראָגן. זיי װאָלטן רעזיגנירט, אַריינגעפֿאַלן אין אַ קרענק און אַװעק אויפֿן װעג פֿון אַזויפֿיל אַנדערע; יענעם קורצן װעג, ביז צום שים־שטאַנד.

דער אויפֿטרייסל אין זיי איז דאָך נישט געקומען בלויז צוליב

דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט נאָך אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל שוך. צוזאַמען מיט דעם קוזינקע־ווימלעניש האָט אין די פּרויען אויך דער־וואַכט צוריק דאָס פאַרחלשטע געפיל פון אינסטינקט געפעלן צו ווערן. און אָט די טרייב־קראַפט האָט זיי אפשר מער אויפגעלעבט, ווי אַן אי־בעריקער ביסן, ווי דאָס פולע זאַט ווערן...

דאָס באַקומען צוריק דעם באַוווסטזיין, אַז מען גייט פאַרביי אויגן וואָס זעען דיך אָן, האָט די מיידלעך געברענגט נאָך דער אַרבעט צום איינציקן וואַסער־קראַן, זיי געגעבן געדולד צום שטיין שעהען־לאַנג און וואַרטן, ביז מען וועט זיך קענען גוט אָרומוואַשן... דאָס געפיל, אַז אויך דאָ דאַרף מען עמעצן געפעלן, האָט זיי געצוווּנגען דורך אַלע וועגן אויסצוזוכן אַ שטיקל שפּיגעלע, אַ קעמעלע; אויפצוזיין האַלבע נעכט און צורעכט מאַכן זיך דאָס קליידל, צוזאַמענצושלעפּן שטיקלעך שמאַטעס און מאַכן דערפון עפּעס אַזאַ בגד פון אַלערליי קאָלירן, וואָס האָט דאָך צוגעגעבן אַ חן...

אמת, עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך, די ערשטע צייטן, פאַרנאַכט אַ שליידער געטון אויף דער מידער קויקע, געלויזט זיך אָדער זיך אָפּגעגעבן דעם טרויער נאָך דער אַמאָליקער היים. דאָס זענען אָבער געווען ווייטע און פאַרפלויגענע זכרונות און די מענטשן, וועלכע מען דאַרף געפעלן, דרייען זיך אַרום דיר, קלאַפּן אָן אין בלוט מיט ממשדיקע קלעפּ — ווערן די טרויער־שפּינוועבעכצער אַריינגעצויגן טיפער און אי־בער זיי שטייט די אָנגעגאָסענע, גראָבע שפּין, וואָס רופט זיך: לעבן!

האָבן אַ סך פון זיי אויפגעוואַכט, זיך אויסגעניכטערט און אויסגע־פּוצט פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק; יאָ, ווי ווייט מעגלעך — אויך פון אינעווייניק! זיי האָבן אויסגערייניקט די קנייטשן און זיי באַ־דעקט מיט אַ שמייכל, ווי מיט אַ זיידן טישטיכל. און אפילו די, וואָס האָבן קיין „קוזינען" נישט געהאַט און זיך געהיטן פון זיי, האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין אין אויסזען, אין ריינקייט און פרייעלעכקייט פון יענע. די פריערדיקע יאָבן שוין אַרויסגעשאַרט די בושה־קאַשטאַנען פון בריע־נענדיקן געפיל אַרויס און זיי האָבן נאָר באַדאַרפט יענע אָניאָגן; אויס־טראָגן און געטראָגן ווערן פונעם לעבן געפעלן צו ווערן. איז דאָס זייער

נס געוואָרן, דאָס ווינטל פון גאָט, וואָס האָט אַ שפּיל געטון מיט לעבן איבער זייערע אויסגעטריקנטע ביינער...

אויסגערוטע מענער מיט נאָרמאַלע חושים זענען געוואָרן וואָס ווייניקער פון די פרויען וואָס האָבן אָנגעהויבן גיין מיט טענצלדיקע, זוכנדיקע טריט — האָט די אָנשטרענגונג געמוזט זיין גרויס און געוואַגט. איז דאָס געוואָרן די האַלוצינאַציע, וואָס האָט זיי געצויגן... איז דאָס אויך געווען וואונדער? ווי מעכעלע וויל עס נישט באַשטעטיקן — הענגט עס איבער אים. ווי שטאַרק דער עקל זאָל זיך צו אים נישט רייסן, האָט ער אים נאָך אַלץ נישט אַדורכגענומען; אָט קוקט ער זיך אַרום און זעט-צו דאָס אַלץ, וואָס איז שמוציק, שטעכיק און דאָס אויג פרייט זיך פאָרט, דאָס האַרץ פלאַטערט דאָך, ווען אין מיטן די בלאָטיקע זומפּן דרייען זיך אַרום געטאָקטע שיינהייטן, וואָס לויכטן אַרויס פון די שמאַטעס, שמייכלען, בליקן אין פנימער און פאַרהעלן דעם אַרום... וואָס אַרט עס אים אַזוי, וואָס זיי טוען? זיי טראָגן און דערהאַלטן נאָך די שיינקייט פון אַ שטאָט, וואָס מען וויל אים פולשטענדיק מנוולדיק מאַכן!...

ווי קען מען זיך פרייען מיט זייער שיינקייט? נישט אַריינקלערן צופיל! זאָל דאָס ערשטע געפיל, אָן פאַרטיפונג אויך קומען צום וואָרט. בפרט, ווען דאָס האַלט אויף נישט בלויז די, וואָס דאָס באַקומענע ברויט שטאַרקט און פאַרשענערט, נאָר אויך די אַנדערע, וואָס ווערן אָנגעגליט פון יענער שיינער פּנים-רויטקייט און זיי רייסן זיך מיט, ווערן מיטגעצויגן מיטן ווילן און אָנשטרענג אויך שיין צו ווערן — — —

דאָך האָט אַ שטילע נעפּל-אייפערזוכט געפרעסן די אינערלעך-אָפּגעשטאָרבענע מענער פון די האַלעס. טייל אַרבעטער פון די שווערע שטעלן האָבן נאָך געזען אין די גלאַנציקע שטיוול פון דער פּאָליציי דאָס אָפּבילד פון אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט, דעם שאָטן פון זייער נעכטן, וואָס וואָלט נאָך צוריק געקענט ווערן היינט. זיי האָבן געזען מיט זייערע אויגן, אַז עס איז נאָך פאַראַן געגוס, נאָר דער פּלאַץ דערפאַר איז חרוב און זיי — האָט באַנג געטון, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלוירן דאָס גלוסטעניש און עס רייצט זיי שוין אפילו נישט מער מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. האָט געטראָפן, אַז איינער פון די פאַרחושכטע געשטאַלטן איז אַמאָל

אַרויסגעקראָכן, אַנטקעגנגעגאַנגען אַן אָנקומענדיק צעשטראַלט מיידל און זיך באַמיט איר אַריינצושמייכלען אין פּנים אַריין:

— פרײַליין...

זי האָט אָבער באַמערקט דאָס צעקרימטע מויל, די איינגעגראָבענע אויגן און מיט שרעק גענומען זיך אָפּרוקן זייטיק... אַזעלכער האָט זיך נישט פאַרשעמט, נישט געפילט זיך געטראָפן. ס'איז ביי אים נאָר געווען אַ פאַרלאַנג אַזאַ, אַרויסצוגיין און עלעגאַנט אַ שמייכל טון צו אַ מיידל. פּונקט ווי אַ טויטער וואָלט זיך געגאַנגען אַ פאַרמעסט טון, אויב ער קען נאָך אַן אָטעם טון מיט לופט פון אויסערן קבר. ווייטער גאָרנישט. נאָכדעם איז ער געבליבן שטיין מיט אַ נאַריש־צופרידענעם שמייכל. וואָס ווייטער? ער האָט שוין זיינס דערגרייכט, אפילו דערמאָנט זיך אַן עלעגאַנטן קניקס פון אַמאָל, דאָס לייכטע פאַרנויגן זיך... וואָס זי האָט געטראַכט דערביי — האָט אים נישט אינטערעסירט. איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע אַזוי נאַרישעוואַטע און שפּעטער זיך אַריינגעשאַרט אין באַראַק אַריין, זיך אַוועקגעלייגט צוריק אויף זיין קויקע און שטיל, אין זיך, אַריינגעשמייכלט. דאָס האָט ער דאָך נאָר געהאַט אַ זעאונג מיט זיין פאַרגאַנגענהייט; ווי אַ תּפיסהניק, צו וועמען אַ ווייט און נאָענט געשטאַלט איז געקומען זיך זען און איבערגעלאָזט אַ גרוס אויף זיין פּנים פון אַ וועלט, וואָס קען נאָר נעבן אים פאַרביישימערן — אָבער זי מוז פאַרשווינדן...

## קאַפּיטל דריי

### I

די פאַבריק־האַלע 58 איז אויסגעטיילט און אַביסל אָפּגעזונדערט פון אַלע האַלעס און אָפּטיילונגען. אַרומגערינגלט מיט ביימער און קוסטעס, האָט זי אויסגעזען ווי אַן אויטאָנאָמע פאַבריק. דער פאַקטישער מייסטער אירער איז געווען זשעלינסקי, אַ פאָלקס־דייטש פון יענער געגנט. אַזוי ווי מען האָט געכאַפּט יונגע פּאָליאַקן צו דער אַרבעט קיין דייטשלאַנד,

האָט ער אַרויסגעוויזן זיין הילף־גרייטקייט און זיי אַריינגענומען, וויפיל ער האָט געקענט, אין זיין אָפּטיילונג. דערפאַר האָט ער נישט צוגעלאָזט אין זיין האַלע קיין ייִדן. ער האָט אפילו געהאַט אַ מאָטיוו דערפאַר אָנ־צוגעבן: היות ווי ביי אים ווערן די גראַנאַטן דאָס לעצטע מאָל קאָנטראָ־לירט, וויל ער זיי אַזאַ וויכטיקע אַרבעט נישט אָנפאַרטרויען. האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל שיקסעס און זייערע קאַוואַלערן, מער וויפל די האַלע האָט באַדאַרפט. דאָס האָט זיי געזאָלט שיצן, נישט אָוועק־געשיקט צו ווערן. מיט דעם אָבער האָט ער שוין יוצא געווען פאַר זיין אַמאָליקער פּוילישקייט.

זשעלינסקי האָט שוין צעטיילט די אַרבעט, אויסגעזוכט וואָס מער נעבן־אַרבעטן אַרום זיין האַלע אַזוי, אַז זיין הערשער־מאַכט זאָל אַרומ־נעמען וואָס מער מענטשן.

ווי יעדער פּאָליאַק, מיט פּריש־אַנטדעקטער „דייטשישקייט" אין זיך, האָט ער די ערשטע צייט באַמיט זיך אַרויסצוווייזן זיין היפּער־פּאַטריאָ־טישקייט, אָפּט געשלאָגן מיט זיין גרויסן שטעקן און געצירט זיך מיט זיין געבראָכענעם דייטש פאַר די פּאָליאַקן ווי מיט אַ הויכן אָרדן, מיט וועלכן די השגחה אַליין האָט אים אויסגעצייכנט... צו די פּאָליאַקן האָט ער זיך אין אָנהויב באַצויגן שטרענגער ווי אַנדערע און כסדר געהאַלטן אין איין דערציילן זיי אויף פּויליש, ווי אַזוי זיי האָבן אין אָנפאַנג מלחמה פאַרניכטעט צענטליקער טויזנטער דייטשן אין בראָמבערגער געגנט. דער־ביי האָט ער אָקעגנגעשטעלט די דייטשן, וואָס זוכן נישט קיין נקמה, נאָר באַמיען זיך צו שאַפן ברויט און אַרבעט פאַר אַלע פּאָליאַקן, כאָטש עס איז מלחמה און יעדעס שטיקל ברויט דאַרף מען וועגן מיט גאָלד צו־גלייך...

מיטן אויפקומען פון די ערשטע ספיקות אינעם ענדגילטיקן זיג פון די דייטשן, האָט אויך זשעלינסקי זיך גענומען פאַרזיכטיק צוריקציען. ער האָט ביסלעכווייז גענומען אַרויספּינטלען זיין ברעקל פּוילישקייט, פּוצן עס אין די פעדערן פון אַלערליי אָנצוהערענישן אַזוי, אַז ווער עס וויל זאָל פאַרשטיין, אַז אייגנטלעך שפּילט ער גאָר אַ קאָמיש שפּיל אַזאַ... מיט גע־ציילטע, דערשטיקטע ברומען, האָט ער געשאַפן אַן אַטמאָספערע, אין וועל־

בער עס זאָלן קענען געבוירן ווערן שושקערייען און סברות ביי די פּוי־לישע מיטאַרבעטער זיינע, אַז „ער האָט אפשר אַזאַ באַפעל פון ערגעץ", און ער האַנדלט לויט באַהאַלטענע דירעקטיוון, וועלכע ער פירט נאָר מייסטערהאַפט־אַקטיאָריש אויס... אין אַ זייטיק ווינקל האָט ער זיך אפילו דערלויבט אויסצוהערן אַלערליי עגמת-נפשן פון די אַרבעטער און „איבערגענומען" האָט ער געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויער... דערפאַר אָבער האָט ער זיך באַמיט, אַז אָפיציעל זאָל זיין דייטשישקייט אַרויס־קומען וואָס בולטער פאַר די עכטע רייכסדויטשן. אייגנטלעך האָבן עס געמאַכט אַלע פאָלקסדייטשע מייסטער, סיי גאַיעווטשיק און סיי פיגאָוו, ביי זשעלינסקין איז עס אָבער אַרויסגעקומען מאָדנע־שרייעוודיקער און פּרעטענציעפולער.

אין דער האַלע איז ער געווען דער האַר און באַפעלער. ער האָט עס אָבער נישט געמאַכט מיט יענער אָפענער ביטערקייט און ערנסט. צוזאַ־מען מיטן מ י י ס ט ע ר איז ער אויך געווען דער ל ץ, נ אַ ר און ק ל אָ אַ ו ן פון דער האַלע. ער האָט פאַרשאַטן די דייטשן און פּאָ־ליאַקן מיט וויצן, בייזע שפּיצלעך — אין וועלכן דער ערנסט מיטן שפּאַס האָבן זיך שטענדיק אַזוי צוזאַמענגעקנעטן — ביז מען האָט נישט גע־קענט וויסן, וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל. ער האָט זיך געמישט אין אַזעלכע האַלע־עסקים, וואָס אומעטום געהערן זיי צו די קלענערע געהילפן; זיי זענען אָבער געווען די בעסטע געלעגנהייטן, ווו זיינע קאַפּריזן האָבן קענט אַרויסקומען גאָר לעכערלעך און דערביי אויך טרעפן צו אַ באַ־שטימטן ציל און מיין. די פּאָליאַקן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן צווישן זיך: משוגענער אידיאָט! כאָטש זיי האָבן נישט איינמאָל געקענט פעסט־שטעלן, אַז ווען עס האַנדלט זיך ביי פּראָדוקציע־ענינים, קען זשעלינסקי איבערכיטרעווען דעם קלוגסטן מאַרקיראַנט און פוילענצער. זיינע משו־גענע שטיק האָבן אים נאָר צוגעהאָלפן, אַז די שפּיציקע שנאה, ווי צו אַן אָנטרייבער, זאָל צו אים בעל־כרחם נישט זיין אַזוי אָנגעשאַרפט.

„אַ משוגענער!" — און דאָס האָט געקלעקט, אַז מען זאָל די אינע־ווייניקסטע, ספּעציפיש־פּוילישע פאַרביסנקייט בנוגע אים אָפּלאָזן, נישט דראָען מיט זיי זשעלינסקין אין די האַרץ־פאַרבאָרגענישן.

די גרעסטע טייל פון דער ארבעט אין דער האַלע איז געווען אַ לייב־טע: אין דער אָפּנעמעריי האָבן די יידן פון דער טראַנספּאָרט-אָפּטיילונג געברענגט פּאַרטיק־אויסגעאַרבעטע גראַנאַטן. דאָ האָט מען זיי אויסגע־פּרוווט און באַשטעטיקט צום אָוועקשיקן. דער סדר פון דער ארבעט איז געווען אַזוי: אין דער האַלע זענען געשטאַנען צוויי גאָר־לאַנגע טישן מיט אייזערנעם באַדעקנס. פון ביידע זייטן טיש זענען געווען צוגעשלאָגן דינע, אייזערנע שינעס, אויף וועלכע מען האָט די גראַנאַטן איבערגעקייקלט פון איין האַנט צו דער צווייטער. ביי ביידע זייטן זענען געזעסן לאַנגע רייען מיט מענער און פרויען און יעדער האָט זיך געהאַט זיין ארבעט; איינער האָט זיי אָפּגעפּוצט מיט אַן אייזערן בערשטעלע פון טראָטיל־שטויב, דער צווייטער האָט געריבן די דיקע מעטאַל־ווענט מיט אַצעטאָן, אַ דריטער האָט געלייגט אַ שטעמפּעלע אויפן באָדן... און אַזוי האָבן זיי זיך געקוילערט פון האַנט צו האַנט, ביז צו דעם ברעג פון טיש, ביי דער טיר. שווער איז בלויז געווען די ארבעט פון אַרויפלייגן די גראַנאַטן אויפן טיש און ביים אַראָפּנעמען זיי; איינפּאַקן יעדע כלי אין אַ קויש פון געפּלאָכטענע שטעקלעך און זיי צוריק אויפלאָדן אויף די טראַנספּאָרט־וואַגאָנעטקעס.

די יידן פון אַנדערע אָפּטיילונגען האָבן די גראַנאַטן אַריינגעשלעפּט ביז צו די טישן און דורך ספּעציעלע הייבערס אָוועקגעשטעלט די געלאָדענע וועגעלעך נעבן די דערלאַנגערס. ביי ביידע זייטן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער, הילצערנער קלאָץ, אויסצוקלאַפּן אויף זיי די כלים פון שטויב.

ווי נאָר מען האָט אַריינגעבערענגט אַ וואַגאָנעטקע איז צוגעקומען אַ פּוילישער קאָנטראָלער, מיט אַ ספּעציעלן אויסמעסטער אין האַנט און נאָכגעזוכט, אויב דאָס לאָך פאַרן צינדער איז ריכטיק אויסגעבויערט. כאָטש אין די האַלעס האָט מען די גראַנאַטן נאָכגעזוכט פאַרן אַרויסשיקן, האָט דער מעסטער פון האַלע 58 שטענדיק געפונען פעלערן. ווען דאָס לאָך איז געווען צו פלאַך, האָט ער עס פאַרטיפט מיטן ספּעציעלן בויערער, וואָס ער האָט געהאַט ביים שפּיץ פון אייזערנעם מעסטער. ווען אָבער דאָס לאָך איז שוין געווען צו־טיף, האָט דער קאָנטראָלער אָנגעשריבן אויפן

גראַנאַט אַ גרויסע ציפּער פינף. דאָס האָט באַדייט, אַז דער גראַנאַט טויג נישט און מוז איבערגעשיקט ווערן נאָכאַמאָל אין דער גיסעריי. ער האָט אויך געמאַכט אַנדערע קרייד־צייכנס אויף דער אייזערנער פעל פון דער גראַנאַטן־פלאַש, וואָס האָט אָנגעוויזן די מענטשן ביים טיש וואָס זיי האָבן צו טון, בכדי די משחיתים צו ברענגען אין אָרדענונג. אין גיך צו מאַכן וואָס שנעלער די הויכע נאָרמע, זענען די צייכנס געווען שטאַרק פאַרהאַסט ביי די אַרבעטער, ווייל דאָס האָט באַדייט: פאַרלירן מער צייט ביים אָרדענען די פעלערהאַפטע.

נישט שטענדיק האָבן די גיסערייען באַוויזן צוצושטעלן די נייטיקע צאָל גראַנאַטן פאַר דער אָפּנעמעריי און די געפּראַפּטע רייען ביי די טישן האָבן דערפאַר געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו כאַפּן אַ שמועסל צווישן זיך, פלירטעווען אָדער אַרומקריגן זיך. צוליב אַזאַ אָפּהאַלט האָבן זיי אָבער ביינאַכט געמוזט בלייבן לענגער, ביז זיי האָבן אויסגעפּאַרטיקט די נאָר־מע. אַז מען האָט געברענגט אַביסל גראַנאַטן, האָט מען זיי וואָס שנעלער געוואָלט האָבן אויפן טיש און דערפאַר געקוקט מיט בייזע אויגן ווי דער קאָנטראָלער נעמט אויסציקלען זיינע קריידענע פינפן... אַמאָל פלעגן זיי אַריינפאַלן אין אַ צאָרן:

— אָט דיר, אין זיין ק...ער מוטער! מ'וועט שוין ווידער נישט אַהיימגיין צו דער צייט...

די איינציקע, צו וועלכע מען האָט געקענט אויסלאָזן דעם כעס, זע־נען געווען די יידישע טראַנספּאָרטלער. פון אַלע זייטן האָט מען צו זיי גענומען שרייען:

— הורנזין! קיין בעסערע סחורה קענט איר נישט ברענגען? איר זוכט אוים ספּעציעל די קאַליקעס, בכדי מיר זאָלן נישט קענען ענדיקן די אַרבעט!

נישט איינמאָל פלעגט זשעלינסקי, מיט עטלעכע פון זיינע יונגען, צופאַלן שלאָגן די יידן, פאַרוואָס די גיסעריי האָט געשיקט שלעכטע גראַ־נאַטן — האָבן די טראַנספּאָרטלער געציטערט ביים אַריינפירן די וועגע־נער און נאָך איידער דער קאָנטראָלער האָט זיך צוגערירט מיטן מעס־טער — האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

## II

ביי יעדן ברעג פון טיש זענען געשטאַנען צוויי הויכע, געזונטע פּאַ־ליאַקן און שנעל אַרויפגעוואָרפן די גראַנאַטן אויפן טיש. די שיקסעס האָבן זיי שנעל געקוילערט מיט די שפּיץ פינגער, געגראַבלט אין דער עפענונג מיט לאַנגע, קופּערנע שפּיזן און זיך נאָך געוויצלט איבער די צוויי דערלאַנגערס, וואָס שטייען אָפּ פון דער אַרבעט. עס האָבן זיך אָבער שטענדיק אָנגעזאַמלט אַ היבש ביסל „קאַליקעס", באַצייכנטע מיט פינפן, וועלכע מען האָט געמוזט צוריקשיקן. האָבן זיי זיך דערווייל גע־פּיילט די נעגל און געשמועסט אַלע אויף אַמאָל מיט שטילע, שפּיציקע רייד. מערסטנטיילס האָט איינע געזוכט גיפטיק אַ שטאָך צו טון דער צווייטער, ביז מ'איז מיד געוואָרן דערפון און אַלע שלעכטע שטימונגען און ווונטשן אָפּגעשיקט אויף דער יידישער קאָנטאָ. די איינגעבוירענע שנאה צו יידן האָט דאָ געהאַט געגוג צייט־בלויזן, אין וועלכע זי האָט געקענט אָנשווילן און צוגעשאַרפט ווערן. דאָ איז צייט געווען אַלץ אויס־צוהערן און דערזאָגן. און שפּעטער, ווען די אַרבעט האָט געמוזט ווידער גיין מיט אַלאַרמירנדיקער שנעלקייט, האָט מען נאָך באַוויזן דאָס פינ־גער־געיעג אָנצוהייבן מיט אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער קללה אויפן יידישן חשבון, ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד געווען איין מינוט צו פאַרלירן צוליב דעם אָנהייבן אַרבעטן.

די אויסבראַקירטע גראַנאַטן זענען אויך געווען דאָס געשפּענסט פון די יידן אין די גיסערייען. מען האָט זיי געמוזט נאָכאַמאָל איבעראַרבעטן אויפן חשבון פון דער נאָרמע און בלייבן לענגער אין פאַבריק. נאָר ווי־פיל מען האָט זיך נישט געהיטן ביים גיסן — האָט האלע 58 צוריקגע־שיקט איר טייל. זענען צוגעקומען פרישע קלעפּ פאַר „סאַבאָטאַזש" און אַ צוגאָב־מי פון טראָגן און איינמאַשינירן די געפּסלטע. די זעלבע שווע־רע אַרבעט איז אויך צוגעפאַלן די צוויי, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט אויף די טישן פון דער אָפּנעמעריי.

דאָס בעסטע פאַרגעניגן ביי זשעלינסקין איז געווען צו נעמען דעם אייזערנעם מעסטער ביים קאָנטראָלער און אַליין נאָכזען די פּגימות און

— ווען אזויפיל אויגן זענען געווען אנגעשטעלט אין זיין זייט — צו שרייבן גרויסע, צולהכעיסדיקע פינפן. ער האט דערביי מיט אן הנאהדיק, ליציש שמייכעלע אויפגעכאפט יעדע קרומע גרימאסע פון די טיש־שיק־סעס און זיך דערביי געהאלטן אין איין חכמהנען:

— ווייי און ווינד, דו וועסט היינט פארשפעטיקן צו טרעפן זיך מיט דיין קאוואליר... נאר זארג נישט! אויב דו וועסט מיך שטארק בעטן — בין איך נישט אזא שלעכטער; איך קען אים דיר היינט פארטרעטן... ווייסט דאך, פאר מיינע ארבעטער בין איך אלץ גרייט צו טון...

ער האט מיט א מאדנער, נישט־מענטשלעכער פלינקייט באוויזן צו זיין אומעטום, שטיין איבער יעדן באזונדער און צוזען, אויב מען באהאנדלט ארנטלעך די גראנאטן. טיילמאל איז ער פארשווונדן פון דער האלע און די שיקסעס האבן גענומען פארנאכלעסיקן דאס פוצן. אבער, ווי נאר דער גראנאט האט זיך א קוילער געטון אביסל ווייטער, האט מען שוין געהערט זשעלינסקיס קולכל קומען ווי א גרילץ פון יענער זייט האלע:

— העי, דו זונה! נעם שוין צוריק די פלאש און מאך דיין אר־בעט... ווען נישט — וועסטו זיך מער נישט דארפן איילן צו דיין ווע־טשערע; וועסט אפילו נישט דארפן מער גיין זען דיין גולמדיקן כלאפ... געדענק עס!

איז זשעלינסקיס שאטן מיט די שווארץ־צוגעשפיצטע היטלער־וואנסעלעך געהאנגען איבער דער האלע אפילו דאן, ווען ער איז דארט נישט געווען. עס האט זיך אויסגעוויזן, אזוי ווי ער וואלט דא איבערגע־לאזט די ווענט, די לאמפן — אז זיי זאלן דא אלץ צוהיטן מיט נישט אנזעעוודיקע, ממזרישע אויגן...

דאס גאנצע נאכשפירן און אונטערטרייבן ביי אים אבער איז נישט געווען געמאכט מיט קיין אנזעעוודיקער שלעכטקייט און געפיללאזיקייט. גיכער איז עס געווען אזא פאיאציש שפיל, אן אפשפעטן אויך פון זיך אליין, אדער א פארבארגן נאכקרימען עמיצן. טיילמאל איז אים אויך דאס נמאס געווארן. זיין איינגעצויגן פנים איז דאן נאך מער איינגע־שרומפן געווארן און די וואנסעלעך האבן זיך געווארפן נישט אין קיין

מייסטערדיקער אויפרעגונג, נאָר ווי אַ מינוט פאַרן אַרויספלאַצן אין אַ געוויין... זיינע געפילן זענען אָבער געווען אַזוי שפּרינגעוודיק ווי זיינע דאָרע פיסלעך. אָט טוט ער אַ לויף צו דער צווייטער זייט האַלע און פּונקט ווי דעם גוף, רייסט ער אויך אַרויס זיין שטימונג פון דעם ווייבן, סענטימענטאַלן קלאַמער... אויך זיינע מחשבות לויפן דאַן איבער אין אַ צווייטן עקסטרעם אַריין. אַזוי ווי יעדער האַלע־ווינקל וואָלט פאַר אים באַהאַלטן אַ באַזונדערע שטימונג.

באַלד אויפן צווייטן טאָג פון מעכעלעס אָנקומען אין האַלע 58 האָט ער עם געקענט באַמערקן אויף זשעלינסקין;

אין יענעם טאָג האָט גראָד געפלייצט אַ רעגן. די האַלע האָט פרייער אויפגעאָטעמט אין דערשטיקטן ריח פון שוויים און אויפרייס־מאַטעריאַלן. אין דרויסן, אונטער די פענצטער, האָבן די פאַרשטויבטע ביימער זיך גע־צוואָגן די קעפּ און די שויבן האָבן געוויינט ווי ביי אַ נאָענטנס לוויה. זשעלינסקי איז גראָד אַרומגעלאָפן אַ צעחושטער פאַר אויפרעגונג. צוליבן רעגן זענען אַ סך דאָרפישע פּאָליאַקן נישט געקומען צו דער אַרבעט. אפילו די איינציקע צוויי יידישע מיידלעך האָבן זיך אויך דאָס מאָל פאַר־האַלטן אין לאַגער. די יידישע טראַנספּאָרטלער, וואָס האָבן באַדאַרפט אַוועקפירן די פאַרטיקע גראַנאַטן צום צוג, זענען געווען אינגאַנצן אַדורכ־נעווייקט און זייערע צעריסענע הויזן־פאַסן זענען געווען אָנגעבלאָזן ווי די לאַגלען. זענען זיי געשטאַנען ביי דער טיר, נישט ווויסנדיק וואָס ווייטער צו טון. זשעלינסקי האָט גענומען אַריבערשרייען צו זיי:

— יידעלעך, די האַלע איז נישט קיין אָרט פאַר אייך צו שטיין און פוילענצן מאַרש! אין זיין טאָן האָט זיך אָבער מיטגעריסן עפּעס פון מיט־געפיל, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די שטרענגקייט; אַזוי ווי אין דער אמתן וואָלט אויך ער טרויעריק געווען אויף זייער לויפן אין הוראַגאַן מיט די שווער־אָנגעלייגטע וועגענער. ער מוז שרייען אויף זיי, טרייבן זיי — ווייל צו יידן קען מען נישט אַנדערש; באַלד איז ער אָבער אַוועק ווייטער, גע־נישטערט איבער דער האַלע. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס זוכט ער זיך ספּעציעל אַ באַשעפטיקונג, אַז ער זאָל נישט דאַרפן באַ־מערקן יענץ גרופּקעלע יידן, וואָס שטייט דאָרט איינגעקורטשעט אין אַ

ווינקל; ער זאָל נישט זען ווי זייער קערפּער־ווארעמקייט נעמט אדורך די אָנגעווייקטע שמאַטעס, זיי פאַלן צו צו די קערפּערס און אַ קויב־מערקבאַרע פאַרע נעמט זיך אַוועקטראָגן פון זיי אין דער הויך... ער וויל נישט זען — בכדי זיי נישט צו דאַרפן טרייבן און אויך — בכדי דאָס רחמנות זאָל אים נישט אדורכנעמען... פּלוצים אָבער באַמערקט ער זיי ווידער און ער לאָזט זיך האַסטיק צוגיין צו זייער ווינקל. די יידן ווערן דערשראָקן, זוכן מיט די הענט אַן אָנהאַלט אינעם וואָגן; אַט־אַט און זיי וועלן אים אַ שלעפּ טון און אַרוים איבערן שטורעם מיט דער שווערער משא... ער גייט! מסתמא האָט ער שוין צוגעטראַכט, איין גאָט ווייסט וואָס אזעלכעס... זשעלינסקין אינטערעסירט אָבער דער וואָגן. ער באַ־טראַכט די צודעקן, אויב די גראַנאַטן זענען גוט אַרומגעהילט מיט די שווערע ברעזענטן... ער בייזערט זיך — אַ צוריקגעהאַלטן בייזערן זיך אַזאַ — וואָס וויל פאַרדעקן זיינס אַ שוואַכקייט, אַ פּלוצימדיקע געריִרט־קייט:

— הורנזין! ווי וועט אייך זיין, אויב די גראַנאַטן וועלן כאַפּן אַ זשאַווער פון דעם רעגן...

דאָס וויל ער דערמיט, אייגנטלעך, זיך אַליין געבן געריכט, פאַר־וואָס ער לאָזט דאָ די יידן אַזוי לאַנג שטיין אין זיין האַלע... נישט אַלע פאַרשטייען אָבער זיין אויסרייד. איינער פון דער גרופּע נעמט זיך אָן מיט דרייסטקייט און הייבט אים אָן אָפּצוענטפערן:

— ס'איז נישט מעגלעך, הער מייסטער... דער רעגן פאַרגיסט די אויגן. מיר קענען נישט באַמערקן, ווען דער ווינט הייבט אויף דעם ברע־זענט...

זיין זאָג טרעפט אָבער אין זשעלינסקים אַ צווייטן פּינטל. ער פילט, אַז זיי זענען גערעכט. ס'איז אָבער אַ גערעכטיקייט וואָס זיי האָבן גע־ברענגט צום אויסדרוק, אַ יידיש מויל האָט עס געזאָגט און ס'איז שוין נישט מער יענץ אינערע געפיל זיינס, פאַר וועלכן ער דאַרף זוכן אַ באַ־רעכטיקונג... ווערט ער שוין בייז אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט זיי גענומען אין אכט. דער געדאַנק פון דעם זשאַווער אויף די גראַנאַטן ווערט צוריקגעהאַלטן פון עמיצן אינעווייניק... ווער ווייסט, אפשר זשאַווערן

אויך זיי, ביים שלעפן דעם יאָך אינמיטן אזא בהלהדיקן שלאַקס־רעגן?

באַלד אָבער גיט עס אים אַ צי אין דער צווייטער זייט פון וואָגן; די לייוונט האָט זיך דאָרט חוצפהדיק אַ הויב געטון! זיינע אָנגעהויבענע געדאַנקען בלייבן אויף יענעם אָרט, ווו ער איז פריער געשטאַנען. מיט זיין צערירן זיך, גיט זיך אויך אינעווייניק עפּעס אַזאַ שאַרפן איבערטרייסל... זיין קול באַקומט אויפּאַמאָל דעם רעוועדיקן טאָן פון ווילד־שרייאיקער אכזריות:

— פאַררעד מיר נישט די ציין! ביי מיר ווילט איר סאַבאָטאַזש טרייבן!? וואָס? און שוין פאַלט ער צו צו זיי; מיט די דאַרע הענט וויל ער כאָטש אַלע אויף איין מאָל אָנכאַפּן ביי די העלדזער און אַרויסוואַרפן:

— מאַרש פון דאַנעט! וואָן!

דאָס מאַסקירטע פינטעלע מענטש האָט זיך שנעל אויסגעלאָשן. די יידן פראַלן שנעל אויף די טירן און פליען אַוועק מיט זייער שווערן, אייזערנעם יאָך. אַ ווינטל טוט שנעל אַ שפּיי אַריין דורך דער אָפענער טיר, זשעלינסקין גלייך אין פּנים אַריין. דאָס צערייצט אים. די יידן זענען שוין אַוועק. דערפאַר אָבער בלאָנקעט זיין געשריי אַרום צווישן די טישן און נעמט אַריינטרייבן אַ פיבער אין די פינגער אַריין. די טיר האַקט זיך שנעל צו און אַ שטיק ווינט בלייבט אין דער האַלע, גלייך ווי מען וואָלט דעם ווינט אין דרויסן אָפּגעהאַקט אַן אֵבר... אפשר דערפאַר פאַרגייט ער זיך דאָרט איצט אין אַזאַ יללה? אַ כליאַפּ רעגן קלאַפּט אַריין בייז אין די שויבן אַריין, ווי ער וואָלט דאָ עמיצן געדראָט מיט אַ סכנה, מיט אַ נקמה פאַר עפּעס. מען הערט דעם ווינט ווייט נאָכלויפן דעם אָפּהילך פון די קלאַפּנדיקע רעדער, ביז מען הערט זיי נישט מער. קלאַפּט דער רעגן און קלאַפּט, ביז אויך ער ווערט מיד. מ'הערט אים נאָר וויינען מיט דיקע טרערן ביי די וואַסער־רינעס פון דער האַלע. ווערט שטיל. מעבעלע קורטשעט זיך איין, זשעלינסקי זאָל אין אים נישט דערזען דעם ייד. אָבער יענער שפּרייזט שוין צוריק איבער דער האַלע, איילט ווי דער ווינט ביי די טישן און וואַרפט עמעצן צו אין הלל זיינע קלערענישן:

— הינטיש בלוט! וואַלגערט זיך אין אַלע צרות, אויף זאַוויערוכעס און קריגט נישט קיין פּאָפּלעקסיע... זיי שלעפּן און שלעפּן — אַזוי ווי אויף גאָטס פליגל געטראָגן.

III

ווי אין יעדער האַלע, האָט מען אויך דאָ אויסגעטיילט פאַר די אַר־בעטער די פאַבריק־זופּ צו מיטאָג. אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער זע־נען געווען פון רייכערע היימען און זיך מיטגעבראַכט פון שטוב געשמאַ־קע ביסנס. זיי האָבן דערפאַר דאָס עסן פון בלעכל נישט גענומען. אויך די אָרעמערע אַרבעטער האָבן די פאַבריקס־זופּ נישט גענומען אין מויל אַריין, הגם מען האָט פאַר די פוילישע אַרבעטער געקאָכט בעסער און גע־שמאַקער. האָט מען טאַקע אין די ערשטע צייטן צוריקגעטראָגן אין דער קיך אַריין פולע קעסלען. דאָס געבליבענע האָבן די קיכער אויפן צווייטן טאָג צוגעמישט צום יידישן עסן און געהאַט די מעגלעכקייט צו גנבענען פּראָדוקטן. טיילמאָל האָט מען דאָס עסן אויסגעגאָסן נעבן דער האַלע און עס זענען שוין געווען אַפילו אַזעלכע יידן, וואָס האָבן געוווסט, ווען מען גיסט אַרויס. דאַן האָבן זיי זיך צוגעגנבעט צום מיסט־קאַסטן און אָפּגע־לעקט דאָס אַרויסגעגאָסענע עסן.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָבער די יידן גענומען זוכן אַ וועג צו דער האַלע אַליין. דאָס איז אַמבעסטן מעגלעך געווען אין דער מיטאָג־פּויזע. ביי טייל איז נאָך דער געשעפטס־חוש נישט אָפּגעשטאָרבן. זיי האָבן באַ־וויזן אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיט די אָרעמערע אַרבעטער פון דער האַלע און זיי פאָרגעלייגט עטלעכע ציגאַרעטן פאַר אַ בלעכל זופּ. דאָס האָט אויך אויפגעוועקט דעם האַנדלס־נערוו ביי עטלעכע פּאָליאַקן. זיי האָבן זיך צו־געגרייט אַ כלי, אין וועלכער זיי האָבן אַריינגענומען זייער פּאָרציע און זי אַוועקגעשטעלט נעבן זיך. ווען אַלע האָבן שוין גענומען זייערס און עס איז נאָך געבליבן אין קעסל, האָבן זיי זיך דערנענטערט און געבעטן אַ צולאָג. שפּעטער האָט זיך שוין יעדער איינער אויסגעזוכט זיין ייד און עס אים פאַרקויפט פאַר געלט אָדער ציגאַרעטן. עטלעכע פּאָרציעס זופּ האָבן אים, אין דורכשניט, אַריינגעבראַכט דאָס זעלבע, וואָס זיין טאָג־לוין.

איבער אַלע „יידישע" האַלעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז אין דער האַלע 58 עסן נישט די פוילישע אַרבעטער די זופּ און ביי יעדער מיטאָגס־פּויזע האָבן זיך גענומען דרייען הונדערטער יידן מיט

ארויסגעשטארצט־הונגעריקע אויגן ביי דער האַלע, האָפנדיק אַז עס װעט זיי געלינגען זי אויסצובעטן ביי עמיצן.

די, װאָס האָבן נאָך עפּעס פאַרמאָגט, האָבן זיך צוגעגרייט אַ גרעסער קעסעלע, אויסגעקויפט ביי עטלעכע מאַן די פּאָרציעס זייערע און שפּעטער ארומגעגאַנגען ביי די װאַרטנדיקע רייען, אָדער מיטגענומען עס אין באַראַק און רעקלאַמירט: קויפט פּ ו י ל י ש עסן! בנאמנות, װי פּוילישׂ עסן — מיט פלייש און פעט!... דערפון האָט זיך געשאַפן אַ שנאה צווישן די, װאָס האָבן גאָרנישט, מיט די װאָס האָבן צו באַצאָלן און אויפקויפן... אַלע טאָג זענען הונדערטער מענטשן געלעגן אויפן גרויסן פּלאַץ, נישט װייט פון דער האַלע, געקוקט אהינצו מיט פאַרחלשטע אויגן און געמוזט זיך זעטיקן מיט די בערג אייגענע קללות פאַר די, װאָס האָבן געװיזן דעם װעג פון באַצאָלן:

— אַז פאַרברענט זאָלן זיי װערן! דאָס זענען נאָך יידן! װאָלטן זיי נישט געװען צערייצט זיי די העלדזער מיט געלט צוליב זייערע מסחרים — איז נאָך מעגלעך געװען צו כאַפּן אַמאָל אַ טראָפּן און אַזוי... אַזוי מיינען אפילו די גוטע גויים, אַז די יידן זענען אָנגעשטאָפּט מיט געלט און קענען באַצאָלן... און באַזונדערס, אַז זיי קענען עפּעס האָבן דערפאַר — צוליב װאָס זאָלן זיי עס אָװעקשענקען?

נישט איינמאָל האָבן זיי זיך געװאָלט װאַרפן אויף יענע, שלאָגן און אויסגיסן זיי די געקויפטע סחורה; קיין כוח צו פאַרפירן געשלעגן איז אָבער נישט געװען. זיי האָבן אפילו קיין כוח נישט געהאַט צו רעזיגנירן פון אַט־דער האָפענונג, עפּעס צו באַקומען. װי נאָר עס איז געקומען די שעה פון מיטאָג, האָט עס זיי געצויגן אהין, װי מיט צװאַנגען. זענען זיי אַזוי געלעגן מחנותװייז און געװאַרט — ביז די צייט איז אַריבער... אפשר האָט זיי'געשטאַרקט שוין בלויז דער ברעקל ג ל ו י ב ן אין אַ נס, אַז היינט װעט אַ פּאַליאַקס האַרץ איבערגענומען װערן; אַז ער װעט גיכער װעלן אָװעקשענקען װי פאַרקויפן... און יעדער פון זיי האָט געהאָפט אַז דאָס דערװועקטע רחמנות־פיצל װעט זיך ג ר אָ ד צ ו א י ם דערקייקלען? װער װייסט? ס'איז נאָר געװען צו באַמערקן, אַז טראָץ דעם װאָס זיי זענען שוין אַזױפיל טעג צוריקגעגאַנגען אַנטױשטע צו דער אַרבעט,

מיט אַ בייזיקער לײדיקייט אויפן האַרץ — זענען זיי מאָרגן ווידער געקומען, זען כאָטש מיט די אייגענע אויגן דאָס אָרט פון וואַנעט עס  ק ע ן  זיך אָפּרייסן אַ שטיקל עסבאַרער נס און ער זאָל קומען אַהער צו פליען, אויב אַפילו ער קומט נישט...

די עובדא פון אויסטיילן די זופּ פאַר דער האַלע האָט זשעלינסקי איבערגעגעבן דעם הויכן  ט ש אָ פּ,  אַ בייזער גוי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרייען מיט זיין הייזעריקער שטימע. נישט איינמאָל האָט אָבער אַפילו טשאָפּ נישט געקענט מער צוזען דעם צער פון די יידן, וואָס האָבן זיך געקנוידערט אויפן גראָז אַקעגנאיבער, אין פאַרמאַטערטן הונגער; בפרט אין די ערשטע צייטן, ווען עס איז אים אויסגעקומען צוריק צו שלעפּן אין קיך אַריין האַלב־פולע קעסלען. ער האָט דערפאַר אויסגעטיילט די פּאָרציעס און דאַן צוגעגאַנגען צו די יידן, זיך אויסגעזוכט עטלעכע פון זיי, וועלכע ער האָט מיטגערופן מיט זיך. ער האָט זיי געגעבן פולע בלעכלעך עסן, אַמאָל אויך גוטמוטיק צוגעלייגט אַ בריק אין אונטערשטן טייל קערפּער און זיי באַפוילן שפּעטער אָפּצוטראָגן די ליידיקע קעסלען אין קיך אַריין... יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך באַוויזן האָבן אַלע געבעטן, געוויינט, געשריגן... פון אים האָט מען זיך איבערגעוואָרפן צו אַנדערע פון דער האַלע, וועלכע האָבן זיך צופעליק גענומען דערנענטערן, האַלטנדיק זייער פּאָרציע אין האַנט. די שיין פון אַ האָפענונג האָט שאַרפער געמאַכט דעם הונגער. זעענדיק דאָס ביסל עסן ביי יענעם אין האַנט, האָט עס ביי אַ סך אויפגעוועקט אַזאַ ציעניש און גערייצטקייט, ביז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָן דעם עסן וועלן זיי שוין מער נישט קענען אויפשטיין און אַוועקגיין, נאָר פּלאַצן אויפן אָרט.  ס ת ם  ע ס ן,  וואָס דו ווייסט, אַז יענער וועט עס  ז י כ ע ר  אויפעסן, איז נישט בכוח אַזוי יעמערלעך־משוגע צו מאַכן; בשעת אָבער עס איז דאָ די מינדסטע אילוזיע, אַז דאָס עסן קען אויך ווערן  ד יי ן — ווערט די פּסיכיק אַזוי אָנגעשראָקן, ביז עס ווייזט זיך אויס, אַז קיין צווייטע רעטונג, אויסער דעם, איז נישטאָ...

אויך אין אַזעלכע מינוטן פון משוגענעם הונגער־אויסברוך, גייט די מענטשלעכע באַרעכנטקייט נישט אין גאַנצן פאַרלוירן. טייל ווייסן נאָך דאַן דעם חשבון, אַז אומזיסט וועט יענער גישט געבן. ער האָט דאָך אָבער

גאַרנישט צו באַצאָלן! און דאָס עסן מ ו ז ער איצט האָבן, די נערוון פירן שוין צו ביז דעם סאַמע שפּיץ פון מענטשלעכער אויסהאַלטעוודי־קייט... גיט מען פון זיך אַוועק אַלצדינג, אַלץ! געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּגעשניטן פון זיך דעם קאָמפּלעט קנעפּלעך, די שטיקלעך הויז וואָס קען נען נוצן פאַר אַ לאַטע צו לייגן... און וואָס נאָך וואָלט מען דען נישט אָפּ־געגעבן, ווען מ'זאָל האָבן?

האָבן טייל פון די פּוילישע האַלע־אַרבעטער דערזען אין דער זויערער קיך־זופּ אַ גוט געשעפט. צוליב דעם האָט זיי פאַרדראָסן אויף דעם הויכן משאָפּ, וואָס נעמט און שענקט אַוועק די יידן אַזוינס, פאַר וועלכן מ'קען נעמען געלט. האָבן זיי אַרומגעשטעלט די קעסלען ביים אויסטיילן, איבער־געוואַרט אַלעמען און ווידעראַמאָל אונטערגעשטעלט דאָס געשיר:

— גיס אַריין!!!

טשאָפּ איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט: דאָרטן שטייען די אומ־גליקלעכע און זיי בעטן זיך אַזוי מיט זייער שטומען ווינק־לשון פון ווייטנס! אָבער דאָ קוקן שוין אויף אים אויגן מיט שנאה. יעדעס וואָרט זייערס איז נישט קיין ביטע נאָר אַ ב אַ פ ע ל, וואָס שניידט אַריין ווי מיט מעסערס:

— דו קענסט זיין אַ גוטער מיט ד יי נ ע ם, אַפילו צו די זשי־דעס. ס'איז דיין זאַך. אָבער דאָ איז דאָס עסן געבערענגט געוואָרן פאַר פּאָליאַקן פון דער האַלע, פאַר אונדז! פאַרשטייסט?... אַלזאָ, גיס אַריין, זאָגט מען דיר...

די ערשטע צייטן איז ער צעטומלט געוואָרן, געקנייטשט מיטן טעמפּן שמערץ און נישט געוווסט וואָס צו טון; ער האָט אַפילו געפּרווּט אַפּע־לירן צו זייער יושר־געפיל:

— מענטשן! איר האָט דאָך געגעסן ביי אייך אין די היימען... און זיי דאָ קראַפּירן פאַר הונגער... אַזאַ ביסל מיסט־וואַסער ראַטעוועט זיי דאָך דאָס לעבן... מענטשן, באַרעכנט נאָר!...

פאַר די אַרומשטייענדיקע איז אָבער פאַרדעכטיק געוואָרן טשאָפּס מיטלייד. ער איז געשטאַנען, געקוקט אויף זיי און נישט געקענט משיג

זיין, וואָס מיט זיי קומט דאָ פאָר. פון אַלע זייטן זענען דערווייל געפלויגן שטעכיקע, גיפטיקע רייד:

— דו, יידן־משרת, ווייסט נישט, זעט אויס, אויף וועלכער וועלט דו לעבסט... אַ נייער בעל־רחמנות גאָר! מענטשן מאַכן גאָלד פון יידישע זאַכן; אַנדערע זויפן שנאַפּס אויפן חשבון פון יידישע קעפּ, וואָס זיי שטעלן צו אין די שטעט... זיי האָבן געלט און צוקער... און דאָ גאָר — נישט גענוג, וואָס דו פינצטערסט אָפּ גאַנצע טעג אין דער פאַבריק — מוזטו זיי נאָך אוועקגעבן ד יי ן עסן... זיי וועלן שוין צו־גוט האָבן ביי דיר, די זשידקעס — וועט זיך זיי אויסווייזן, אַז זיי געפינען זיך אין אַ פּענסיאָנאַט. אויב עס בלייבט אין קעסל, ווייל אַ סך נעמען נישט — טרעטן זיי דאָס חלק זייערס אָפּ פאַר אונדז, נישט פאַר די זשידקעס...

קיין גרויסער דברן איז טשאָפּ נישט געווען. קיין וויכוחים מיט דער גאַנצער כאָפּטע האָט ער אויך נישט געקענט פירן. האָט ער רעזיגנירט. נאָר טיילמאָל האָט ער נאָך אַריבערגעוואָרפן צו די יידן אַ מיטלייד־בליק. זיי האָבן אים אויפגעכאַפּט און ווי געצויגענע פון אַ מאַגנעט זיך אַ לאָז געטון צו אים. ער האָט זיי אָבער גאָרנישט געקענט געבן און דערשראָקן צעשפּרייט די הענט:

— אָבער מענטשן, איך קען אייך גאָרנישט געבן, מענטשן!

די מענטשן האָבן אָבער אויפגעכאַפּט זיין טרויעריקן טאָן, געדענקט דעם בליק זיינעם — וואָס האָט כמעט געדופן — און געזען דעם פולן קעסל, נעבן וועלכן ער שטייט — האָבן זיי אָנגעהויבן ווערן צודרינגלעך, בעטן אים, וויינען... אַ פול קעסל עסן, פון וועלכן מען נעמט נישט אין דער ריי, מוז צונעמען דעם חוש פאַר ז ע ן און פ אַ ר ש ט יי ן ביי די וואָס ציען זיך צו אַ טראָפּן זופּ, ווי צו אַ הימליש גליק... האָט ער זיך גענומען אויפרעגן, טשאָפּ: פאַרוואָס פאַרשטייען זיי אים נישט? וואָס ווילן זיי פון אים? ער קען דאָך נישט! צו הונגער־ווילדע מענטשן קען מען אָבער נישט אַפּעלירן מיט קיין לאָגיק; בפרט מיט אַ לאָגיק פון אַ טשאָפּ, וואָס ליגט אין האַלבע טענער, לויפן זיינע ווערטער פאַרביי זייער געדאַנק, ווי די שאָטנס, וואָס שאַרן זיך אויף די שפּיץ נעגל און לאָזן גאָרנישט נאָך זיך איבער... אַזאַ הונגעריקן קען מען נאָר ה ע ל פ ן אָדער

פארטרייבן מיט קלעפּ, וואָס וואַרפן זיי צוריק אין אַן אינסטינקטיווער, נישט־באַרעכנטער פּ אַ נ י ק... האָט זיך טשאַפּ ביסלעכווייז גענומען צוהערן צו די לאַכנדיקע העצערייען פון אַלע זייטן:

— דו, וואָס רייסטו זיך דעם האַלדז אומזיסט!? דערלאַנג זיי מיטן שטעקן, מיט דער כאַבלע! אַנדערש וועלן זיי דיר סיי־ווי נישט גלייבן...

ס'האָט ביי אים געפּלאַצט דאָס פּרימיטיווע געדולד. ווען ער איז מיד געוואָרן פון אויפקלערן דער אַנגעלאָפענער מחנה — האָט ער געכאַפּט דעם גרויסן אייזערנעם לעפל און גענומען האַקן איבער די קעפּ מיט אַזאַ ווילד־קייט, גלייך ווי אַ טייוול וואָלט זיך אין אים אויפגעוועקט. אַרום האָט עס געדונערט פון פאַרקייכטע געלעכטערס און דער געשריי פון די צעבלו־טיקטע האָט זיך קוים געקענט אַדורכרייסן צווישן די לאַביקע הילכן. זע־נען די יידן געוואָרן אָרעמער מיט נאָך אַן אילוזיע פון אַ גוטן גוי... דאָך זענען זיי ווייטער געקומען שטיין פון דער ווייטנס, זיך צוקוקן און וואַרטן. נאָר צווישן זיך האָט מען אַליין גענומען אָפּשוואַכן די וואַרטעניש און אי־בערגעחזרט צום ווייפלטן מאָל:

— אַז מען קען נישט האָפן אויף קיינעם פון זיי... אויף קיינעם נישט...

## IV

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע, פּראַקטישע שנאה מיט אַ גרונט צו די יידן אין דער האַלע. דאָס קומען און בעטן האָט אויפגעוועקט אין אַ פּאָר שגצים פון דער האַלע יענע שנאה, וואָס מען שפּירט צו אַ ק אָ נ ק ו ר ע נ ט, צו אַזאַ וואָס קומט מיט זיין אומגליקלעכקייט אוועק־נעמען אַ פּאַרדינסטל פון אונטער די הענט. אין דער ערשטער ריי האָט זיך דערמיט איבערגענומען דער שלעגער און האַלבער אויפזעער סאַדזאַ. ער האָט זיך אָפּגעשמועסט מיט נאָך עטלעכע „יינגלעך" פון דער האַלע, אַז מען זאָל דערצו אַ סוף מאַכן און נישט דערלאָזן, אַז די יידן זאָלן שטיין אַפילו פון דערווייטנס. טאַקע זיי האָבן טשאַפּן געמסרט פאַר זשעלינסקין, אַז ער האָט עפּעס ספּעציעלע סימפּאַטיעס פאַר יידן. זשעלינסקי האָט עס אַפילו פריער אויך געזען, נאָר זיך נישט־ווויסנדיק געמאַכט: מילא, וואָס

טשאַפּעק פּראַוועט דאָרט פּאַר אַ שטיק! בכלל האָט ער די גרעסטע טייל פון זיין אכזריות גיכער אויסגעלאָדן אין שרייען, שעלטן און דראָען. ווען אָבער מען איז עס אים געקומען זאָגן — האָט ער געמוזט לאָזן אין גאַנג זיין אויסקאַלקולירטע, באַרעכנטע מערדערישקייט, אפילו בלויז צוליב אַ פּשוטן חשבון: אין ז יי ן האַלע טאָר עס נישט געשען! באַלד וועלן אַרומקרייזן ידיעות וועגן אים, אַז ער שפּאַרט־אָפּ די זופּ פון דער האַלע — אוועקצוגעבן די יידן... ער דערלאָזט דערצו!

ער האָט זיך דערפאַר אונטערגענגבעט, אויף זיין קעצישן שטייגער, צו טשאַפּס קעסל, באַהאַלטן זיך אין קעמערל פּאַר ליידיקע קעסלען און געלויערט ווי פוקס. אַז יענער האָט שוין געהאַט אויסגעטיילט די געוועג־לעכע חלקים, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון זיין באַהעלטעניש, איבער־גענומען דעם טייל־לעפל און זיך אומגעקוקט מיט זיינע שפּיציק־מטורפע אייגעלעך איבערן ווייטלעכן פּלאַץ. באַלד האָט ער אַ ווינק געטון מיטן פינגער צו די יידן, וואָס זאָל באַווייזן, אַז ער ר ו פ ט... עטלעכע אי־בער־דרייסטע האָבן זיך גענומען רוקן נענטער. ער האָט זיך דאַן אַ ווענד געטון צו איינעם פון זיי:

— היי, משה! קום אַהער נענטער... נעם מיט דיין בלעכל...

דער ייד האָט זיך דערנענטערט פּאַרזיכטיק, נישט־ווויסנדיק אויב ער דאַרף זיך צוריקציען אָדער צוכאַפּן זיך וואָס שנעלער, איידער אַנדערע וועלן אים אויסכאַפּן... זשעלינסקי האָט דערווייל גענומען מישן מיטן לעפל אין קעסל, אַרויפציענדיק דאָס געדיכטע פון אויבן. ביים ייד האָט עס אַ ציי גענומען און ער איז צוגעקומען. זשעלינסקי איז דאָס מאָל געווען ווייך אויז צוגעלאָזן:

— שרעק זיך נישט... גיב אַהער דיין געשיר...

דער ייד האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט: זיין כלי איז ממש איבערגעלאָפן פון דער געדיכטער מאַסע. די גויים אַרום האָבן עס צוגעזען מיט בייזן ווונדער און נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דער משו־גענער זשעלינסקי פּראַוועט דאָ פּאַר אַ שטיק. יענער אָבער האָט געמאַכט אַזאַ ערנסטע מינע, ווי אַ ווויל־טוער צו אומגליקלעכע:

— נו, זאָלן זיי אויך אַמאָל וויסן פון אַ לעבן!

באַלד האָט ער צוריק באַמערקט, ווי דער ייד שטייט נאָך אַלץ, אַן איבערראַשטער פון זיין אומגעריכטן גליק און זיך ווידער צו אים וואַרעם אָנגערופן:

— און איצט, מוישע, גיי צוריק אויף דיין אָרט... שטיי נישט דאָ... ניין, דאַנק נישט! דו הערסט? גיי בלויז צו צו י ע נ ע ם דאָרט און שיק אים אַהער... אָבער מאַכט נישט אָן קיין לופּעניש אויף מיין קאָפּ... געדענקט!

ווען דער צווייטער ייד איז צוגעקומען, האָט ער ווידער באַקומען אַ מאָס עסן. די שקצים אַרום זענען געשטאַנען און די אויגן זענען זיי אַרויס־געקראָכן. צווישן זיך האָבן זיי געגומען ברומען:

— אָט זעסטו! גיי קלאָג זיך פאַר אַ וואַריאַט! אויסגעהערט, צוגע־זאָגט און איצט — טוט ער פונקט פאַרקערט... אַז סך־הכל איז עס אַ משוגענער קאָפּ...

פונוויטנס האָבן די יידן באַמערקט, אַז דאָ איז עפּעס אַן ענדערונג. זעענדיק ווי אויך דער צווייטער ב אַ ק ו מ ט — זענען זיי געוואָרן האַ־פּערדיקער, דרייסטער און זיך גענומען רוקן נענטער... זשעלינסקי האָט עס געזען און בלויז ממזריש זיך איבערגעווינקט מיט סאַדזאַן. דאַן האָט ער אַ רוף געטון נאָך אייניקע יידן:

— קינדער, דאָ האָב איך שוין ווייניק... נאָר נעבן מיין ביוראָ שטייט נאָך אַ פול קעסל פון נעכטן. ווילט איר נעכטיק עסן?

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. די מענטשן האָבן גענומען דרענגען, שטויסן זיך... זשעלינסקי האָט אַ זאָג געטון צו סאַדזאַן:

— דו, פיר זיי אַהינצו און גיב זיי אין דער פולער מאָס... איך וויל אָבער זען דעם יעניקן פון די הורנזין, וואָס וועלן דאָרט צופיל פילדערן און רייסן זיך, אויסער דער ריי...

דאָס שטופּעריי איז אָבער נישט מעגלעך געווען אָפּצוהאַלטן. די מענטשן האָבן זיך שוין אַלע געזען אין דמיון מיט אָנגעפּולטע כלים. מען דאַרף נאָר קענען זיין פון די ערשטע, באַקומען וואָס פריער... זשעלינסקי האָט דערפאַר אַזוי ווי רעזיגנירט:

— נו, פאַרפאַלן... קומט אַלע אַריין אין דער האַלע... אָבער נאָכן באַקומען זאָלט איר זיך אַלע אָפּטראָגן... איר הערט?

די גרופּע האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך אים מיט געשפּאַנטער פרייד. די פּאַליאַקן זענען געשטאַנען און געוואַרט, וואָס דאָ וועט ווייטער זיין. באַלד האָבן זיך גענומען טראָגן באַנומענע קולות פון דער צווייטער זייט האַלע־קאָרידאָר... די פאַרשפּעטיקטע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט פּול־שטענדיק איבערצייגן אין זשעלינסקיס גוט הארץ, זענען נאָך געווען אויסער דער האַלע. לויט די געשרייען האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אָריענטירן, וואָס דאָרט קומט פאָר און זיך גענומען צוריקציען. פון אַלע זייטן זענען אָבער געקומען קלעפּ מיט שטעקנס און אייזנס, וואָס האָבן זיי אַריינגע־טריבן טיפער אין דער האַלע...

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פייניקן יידן אין דער האַלע 58. עס איז נישט געווען קיין אונטערשיד, אויב עס איז ווער גע־קומען בעטלען אָדער קויפן. ווער עס איז צוגעקומען נענטער, איז אוועק מיט געבראָכענע ריפּן. פון דאָרט האָבן זיך יעדן טאָג גענומען טראָגן יידישע געשרייען. סאַדזאַ מיט זיינע צוויי געהילפן: דער קליינער, 15־יאָריקער אַנטאָש און באַלעק, האָבן אפילו געכאַפּט יידן, וואָס זענען פאַרביי, ווי־ווייט פון דער האַלע, אַריינגעשלעפּט און אים געבראָכן די ביינער. ווען זיי האָבן זיך אויסגעזוכט זייערע קרבנות, האָט זשעלינסקי זיך לציש לוסטיק געמאַכט און זיי אונטערגעגעבן מוט דערצו.

די ערשטע טעג האָט אפילו אויך דאָס נישט אַלעמען אָפּגעשראָקן. איינמאָל, האָט געצויגן יענץ קעסל עסן, וואָס קיינער נעמט נישט דערפון, גאַנץ באַזונדער. האָבן אַרום דער האַלע, אין וועלדל, געוואַקסן אַזויפיל גרין־זויערע בערעלעך, מיט וועלכע מען קען זיך אויך דערכאַפּן דאָס הארץ... ווען אָבער עטלעכע יידן זענען אַזוי לאַנג געשלאָגן געוואָרן מיט אייזנס, ביז זיי זענען געשטאָרבן אונטער די הענט פון סאַדזען מיט אַנ־טאָשן — האָבן יידן גענומען ציטערן.

דער קליינער אַנטאָש האָט אפילו פאַרשטאַנען אויך זיין רציחה אויס־צונוצן. ער איז געווען יונג און דערפאַר פראָטעזשירט געוואָרן פון זשע־לינסקין. ער מיט סאַדזען האָבן גענומען שמייסן אויך מיידלעך, וועלכע

זיי האָבן אָנגעטראָפן. האָבן אַנדערע פון די מיידלעך געזוכט מיט אַלע מיטלען צו מילדערן דעם קליינעמס צאָרן. ער האָט זיך אויך שנעל אויסגעלערנט שלאָגן יידן מיט אַ ספּעציעלן ציל: זיי זאָלן זיך ביי אים אויסקויפן פון די קלעפּ. אַזוי אַרום האָט דער קליינער, ביי זיינע 15־16 יאָר, זיך שוין דערוווסט פון אַלע תענוגים, וואָס אַ יידישער פייניקער קען דערגרייכן.

טראָץ אַלעם זענען נאָך פאָרט געווען טייל יידן, וואָס זענען געקומען שטיין פון דער ווייטנס און אַריבערגעוואָרפן זייערע הונגעריקע בליקן צו דער האַלע. פּונקט ווי דער אַרויסגעטריבענער מענטש ביי די טויערן פון גן־עדן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געדרייט די מלאכי־חבלה, מיט אָנגעשאַרפטע שווערדן. טיילמאָל האָט מען זיך אויך דערוואַרט אויף אַ פּאַליאַק, וואָס איז געקומען פאַרהאַנדלען אַביסל געקעכץ. האָט מען זיך געדונגען אַזוי לאַנג, ביז דער טרויעריקער קלונג מיטן גלאָק האָט גערופן צוריק צו דער אַרבעט. דאַן האָבן אַלע גענומען לויפן ווי משוגעים — הגם מיט מידע, אָפּגעשטאָרבענע טריט.

## קאַפּיטל פיר

### I

ווען מען האָט מעכעלען געברענגט אין דער האַלע 58, האָבן שוין דאָרט געאַרבעט צוויי יידישע מיידלעך. מיט אים צוזאַמען זענען אָנגעקומען נאָך צוויי ייִנגלעך און אַזוי אַרום איז געוואָרן אַ יידישע גרופּע אין דער האַלע.

ווען די האַלע איז נאָך געווען אַ ריין־פּוילישע, האָט דאָרט שוין געאַרבעט אַ לאַנגע צייט אַ יידיש מיידל ווי אַן אויסנאַם; דאָס איז געווען גוטשע, די „קוזינקע" פון דעם מיטאָגן־קאָמענדאַנט, קויפמאַן. אַ מאָדנע זאַך געווען, ווי אַזוי אַט דער הויכער שלעגער האָט ליב געהאַט דאָס קליינע געפּאַקטע מיידל. יעדן פאַרנאַכט, נאָכן אַרומשלאָגן זיך מיט אַ האַלבן לאַ־

גער מענטשן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אומגעדולדיק ביים טויער און זיינע גרויסע, גרין-גזלנישע אויגן זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ פּייכטן, פאַרבענקטן גלאַנץ. זיין בליק האָט זיך אומרואיק געריסן איבערן טויער: אפשר קומט זי היינט מיט אַ מינוט פריער!? די פּאָר לאַגער-מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף, האָבן שוין געוווּסט, אַז אין די מינוטן טאָר מען זיך נישט ווייזן קויפמאַנען אויף די אויגן, ווייל דאַן ווען ער איז צערייצט, קען מען זייער שלעכט אָפּשניידן... האָט שטילער-הייט איינער דעם צווייטן געוואָרנט:

— ער וואַרט איצט אויף גוטשען...

און דאָס איז גענוג געווען, מען זאָל זיך פאַרביישלייכן וואָס ווייטער פון אים...

ס'האָט אויך געטראָפן מינוטן, ווען קויפמאַן האָט גערעדט מיט זיינע חברים אויף אַ מענטשלעכן אופן. אָפט איז עס געשען נאָך אַ שנאַפּס, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען. ער האָט דאַן זיך געזעצט מיט דער פויסט אין האַרץ אַריין און ליב געהאַט איבערצורעדן צום וויפלטן מאָל:

— נבלות קרעציקע! איך וועל פּלעטן דעם מח יעדן איינעם, וואָס וועט וואַגן מיין גוטשען צו רופן „קוזינקע"... זי איז מיין כלה! אַז איך וועל מיט איר אַמאָל אַרויס אויף דער פריי — וועל איך אַוועק צו אַ רב און שטעלן אַ חופּה, פונקט ווי מיין טאַטע מיט דער מאַמען וואָלטן גע-לעבט. איך האָב זי נישט פאַרנאַרט מיט אַ שטיקל ברויט און אַ זופּ, ווי איר, אויסוווּרפן... איך — שטאַרב פאַר איר! אסור אויב איך בין זי ווערט! איר פאַרשטייט? ממזרים!...

אין באַציאונג צו גוטשען האָט קויפמאַן זיך אויפגעפירט סטאַטעטש-נע, מעשה חתן. מיט קיין אַנדערע איז ער נישט אַרומגעלאָפן. אין די פאַר-נאַכטן איז ער מיט איר אָפּגעזעסן און געלאָזט דאָס קליינע, דיקע, גור-טשעלע קאָמאַנדעווען מיט אים, ווי עס איז איר ווילגעפעלן. קיינער האָט אין לאַגער נישט געוווּסט, מיט וואָס זי האָט דעם ווילדן, ריזיקן יונג אַזוי געבענדיקט. ס'איז אָבער געווען צו מערקן, אַז פאַר איר איז נאָך ביי קויפ-מאַנען אין האַרץ געבליבן אַ שטיק רויע, אָבער נישט-באַפלעקטע ריינקייט,

אַ ניצוץ פֿון אַ הייליק געביק, וואָס ביי מענטשן מיט די אויסגעפּוצטע ווער־טער הייסט עס: אמתע ליבע...

נישט איינמאָל האָט ער זיך ביי איר געבעטן זי זאָל נישט גיין צו דער אַרבעט, נאָר בלייבן אין לאַגער; זי האָט עס אָבער געצויגן אין דער פֿאַבריק אַריין. אַ געבוירענע אין דער זעלבער שטאָט — האָט זי געקענט אַלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, היימיש געווען מיט זיי — האָט זי זיך אַליין געריכן צו גיין אַרבעטן. זי האָט אויך גוט געקענט זשע־לינסקין, פֿון יענער צייט ווען ער איז געווען אַ פּשוטער סטרוזש אין פֿאַב־ריק און זי איז געווען יאַנקל דעם שוסטערס שטיפֿעריש טעכטערל. טאָקע ער האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין דער האַלע אַריין און איר פֿאַרזיכערט, אַז עס וועט איר דאָ זיין גוט ווי די וועלט. אויך די פּוילישע שיקסעם האָבן זי אַריינגענומען צו זיך אין קרייז אַריין, געהאַלטן זי ביי דער לייכטער טיש־אַרבעט און אויסגעטיילט זי פֿון די אַנדערע צוויי ייִדישע מיידלעך. די מערסטע פֿון זיי האָבן זי געקענט פֿון קינדוייז אויף און זי האָט פֿאַר־שטאַנען זייער פֿריינטשאַפֿט נישט אויסצונוצן איבער דער מאָס. עס איז איר גענוג געווען די פּריווילעגיע וואָס זי האָט, אַרבעטנדיק לייכטער און זייענדיק אויסגעמישט מיט יענע צוזאַמען. טיילמאָל נאָר, ווען אין האַלע איז זיך נישט געווען צו ווענען צו טשעפּען און זשעלינסקין האָט זיך פֿאַר־גלוסט אונטערצושטרייכן זיין ספּעציעלן חסד פֿאַר זיין באַקאַנטן שוסטערס טעכטערל, איז ער צוגעקומען צום טיש און איר גוטמוטיק אַ גלעט געטון:

— נו, וואָס מאַכט ביי אונדז די זשידאָוועטשקע? איז זי צופֿרידן?

עס האָט באַדאַרפֿט צו הייסן, אַז ער איז דערמיט גאָרנישט אויסן. עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַזוי, עס זאָל זי דאָך דערמאָנען, אַז זי איז דאָ אַן אַנדערע, אַ ייִדישקע... נישט מער, אַזוי ווי זי איז אַ היימישע — פֿאַרטראָגט מען זי.

טיילמאָל האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז עס איז אונטערגעקומען אַ ספּעציעלע אַרבעט, וואָס קיינע פֿון די שיקסעם האָט נישט געוואָלט טון. דאַן איז זשעלינסקי צוגעקומען, אַ בליץ געגעבן מיט די אויגן אין אַלע זייטן און צום סוף געגעבן אַ שטעל אָן זיינע גרין־שדישע וואַסער־בלאָזן אין גוטשעם זייט אַריין:

— נו, וואָס וועט זיין? וועט זיך טאַקע קיינע פון אייך נישט רירן פון אָרט? איר ווילט דערפירן דערצו, אַז איך זאָל אייך ווייזן וואָס איך קען?

ער האָט געמאַכט אַזוי, אַז זיינע ווערטער זאָלן זיין געווענדט צו אַלע; זי האָט עס אָבער פאַרשטאַנען. אין דער מינוט האָט זי ווידער דערפילט איר אַנדערשקייט און זי האָט קיינמאָל נישט געלאָזט, אַז זיין וואָרט זאָל לאַנג וואַרטן אין דער לופט און ווערן אַן אָפענע מאָנונג אָדער דראָאונג דירעקט אויף איר יידישן אַדרעס. פונקט ווי זי וואָלט געציטערט, אַז איר יידישקייט זאָל דאָ נישט בולט אויפטאַנצן מיט כעס און שוין בלייבן אַזוי הענגען אין דער האַלע. זי האָט זיך דערפאַר באַלד אַליין געכאַפט מיט איר פלינקער גראַציע צו דער אַרבעט; זאָל עס באַדייטן אַז זי טוט עס פריי־וויליק, פונקט ווי אַ יעדע איינע פון דאָ קען עס אַמאָל טון... זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס יידישע אירס זאָל זיך נישט אַמאָל צעפּאָכען איבער איר ווי אַ בייטש.

חדשים אַזוי איז זי געווען צוזאַמען מיט אַלע שיקסעס, געזונגען ווי זיי און ביינאַכט ערשט, ביים אהיים קומען אין באַראַק, איז זי צוריק געוואָרן אַ יידיש קינד. די גויישע חברטעס אירע האָבן זי אונטערגעשטיצט מיט עסן, זעלטן מיט איר געשמועסט וועגן דעם וויפיל מענטשן מ׳האָט געהרגעט פון איר משפחה, פונקט ווי זיי האָבן עס ליב געהאַט צו טון מיט אַנדערע. זי האָט זיך שוין אַזוי ווי אַדאַפּטירט אין זייער וועלט אַריין.

אויך אין פרויען־באַראַק האָט זי געהאַט אירע פּריווילעגיעס. די גאַנצע קאָמענדאַנטן־משפחה האָט געשטאַמט פון דער זעלבער שטאָט און זיי האָבן איר געזוכט מיט אַלץ צו פאַרלייכטערן.

גוטשע איז געווען אַ פול, רונדיק מיידל, מיט אַ פּאָר דיקע, בלוט־רויטע ליפּן. פון איר פּנים און גאַנצן קערפּער האָט געווייעט מיט פליישיקייט און וואַרעמער ווייכקייט, וואָס האָט אַ שלאָג געגעבן מיט אַ ציענדיקן ריח, וווּ נאָר זי איז פאַרבייגעגאַנגען. איר באַראַק איז געווען נעבן דער קאָמענדע און זי איז געפאַלן קויפּמאַנען אין אויג אַריין. זי איז שטענדיק געווען טאַנצנדיק און פריילעך. ביינאַכט האָט מען זי געהערט פליעסקען מיט די קליינע אָנגעפּאַקטע הענטלעך און זינגען אַלערליי יידישע פאָלקס־

ניגונים און לידלעך, אַז ס'האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. די קאָמענדאַנטין פון יענער זייט באַראַק האָט זי דערפאַר גענומען אַרײַנשלעפּן יעדן אָוונט צו זיך, פאַרבעטן אַלע אירע געהילפן און גוטשע האָט זיי פרײלעך געמאַכט. זי האָט זיך געמוזט אָנטון אַ קורץ קליידל, העכער פון די ראָזאָווע קניען, נאָכמאַכן אַ טענצערין און אַלערליי אַקראָבאַטישע קונצן. זי איז געווען אינגאַנצן איין שטיק אומרו, אַ צוזאַמענבאַהעפט פון יידיש־טרויעריקע טענער, געמישט מיט אויסגעלאַסן־פרייליכע שטיק און תנועות. פון אַלעם צוזאַמען האָט אָבער אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט, וואָס האָט אַרויסגעצויגן די נשמה. דאָס האָט אפשר מיטגעווירקט אַז דער הויכער, מערדערישער קויפמאַן זאָל ווערן אונטער איר בליק אַזוי צעקראָכן־ווייך.

ביים אָנהויב איז עס געשען אַזוי:

ווען גוטשע האָט איינמאָל געמאַכט אירע קונצן ביי דער וואַרקאַוויטשן אויפן טיש, איז קויפמאַן פלוצים אויפגעשפרונגען און פאַר אַלעמען אין די אויגן זי אַ כאַפּ געטון אויף זיינע ריזיקע הענט, גענומען זי ווילד קושן און זיך צערעוועט:

— זאָל איך שוין היינט די כפּרה ווערן, אויב דו וועסט נישט זיין מיין כלה! לאָמיר נאָר שלאָגן כפּרות מיט היטלערן — וועל איך דיך אַוועקטראָגן אויף די הענט... איך וועל האָרעווען צום טויט... וועסט זען... אַ שוסטער־יונג קען איך ווערן צו יעדער צייט...

די ערשטע צייט האָט זיך גוטשע געוועהרט, געטריבן אים פון זיך. אַביסל האָט זי אים אַזוי אַרום אָנגעצויגן מיט איר שטאָלץ, געוואָלט אים רייצן; זאָל ער נישט אַזוי לייכט צוקומען צו איר און דערמיט פאַרשאַרפן, לאָזן אים אויסגיין פון בענקשאַפט... קויפמאַן האָט גענומען ווערן פאַרטראַכטער, אפילו ווייניקער געשלאָגן. אין די פאַרנאַכטן האָט ער זי אָפּגעוואַרט און ווי אַ פאַרשולדיקט יינגל זיך ביי איר געבעטן:

— זאָג מיר, אויב דו ווילסט — וואַרף איך אַוועק דאָס גאַנצע קאָמאַנדעווען איבער די מיטאָגן. כ'וועל אַוועק אין דער פאַבריק, זיין אַ גאַנצן טאָג מיט דיר אין דער האַלע... ווילסטו?

גוטשקע האָט זיך געקרימט: מען דאַרף נישט... ס'איז מיר בעסער צו זיין אַליין! זי איז אָבער ביסלעכווייז איינגענומען געוואָרן פון זיין שטאַרקן

ווילן, פון זיין געטרייעם נאָכקריכן איר, און פונעם וואַרטן אויף איר ביים טויער, ווען אַלע זעען... און זי איז געוואָרן קויפמאַנס כלה. פון די ערשטע „כלות" אין לאַגער. און פאַרנאַכט, ווען זי איז צוריקגעקומען פון פאַבריק, איז קויפמאַן איבערגעאַנדערש געוואָרן. ער איז געגאַנגען נעבן איר מיט געלאַסענע טריט און ווען זי האָט ערגעץ געזונגען — איז ער געזעסן נעבן איר מיט צעלויכטן־גליקלעכע אויגן.

II

זי האָט זיך געהאַלטן, גוטשע, אַנדערש ווי אַלע יידישע מיידלעך אין די האַלעס. ביי דער מיטאָג־פּויזע איז זי געשטאַנען נעבן אירע פּוי־לישע חברטעס — ווי נעבן אַ שוץ־מויער — און נישט געוואָלט קוקן אין דער זייט פון אַ פאַרבייגייענדיקן ייד. פּונקט ווי דערמיט וואָלט זי זיכער געווען, אַז דער יידישער גורל מיידט אויך זי אויס. ווען מען האָט צוגע־ברענגט נאָך צוויי יידישע מיידלעך אין 58 אריין (צו מיידלעך איז זשע־לינסקי נאָכגיביקער געוואָרן), האָט גוטשע אַ בים געטון די ליפּ און נאָך מער זיך צוריקגעצויגן אין איר אָפּגעזונדערטקייט אריין. זי האָט עפּעס אַ מאָדנע פּחד געהאַט, אַז דער מינדסטער אָפּנויג קען זי אַרויסשלעפּן פון דער „פּוילישער" נאַרע, וואָס זי האָט זיך דאָ אויסגעבויט. מיט די אַנ־דערע מיידלעך האָט זי נישט גערעדט, קיין בליק אין זייער זייט נישט געטון און יענע האָבן אַ שטיק צייט געמיינט, אַז זי איז אַ פּוילישע. די ערשטע צייט האָט מען יענע צוויי געשלאָגן, געזידלט און ווער ס'האָט געוואָלט האָט זיי אָנגעטריבן ביי יעדער געלעגנהייט. גוטשע האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז זי זעט נישט, אַז עס אַרט זי נישט — אויס מורא אַז זי זאָל מיטן בלויזן געדאַנק נישט מיטגעשלעפּט ווערן מיט יענערס ער־גערן מזל...

עס האָט זי אוודאי פאַרדראָסן אויך, וואָס יענע זענען געקומען אַהער. פריער איז עס געווען אַ גוישע האַלע פאַר די דייטשן, ווו מ'האָט נישט געפירט קיין ספּעציעלע רובריק פון די יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט און איצט מוז מען שוין פאַרצייכענען  ד ר יי  יידישקעס, זי אריינגע־

רעכנט. האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס האָבן זיי איר צוריקגעגעבן די יידישע סכנה אויפֿן נאָמען...

דערפֿאַר אָבער האָבן זיך די אַנדערע צוויי שפּעטער דערוווּסט פֿון איר. דאָס האָט זיי נאָך מער פֿאַרדראָסן. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז גוטשע האָט אַמאָל מיטגעשמייכלט, ווי אַלע שיקסעס, ווען מ'האָט פֿון זיי אָפּגעלאַכט, געגעבן שווערערע אַרבעט אָדער אַ קלאַפּ געטון מיט אַ שטעקן. האָט עס זיי געבערנט:

— וואָס האָט זי מורא? וויל זי דערמיט זיך אויסקויפֿן פֿאַר איר יידישקייט? גאַנץ באַזונדערס האָבן די צוויי מיידלעך, געקומענע פֿון מאַידאַנעק, באַלד דערקענט קויפֿמאַנען און הערנדיק, אַז אָט דאָס שיקסעדיקע מיידל איז זיין „קוזינע" — האָבן זיי דעם גאַנצן כעס אויף אים אויך איבערגעטראָגן צו איר.

קיין צייט זיך איבערצוּוואַרפֿן מיט ווערטער איז נישט געווען. יענע האָבן געאַרבעט שווערער און ווייט פֿון גוטשעס טיש. ס'איז אָבער מעגלעך געווען זיך אויסצוטוישן מיט די בליקן, פֿון וועלכע עס האָבן געשפּריצט שנאה־פֿונקען, און פֿון ביידע זייטן האָט מען זיך אויף דער דאָזיקער שפּראַך פֿאַרשטאַנען.

די שיקסעס ביי גוטשעס טיש האָבן עס אויפֿגעכאַפּט. איינע, מיט אַ לענגלעך, געשטופּלט פּנים, האָט עס איר אפֿילו געזאָגט:

— דו האָסט זיי נישט איבעריק ליב, דיינע זשידאָוועטשקעס, וואָס?

גוטשע האָט זיך דערפֿון אויסגעקרימט, ווי מען וואָלט איר אָנגעשטאָכן אין לייב:

— זיי זענען אין גאַנצן אַנדערע... געקומען — ווער ווייסט פֿון וואַנעט און מאַכן כסדר אַזעלכע פּלירטישע קניקסלעך צו אַלעמען... זיי ווילן דערביי געפֿעלן ווערן זשעלינסקין, סאַדזאַן אָדער גאָר די דייטשע מייסטערס...

און דערביי האָט זי, אַ געקרענקטע, צוגעגעבן:

— איר קענט זיין אויסגעזאָרגט, אַז זיי וועלן באַלד האָבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס...

די צוויי מיידלעך זענען געווען יונג און שיין. די ערשטע יידישע

פנימער אין דער האַלע — האָבן זיך אַלע אויף זיי פאַרלייגט און געי־רודפט. די איבערגעעלטערטע און פאַרוויאַנעטע פוילישע פרויען האָבן נישט געקענט צוימען די אָפענע שנאה צו זיי, וואָס איז ארויסגעוואקסן פון דער קנאה זייערער צו יענערס יונגער שיינקייט, זיי האָבן דערפאַר געהאַלטן אין איין אויפהעצן די אויפזעער:

— טרייב זיי אַביסל אונטער, די יידישקעס! זיי שלאָפן דאָך איין ביי דער אַרבעט! איך האָב אַליין געזען, ווי אָט־יענע האָט זיך געפוצט די נעגל, ווען אַ גאַנצער טוץ גראַנאַטן איז געלעגן אויפן טיש...

ווען אַ דייטשער מייסטער איז אַריינגעקומען, האָבן זיך באַלד ארויס־געוויקט עטלעכע דיק־אָנגעפרעסענע שיקסעס, זיך גענומען חנדלען צו זיי און מיט האַלבן שטום־לשון גענומען ווייזן חוזקדיק אין דער זייט פון די מיידלעך:

— טאַם (דאָרט)... יודע! צוויי יודע, ניכט אַרבייט!

און ביי די מיידלעך האָבן געמוזט לויפן די הענט פלינק, פלינק — ביז די פינגער מיטן רוקן האָבן גענומען ברעכן. האָט דער סאַמע פשוטער לעבנס־אינסטינקט געמוזט אויפוועקן אין זיי אַלע כוחות, מיט וועלכע מען קען זיך ווערן און באַשיצן.

ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיך צו זיי צוגעשאַרט די אויפזעער און סתם שקצים, קאָמאַנדעוועט און געטשעפּעט זיך. דער קליינער, 15־יעריקער אַנטאַש, דער ליבלינג פון זשעלינסקין, האָט זיך געמאַכט אַ גע־וווינהייט זיי אָנצוקנייפּן אין גראָבן פלייש. די ערשטע צייטן האָבן זיי אויפגעשריגן פון בושה, ווייטיק און עקל. זייער געשריי איז אָבער אויפ־געכאַפּט געוואָרן פון די אַרומיקע טישן מיט אַ באַזונדערער הנאה. האָט זיי דער שטאָלץ און דער צולהכעיס־ווילן — נישט צו פאַרשאַפן יענע קיין הנאה — געצוווּנגען נישט צו שרייען, איינהאַלטן זיך... דערפאַר אָבער זענען די טרערן אַרויסגעקומען פון זיך אַליין. אויך זשעלינסקי איז טייל־מאָל צוגעקומען און איראָניזירט:

— זיי וויינען גאָר! אפשר זאָל איך רופן צו אייך די מאַמעס, מען זאָל אייך אויסווישן די טרערלעך מיט אַ זיידן טיכל, ווי ביי זיך אין דער היים? איר ווילט?

די שקצים האָבן געפונען אַן אינטערעסאַנטע שפּיל אין די מיידלעך. אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער פון זיי צוגערופן זשעלינסקין און געוויזן אים, ווי אַזוי זיי „פוילן" זיך אונטער ביי דער אַרבעט. דערביי האָט ער אָנגענומען איינע אָדער די צווייטע ביי דער האַנט און גערדריקט, גע־דריקט... וואָס מער זי האָט געשריגן, אַלץ מער האָט זשעלינסקי פרייליך געלאַכט און אונטערגעגעבן חשק די גרויסע און קליינע שדימלעך. איז נישט געבליבן קיין אַנדער וועג פאַר זיי, ווי לאָזן אין גאַנג דאָס לעצטע געווער: דעם שיינעם שמייכל. ווען אַ שייגעץ האָט זיך צוגעלאָזט צו זיי, האָבן זיך אים אַנטקעגנגעוואָרפן אַ פּאָר ברייט־צעעפנטע אויגן... זיי האָבן זיך צוזאַמענגענאָסן מיטן פאַרשמאַכטן רויט פון דעם געפאָרעמטן בלוט־פלעק אונטער דער נאָז און אַלץ אָנגעשטעלט, ווי אַ רייצנדיקע קויל, וואָס דאַרף פאַראַליזשירן יענע הענט, וועלכע גרייטן זיך צום פייניקן...

די שיקסעס האָבן בייז געברומט, אפילו געזידלט די שקצים:

— איר האָט זיך אָפּגעשטעלט, האַ? העלדן... די יידישע פלירטשאַר־קעס האָבן אייך שוין גענומען אין דער אַרבעט אַריין. באַלד וועלן זיי זיך הייסן קויפן רויטע קליידלעך און געפּאַסטע שיכעלעך, ווי אין זייער אַמאָליקער היים... איר וועט זען...

אַ שטאַרקן כח אָבער, ווייזט אויס, האָבן די מיידלעך פאַרמאָגט! אפילו דער קליינער אַנטאָש מיט סאַדזען, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין ממיתן געכאַפּטע יידן, האָבן אויפגעהערט זיי צו פייניקן. ס'האָט נאָר געטראָפן אַז אַן אויפזעער אָדער זיין געהילף האָבן זיך אין מיטן דער אַר־בעט אַ לאָז געטון אַהין, מכלומרשט אַ כאַפּ געטון טרייסלען דאָס מיידל פאַר איר פוילקייט, אָבער זי דערביי צודריקן צום גאַנצן קערפּער און שפּעטער איר אפילו אונטעררוקן אַ שטיקל ברויט, אַ פּעקעלע עסן...

האָבן זיך די מיידלעך אויסגעלערנט טראָגן דאָס ווילדע שמייכעלע מיט זיך, ווי אַ זעלנער זיין ביקס אויף דער וואַך. די הענט האָבן גע־בראָכן און די פּלייצעס האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא פון מידקייט; זיי האָבן זיך אָבער געקלאַמערט אין זייער אויגן־פינקל, אינעם ראָזן־שמייכל, ווי אין אַ פּאַנצער קעגן אַלע אַרומיקע. און זיי האָבן געשמייכלט ביז צום „אַנטרעטן" אין דער ריי. ערשט ווען זיי זענען אַריינגעקומען

צווישן אלעמען, האט זיך זייער פנים באדעקט מיט יענעם נישט־ארויס־געברענגטן יאמער.

וויפל האבן דען געקענט פארשטיין, פארוואס א יידיש מיידל שמייכלט אין האלע 58?! און פארוואס גייט זי שפעטער אזוי פארזונקען אין א ווייטער, בייזער וועלט?

# קאפיטל פינף

## I

דעם ערשטן טאג האט מען מעכעלען אוועקגעשטעלט ביים טיש, וווּ נאר די צוויי מיידלעך האבן געארבעט. מעכעלע האט אראפגענומען די גראנאטן, וואס זיי האבן געשטעמפלט און אריינגעלייגט אין גרויסע, שטרויענע קארבן. שפעטער האט ער זיי געדארפט אויפלאדן אויפן וואגן צום טראנספארטירן. ביז איצט האבן עס געטון צוויי פוילישע יונגען. מע־כעלע האט עס געמאכט אליין.

באלד איז געבן אים אויסגעוואקסן אנטאש און אים א זעץ געטון:

— מיר דארפן דא נישט קיין יידן אין דער האלע! ווער האט דיך געברענגט אהער?

מעכעלע איז צעמישט געווארן. וועמען טוט ער דען דא? איז ער דען געקומען אהער מיט זיין ווילן? ער האט זיך נישט געכאפט, אז מיטן שטיין ביים טיש, ווו די מיידלעך זענען, האט ער געצויגן אויף זיך א ספעציעלן צארן פון די שקצים. דער עיקר פון די וועלכע מען האט אוועקגענומען פון דאנעט צו א צווייטער ארבעט. ער האט דערפאר גענומען שטאמ־לען:

— איך בין געווען אין אן אנדער האלע... מען האט מיך ארויס־גענומען אן מיין ווילן.

א שייגעץ אין א קיילעכדיק היטל מיט א שווארץ־גלאנציקן דאשעק

האָט זיך צוגערוקט נענטער און אָנגעקוקט מעבעלען מיט אַ פּאָר גזלן־אויגן:

— דערפאַר אָבער האָסטו גוט געטראָפן! מיר האָבן זייער ליב יידן. מיר ווילן דיך פאַרזאָרגן אַזוי, אַז דו זאָלסט מער נישט דאַרפן צוריק־גיין אין לאַגער אַריין...

מעבעלע האָט געשוויגן. אַרום האָבן זיך געדרייט אַזויפיל מונדירטע דייטשן, אַז דאָס בעסטע אין אַזאַ מינוט. איז געווען צו שלעפן נאָך פליג־קער די שווערע אייזנס פון טיש אַראָפּ. די צוויי יונגען האָבן אויפגע־כאַפּט זיין שרעק פאַר די דייטשן און גענומען אים שלאָגן פון ביידע זייטן. אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן האָט מעבעלען געטראָפן אין האַנט, גראָד ווען ער האָט געהויבן אַ 15-ער גראַנאַט. דאָס אייזן האָט זיך אַ גליטש געטון און מעבעלע האָט עס געקענט קוים דערכאַפּן, עס זאָל נישט אַראָפּפאַלן. ער האָט ווייטער געוואָלט אַרבעטן, אָבער זיי האָבן אים אַזוי קונציק געשלאָגן, אַז קיינער האָט עס אפילו נישט געקענט באַמערקן.

די צעוויטיקטע האַנט האָט בלינד אָנגעכאַפּט דאָס מיידל ביי זיין זייט. זי האָט אין דעם דערשפּירט אַ שטומען הילפס־רוף, אַ געשריי נאָך רעטונג... זי האָט דערפאַר אַ בעט געטון מיט איר זינגענדיקער שטים:

— אַנטאָש, באַלעק! לאָזט אים אָפּ... וואָס האָט איר צו אים?

זי האָט דערביי שנעל אַ גלעט געטון אַנטאָשן איבערן פּנים. ער האָט אָבער אָוועקגעשאַרט איר האַנט:

— גענוג וואָס מיר האָבן אייך דאָ. איר זענט אָבער מיידלעך. דעם הורנזון דאַרפן מיר דאָ נישט האָבן...

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגערוקט אַ פאַרשעמטע אין אַ זייט. ביי מע־בעלען האָט דער ווייטיק גענומען שאַרפער ווערן. אַנטאָשעס זאָג האָט אים אויפאַמאָל עפּעס קלאָר געמאַכט. צוזאַמען מיטן ווייטיק האָט ער אויך דערשפּירט עפּעס אַ מאָדנע חרפּה:

— זיי ווילן דאָ הרגענען... זיכער... נאָר די מיידלעך...

אַ פלאַם אויף דער באַק האָט אים צוגענומען די גאַנצע צוריקגע־האַלטנקייט. ניין, מען טאָר זיך נישט לאָזן טרעטן פון די דאָזיקע ווע־רעם! ער האָט עס אפילו אַזוי קלאָר נישט געפילט, ווי זיינע אברים האָבן

זיך דערצו בלינד געריסן: אַנלערנען זיי! דעם פּרייז זאָלן זיי שפּעטער צו־שטעלן...

אויב דער בונט קעגן די דייטשן איז שוין לאַנג טויט געווען אין האַרץ, אָנגעשראָקן פון גלאַנציקן דייטשן מונדיר, האָט אָבער דער אָנבליק פון סתם־שלעגער זיך נאָך נישט גוט אײַנסטאַביליזירט אין דער שלום־מאַכנדיקער פּסיכיק. די יסורים פון אַזאַ, וואָס גייט אין די זעלבע בגדים, ביי דער זעלבער אַרבעט וואָס דו — האָט אויפגערייצט און אָפּגענומען יעדן קאָנטראָל איבער זיך... ווי אין נעפּל האָט ער געהערט, ווי די צוויי מחבלים סימולירן פאר די דייטשן, מאַכן זיך פאר אויפזעער און שרייען הויך, יענע זאָלן הערן:

— לאָס! שנעלער! וואָס רירסטו זיך ווי זאַבלאָצקי אין זייף!?

מעבעלע האָט געשפּירט ווי איינער נעמט אָן זיין פלייש און קנייפּט, רייסט מיטן גאַנצן כח, ווי מיט אָן אייזערנער צוואַנג... אינסטינקטיוו האָט מעבעלע אַ דריי געטון מיטן קאָפּ און מיט זיין גאַנצער האַרטקייט אָנגעטראָפן אין יענעמס פּנים אַריין. דער שייגעץ איז אָפּגעשפּרונגען פון אומגעריכטן קלאַפּ און זיך מוראדיק צעשריגן. די איבעררראַשונג, וואָס אַזאַ דאַר יידיש ייִנגל האָט זיך פאַרמאָסטן, דאָ — אין דער האַלע 58, צו־ריקצוגעבן קלעפּ, האָט זיי אויף אַ מינוט ווי פאַרגאַפט. מעבעלע האָט זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט. דער געשלאָגענער, באַלעק, האָט זיך הויך צע־רעוועט:

— מען וועט דיך ממית! שוין דיך דערקוילען!

ס'איז געוואָרן אַ טומל. די מיידלעך האָבן זיך אָפּגערוקט דערשראָ־קענע אין אַ זייט. אַנטאָש האָט געכאַפּט אַ שטיק אייזן, גרייט זיך צו וואַרפן אויף מעבעלען. יענער האָט שוין אָבער געפונען זיין הפקרדיקע גלייכגילטיקייט. ער האָט געכאַפּט אין די הענט עטלעכע אייזערנע רער־לעך און הויך אַ וואָרן געטון:

— כ'וועל שליידערן אין די קעפּ! מיין טויט און אייערער...

זיין אַנטשלאָסענע חוצפּה האָט זיי אָפּגעשראָקן. מעבעלע האָט גע־שריגן, נישט הערנדיק אַליין וואָס — און איבער די גרענעצן פון זיין מעגלעכקייט, ווי אין משוגעת. זיי אַליין האָבן מורא באַקומען פאר דעם

טומל, וואָס האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט די האַלע. ס'איז געקומען אָנצו־לויפן זשעלינסקי מיט עטלעכע דייטשן. זיין הייזעריקער כריפּ האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. צוערשט האָט ער אָבער געמוזט ברענגען צום אויס־דרוק זיין פאַרוווּנדערונג: — וואָס קומט דאָ פאָר? אין מיטן דער נאַרמע?

די צוויי שלעגער זענען בלאַס געוואָרן. איבער מעכעלעס קאָפּ זענען פאַרבייגעפלויגן זייערע דערשראָקענע ווערטער:

— שטילער! שטילער, ייד, וואָס קוויטשעסטו?

מעכעלע איז אָבער שוין אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זיינע צוימען. איבער אים איז געשטאַנען דער דייטשער אויבערמייסטער פון דער האַלע, מיט אַ צעחושט, דולעוואַטע פּנים, נישט ווּיסנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר. מעכעלע האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטון, ווי צום איינציקן וואָס קען אים נאָך שיצן:

— הער מייסטער! דאַרף איך מאַכן מיין נאָרמע, אָדער נישט? אויב מען דאַרף מיך טויטן — האָבן עס די לייט דאָ צו באַשטימען אָדער נישט? זיי קלאַפּן מיר איבער די הענט, איך זאָל נישט קענען דערלאַנגען די גראַ־נאַטן — וויל איך זיך פון זיי נישט לאָזן... איך וועל צוריקשלאָגן... סיידן דער מייסטער האָט זיי באַשטימט פאַר אויפזעער און זיי זאָלן שטערן די אַרבעט...

פון מעכעלעס מויל האָט געזעצט שוים און בלוט. די ווערטער און טענות האָבן זיך מטורפדיק אַרויסגעריסן פון שליים אַרויס, אָן צו טראַכטן מער, אָן אַ חשבון. דער דייטשער מייסטער, קרעבס, האָט זיך עט־וואָס פאַרלוירן פונעם יינגלס שרייען. ער האָט געוואָלט אים די ערשטע מינוט צערייסן, צעממיתן פאַר דער יידישער היסטעריע, וואָס שטערט די גאַנצע האַלע־אַרבעט. אָט האָט ער שוין געוואָלט אַרויסברענגען פון זיך עפּעס גזירהדיק־האַרבס און פּלוצים דערזען, ווי די צוויי שקצים שטייען דערשראָקן און זוכן מיט די אויגן וווהין זיך אָפּצוטראָגן. זיין גע־דאַנק האָט זיך מאָמענטאַל אַריבערגעגליטשט צו זיי; הע, זיי זענען דאָ עפּעס נישט אין אָרדענונג! אָנשטאָט צו וואַרפן זיך אויף דעם חוצפּהדיקן ייד, האָט ער אים אַרויסגעלאָזט פון זיין אויפמערקזאַמקייט און זיך גאָר איינגעגעסן אין זיי מיט די אויגן:

— וואָס פאַר אַן ארבעט מאַכט איר דאָ אין דער האַלע? ווער האָט אייך דאָ באַשטימט פאַר אויפזעער?

די פּאָליאַקן האָבן פאַרלוירן זייער אַגרעסיווע זיכערקייט פון פריער טראָץ דעם. וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין דייטש, האָבן זיי אַרויסגעפילט, אַז דאָ איז געפאַלן אויף זייער קאָפּ אַ האַרבע שאלה. זייע־רע טעמפּע פּנימער האָבן זיך נאָר געוואונדערט, וואָס אַ דייטשער מייסטער נעמט זיך גאָר אָן פאַר אַ יידס קריוודע. זשעלינסקי איז געשטאַנען אין דער זייט, אַ בלאַסער און צעטומלטער. מיט זיין דייטשער שפּראַך איז ער געווען גאָר שטאָלץ פאַר די פּאָליאַקן און אָט שטייט אַ גאָרנישטדיק יידל און פאַרשיט מיט דייטשע רייד דעם הויפּט־מייסטער, ווי ער וואָלט גאָרנישט הפקר געווען... דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס דער קאַלטער באַנדיט קרעבס שטייט און הערט אים אויס, נעמט אריין אין זיך זיינע רייד...

קרעבסן האָט אָבער דעם יידס געשריי אינטערעסירט פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. ער האָט אַ פרעג געטון ביי זשעלינסקין:

— האָסטו עס די צוויי יונגע בורשן געמאַכט פאַר אויפזעער? שוין צופיל מענטשן מאַכסטו מיר דאָ פאַר ליידיקגייער! די ארבעט קען גע־מאַכט ווערן אָן די צענדליקער טומלער. דו זע בעסער צו, אַז אַזעלכע יונגע און געזונטע חברה־לייט זאָלן מער אַרבעטן — אויב נישט קענען זיי גוטיק זיין אין אַ צווייטן אָרט, וווהין עס וועט אין קורצן אָפּגיין אַ טראַנספּאָרט...

זשעלינסקי האָט שוין פריער באַמערקט, אַז דעם יידס שרייען האָט דאָ אויפגעוועקט ביי קרעבסן אַזוינס, וואָס האָט שוין מיטן ייד גאָרנישט צו טון. דאָ פאַלט שוין אויף אים אַ פּאָרוואורף, וואָס קען דערגיין ווער ווייסט ווי ווייט... ער האָט דערפאַר גענומען פאַרגלעטן:

— הערן שעף! איך האָב קיינמאָל די פּוילענצער נישט באַשטימט פאַר קיין אויפזעער! זיי האָבן נאָר דערזעען אַ נייעם ייד דאָ אין דער האַלע — זענען זיי צו אים צוגעפאַלן. נישט אומזיסט, הערן שעף! פאַ־ראַן מיט זיי אַ לאַנגער חשבון. אין אַלע האַלעס, וווּ די יידן אַרבעטן צו־

זאמען מיט די פּאַליאַקן, קומט פאַר דאָס זעלבע. די יידן זענען עס ווערט. נאַר איצט, אין מיטן דער אַרבעט...

ער האָט זיך דערביי אויסגעדרייט מיט אָנגעשטעלטן כעס צו די צוויי שלעגער:

— וואָס טוט איר, וואָס!? געזען אַ טומל איר האָט אָנגעמאַכט? איך וועל מיין קאָפּ פאַר אייך נישט אָוועקגעבן. דער מייסטער איז בייז און וויל אייך נאַר שווער באַשטראָפן. איך באַמי זיך אייך אָפּצובעטן...

ווידער אַמאָל האָט מעכעלע דערזען דעם פּאָליאַק, וואָס קען אין איין מאָמענט פאַרלירן זיין חוצפּהדיקע אכזריות און שטיין בלייבן, ווי אַ דער־שראָקן לעמעלע... קרעבס האָט גענומען דערוויייל אויסמוסרן זשעלינסקין:

— די חשבונות מיט די יידן לאָז פאַר אונדז. דאָס איז נישט די דאָזיקע קערלס זאַך. בפרט ווען דאָס גייט אויפן חשבון פון דער נאָרמע. איך האָב געזען ווי אַזוי דער ייד אַרבעט. שטעל אים ביי אַ צווייטן טיש און זאָלן די בורשן מאַכן זיין אַרבעט. זאָג זיי, אַז אויב זיי וועלן דאָ וויי־טער מאַכן שטערונגען, וועלן זיי הענגען ביי מיר...

ער האָט דערביי אָנגעוויזן אויף שטום־לשון, ווי אַזוי מען פאַרלייגט אַ פּעטליע אויפן האַלדז. די שקצים זענען דערביי געשטאַנען פאַרלוירענע, ווי מען וואָלט זיי אָפּגענומען דאָס לשון מיטן אָטעם. ערשט ווען קרעבס איז אָוועקגעגאַנגען, האָבן זיי צוריק אויפגעלעבט. זעענדיק אַז די געפאַר איז אַריבער און די שרעק זייערע איז געווען אַן אומזיסטע — זענען זיי צוריק ריידעוודיק געוואָרן:

— דו יידליק, וועסט נאָך באַקומען פון אונדז דאָס דייניקע, וועסט זען!

זשעלינסקי האָט נישט אויפגעהערט צו שעלטן מיט טויטע קללות:

— צו אַלע ברענענדיקע כאָלערעס! „דער ייד שלאָגט און ער שרייט נאָך"... וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָלק!? הייליקע מוטער, טשענסטאָכאָ־ווער!

באַלד האָט ער אַ בליק געטון אויף מעכעלען און זיך עפּעס דער־מאָנט. זיין קול איז געוואָרן אַביסל קילער און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ באַגראָבענעם שטיקל הניפה אין טאָן:

— אָבער קיין „פרייער", זעט אויס, ביסטו נישט...

## II

בכדי צו לעבן צווישן פּאָליאַקן, מוז מען האָבן אַ ספּעציעלע טאַקטיק, בפּרט אין ווערק צע. מעכעלע האָט איינגעזען, אַז מען מוז האָבן דערצו אַ וועג פון אָקעגנשטעלן זייער צעיושעטקייט אַ הפקרדיקע, נישט־פּחדנותדיקע האַלטונג. ערשט שפּעטער, ווען דער פּאָליאַק זעט אין דיר דעם מוטיקן הפקרניק און ער באַקומט פאַר דיר אַ שטיקל דרך־ארץ — דאַרף מען זיך באַמיען צו געפינען די רואיקע שפּראַך צו אים. דאָס דרעסירט אים אַביסל אויס, ער זאָל רעדן מיט דיר אַ לייטיש וואָרט און האַלבמענטשלעך זיך באַנעמען.

זינט יענעם פאַל האָט מען מעכעלען נישט געשלאָגן. זייערע טעמפּע מוחות האָבן געגלויבט, אַז דער ייד קען אַלץ צוטראָגן די דייטשן און זיי וועלן אים הערן. זיי האָבן אויך נישט געוואָלט, אַז אַ דייטש זאָל עס באַמערקן בנוגע אים, ווייל „דעם זשידעק האָבן זיי שוין אויפן אויג און שיצן אים". ביז איצט האָבן זיי געהאַט אַ קלאָרן שכל, אַז די דייטשן גיבן שטענדיק גערעכט די וואָס שלאָגן יידן. איצט האָבן זיי געזען אַז מ'קען נישט אויסרעכענען אויף די קאַפּריזן פון אַ דייטש און „דערצו איז דאָס אַ ייד וואָס וועט זיך פאַר גאָרנישט אָפּשרעקן". זיי האָבן דערפאַר, ווי צו פאַרענטפערן זיך, פאַרוואָס מען לאָזט מעכעלען צורו, געפונען פולע הויפנס מיט רייד:

— דער איז עפּעס גאָרנישט קיין זשידעק... שרעקט זיך נישט פאַר קיין שווער שטיקל אַרבעט און אפילו נישט פאַר קיין קלעפּ...

אַנדערע האָבן אפילו שוין געוווסט:

— אַ גאַנצער אינטעליגענט... געווען אַ ראַווין און אַלצדינג ווייסט ער... דערצו גיט ער אַ קלאַפּ אָפּ אויף דייטש ווי אַ געבוירענער בערלינטשיק... מיט אים, זעסטו, קען מען רעדן אַ וואָרט...

און ווען זשעלינסקי האָט געזוכט אַ טיש־עק, וווּ אַוועקצושטעלן מעכעלען, האָט מען זיך געבעטן פון אַלע זייטן:

— הער מייסטער, גיט אים צו אונדזער טיש! מיר דאַרפן אַ גוטן אַרבעטער...

זשעלינסקי האָט קוים אַ שמייכל געטון צו מעבעלען:

— זעסט? האָסט דאָ באַקומען אַ גוטע רענאָמע. דו ווייסט וואָס דאָס הייסט? ביי זיי וועסטו שוין נישט פאַרהונגערן.

ער האָט אפילו איינמאָל אָנגעוויזן דעם דייטשן מייסטער:

— איך האָב נישט קיין יידן אין דער האַלע. נאָר, זעט נאָר, ווי מען רייסט זיך איבער דעם יידל, וואָס איך האָב זיך אויסגעזוכט. אַז ער שטעלט זיך צו דער אַרבעט — וועט די נאָרמע שוין געמאַכט ווערן. איך ווייס שוין וועלכן ייד אַריינצונעמען אין מיין האַלע אַריין.

אויף דער צווייטער זייט פון מעבעלעס טיש, אַקעגנאיבער, איז געשטאַנען אַ הויכער פּאָליאַק מיט אַ גראָב, באַוואַקסן פּנים און געלע, האַלב־אויסגעבראָכענע ציין, פאַר וועלכן מעבעלע האָט זיך געשראָקן. יענער האָט אויסגעזען אַ פאַרביסענער שווייגער און מענטשן־פיינט. ווען זשעלינסקי האָט צוגעפירט מעבעלען צום טיש, האָט ער דערביי אַ טרייסל געטון דעם שווייגנדיקן גוי:

— כראָפּיצקי! דאָ האָסטו אַ גוטן שכן צו דער אַרבעט... אַ יידל.

כראָפּיצקי האָט קרום אָפּגעמאָסטן זיין נייעם שכן און פאַרביסן גענומען אָפּטיילן זיין העלפט גראַנאַטן אויפן וועגעלע, מיט קענטיקן פאַרדראָס. יעדער איינער פון זיי האָט געמוזט אַרויפוואַרפן זיין צאָל אויפן טיש, אַז די מענטשן פון די רייען זאָלן האָבן ביי וואָס צו אַרבעטן. כראָפּיצקי האָט כסדר געשאָלטן וועמען און געברומט אין זיך אַריין. מעבעלע האָט געשפּירט, אַז דאָס מיינט ער אים. ער האָט אָבער געשוויגן, עס זאָל זיך נישט אָנהייבן קיין פרישע שיקאַנע. ווי אַזוי אָבער דאָס אויסצומיידן האָט ער נישט געוווּסט. די גראַנאַטן האָבן זיך צוזאַמענגעקלאַפּט און אויסגעמישט אויף דעם טיש און צום סוף האָט כראָפּיצקי הויך אויסגעשריגן:

— איך האָב אַרויפגעלייגט 25 און דער ייד בלויז 11... איך וועל פאַר אים נישט אַרבעטן!

מעבעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט עס אין דער נאָרמע, וואָס יעדער דאַרף מאַכן פון יעדן סכום צוגעברענגטע שטיק. אין יענעמס אויפ־

רעגונג האָט ער אָבער געזען, אַז דאָ איז פֿאַראַן נאָך אַ באַהאַלטענער פּאַרדראָס, וואָס ער איז שוין נישט מסוגל תּופֿס צו זיין. צו מעבעלעס וואָגן איז צוגעקומען דער קאָנטראָלער מיטן מעסטער. ער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט ביי יעדן שטיק און צום סוף כמעט אַלע אייזערנע בייכער פֿון די שווערע כּלים באַציקלט מיט זיינע ציפֿערן, וואָס פּסלען זיי.

ער האָט זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט דאַנעבן און געקוקט, ווי מע־בעלע קלויבט אויס די גוטע און לייגט זיי אַרויף אויפֿן טיש. ער האָט זיך אויפֿפּאַמאַל צעשמייכלט הנאהדיק און בייסיק:

— מאָשקאַ, ווי אַזוי וועסטו מאַכן דיין נאָרמע?

מעבעלע קען נישט פֿאַרשטיין:

— וואָס הייסט? און ווי אַזוי מאַכן עס אַנדערע? אויב איך וועל נישט האָבן — וועט דאָך קיינער פֿון טיש זיי נישט קענען דערגרייכן. פֿאַרוואָס זאָל איך זאָרגן מער ווי די אַנדערע?

דער שייגעץ האָט זיך פֿאַרלוירן. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט:

— דו ביסט, פֿאַרשטייסטו מיך, אַ ייד. אויב דו ווייסט נאָך אַלץ נישט דעם אונטערשיד, וועל איך דיר זאָגן: צו קיינעם פֿון זיי דאָ קען איך נישט צוגיין סתּם אַזוי און שלאָגן. זיי האָבן אַ שוץ און מעגן זיך אויך אַליין באַשיצן. דיך אָבער קען איך אפֿילו דערהרגענען און מען וועט מיר גאָרנישט טון דערפֿאַר... איצט ווייסטו שוין, פֿאַרוואָס דו דאַרפֿסט זיך שרעקן? דערפֿאַר זאָג איך...

מעבעלע האָט אים איבערגעריסן:

— איר האָט אַלע אַ טעות. יעדער איינער פֿון דער האַלע דאַרף ציי־טערן מער פֿאַר מיר. איר האָט נאָך היימען און האָט נאָך צוליב וואָס צו לעבן. איר מעגט נאָך גלויבן, אַז טאָמער וועט איר זיך נישט ספּעציעל פֿאַרזינדיקן — האָט איר זיכערע שאַנסן איבערצולעבן דעם קריג און עס דראָט אייך נישט קיין סכּנה. איך אָבער האָב שוין אַלץ פֿאַרלוירן. צי כ׳וועל זיך פֿאַרזינדיקן אָדער נישט — בין איך שוין פֿאַרמשפּט. דו זאָגסט דאָך אַליין: אויך דו קענסט מיך צוענדיקן. קען איך זיך אַדורכדרייען דורך צענטליקער טויזנטער הענט? ניין! איך בין שוין געווען אין מאַי־דאַנעק און בין ווייטער גרייט דערצו... עס וועט מיך נישט מיידן — וואָס

זשע האָב איך צו ציטערן פאַר מיין דערוויילעק לעבן? ווייל איך בין נישט זיכער — קען איך דערוויזן אַזעלכעס, וואָס איר קענט עס נישט. איך לעב דאָ נאָר, ווייל מען לאָזט מיך אַ מינוט צורו. ווייל איך האָבן נאָך אַ פּאָר טעג; ווען אָבער איר וועט מיך צופיל פּייניקן, בין איך גרייט די קעפּ צו שפּאַלטן און טוט מיר דערנאָך וואָס איר ווילט. און אַז איך וועל זיין שטיל ווי אַ שוואַלב, וועט איר מיך דען נישט ממיתן? דערפאַר אָבער דאַרפט איר זיין פאַרזיכטיק, לאָזן מיר מיינע פאַר טעג אָדער וואָכן, וואָס איך האָב נאָך צו לעבן. אַמאָל קען איך טרעפן פון איינעם מיין אויפ־געדרעגטקייט און ער האָט צו פאַרלירן אַ זיכערע זאַך... איר דאַרפט צי־טערן פאַר נאָך עפּעס: שטעל זיך פאָר, אַז דו לעבסט איבער די קריג און גייסט אַרויס אויפן גאַס. פלוצים כאַפּט דיך ווער אָן ביים אָרבל: דו, וואָס האָסטו געטון מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק!? און ער שלעפּט דיך אין תפיסה. צו וואָס דאַרפסטו עס? קיינער קען נישט וויסן וועלכע אויגן עס זעען אים, ווער עס וועט אים שפּעטער דערזען און וואָס עס קען זיין; מיט אַ צייט שפּעטער... קענסטו דאָך טון דיין אַרבעט, אַז קיינער זאָל צו דיר גאָרנישט האָבן...

מעכעלע האָט אפילו נישט באַמערקט ווי כראַפּיצקי הערט זיך איין צו זיינע ווערטער. ער האָט נאָר באַמערקט, ווי דער מעסטער טומלט זיך, זוכט ערגעץ אין זיך נייע טענות. דער ייד האָט אים דאָ געמאַכט אַ חשבון, פון וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל רעכט נישט געטראַכט. ער האָט שוין ווידער געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער כראַפּיצקי האָט אים איבערגעריסן מיט אַ ברום:

— ער איז שוין גאָרנישט קיין משוגענער, דער ייד. מיין נישט, אַז דו וועסט ביי אים קלוג אָפּשניידן. שכל האָבן זיי די יידן, כאָטש זייער גורל איז אַזאַ פּאַסקודנער...

און אַלע דריי זענען אויף אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. פון דער האַלע האָט ווער אַ רוף געטון דעם מעסטער און מעכעלע מיט כראַפּיצקין האָבן גענומען ציילן די פּריש־צוגעברענגטע גראַנאַטן. דער שמועס איז געבליבן ליגן אין אַ זייט, אַ נישט־דערענדיקטער, וואַרטנדיק מען זאָל זיך ווידער אַ נעם טון צו אים.

## III

א מאָדנע זאַך מיט דעם כראָפּיצקין! ווי נאָר דער מעסטער גייט אוועק און מען דאַרף אַרויפּלייגן אויפן טיש די גראַנאַטן — ווערן זיינע אויגן פאַרצויגן מיט שרעק, ווי זיי וואָלטן באַמערקט א בייזע געפּאַר אין דער לופט. ער קוקט זיך אום איבער דער האַלע אין אַלע זייטן. דערנאָך באַקומט ער אויף אַמאָל אַזאַ ווילדן קוראַזש צו דער אַרבעט — ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן. ער טוט א גוטן שפּיי אין די הענט אַריין און נעמט אָנוואַרפן די גראַנאַטן אויפן טיש, ווי געטריבן פון א טייוול, ביז עס בלייבט ליגן א הויכע פּיראַמידע. מעכעלע באַמערקט, אַז ער טוט נישט א כמו־שפּיי אויף די פאַרגרעבטע ידיים מיט דער שפּיץ-צונג, ווי עס פירט זיך. נאָר ער איינער קען עס זען, ווי איבער יענעמס פינגער טוט א פאַל אַזאַ פייכט שטיק וועלכעס ער צערייבט קונציק־שנעל אין דער האַנט... כראָפּיצקי דערשפּירט מעכעלעס אויג און ער דערשרעקט זיך פאַר עפּעס. ער בייגט זיך אַריבער אין מעכעלעס זייט און וואַרפט אים צו א זאַץ:

— דו... זאָג גאָרנישט. האָסט קיין זאַך נישט געזען...

זיינע אויגן וואַרטן אויף א תשובה. מעכעלעס אויגן ענטפערן שטום. עס ווערט אים באַלד קלאָר וואָס יענער טוט... מיטאָג־צייט ברענגט אים כראָפּיצקי א בלעכל עסן און פאַרשלעפּט אים אין א ווינקל:

— פאַרשטייסטו מיך, ווען דו ווילסט מאַכן די נאָרמע לויט זייערע געזעצן — וועסטו קיינמאָל נישט אַרויס... דער אידיאָט צייכנט און צייכנט, וואָס זשע מיינסטו טו איך? א שפּיי אין דער האַנט... שפּעטער גיסטו א וויש איבערן געצייכנטן אייזן, וואַרפסט אים אַרויף און — שוין! אוים בראַק! אויפן טיש טוט ער זיך א קוילער און ווערט באַלד אוועקגע־שיקט, דער טייוול ווייסט ווהין... עס זענען שוין אפילו געהאַט געקומען קאָנטראָלערן און געפאָרשט, געזוכט... מיך אָבער, זעסטו, אַרט ווייניק וואָס דער גראַנאַט וועט שפּעטער אויפן פראָנט נישט אויפרייסן. הלוואי זאָל עס טאָקע ווירקן — וועלן נאָך א פּאָר מענטשן לעבן בלייבן. נאָר איך גלויב נישט, אַז דאָס ווענדט זיך אין דעם אידיאָטס צייכן. אַזאַ כלי מוז סיי ווי אויפרייסן. אפילו ווען דאָס לעבל איז אַביסל טיפער. מיר אָבער

גייט דאָ אין עפּעס אַנדערש: איך זאָל קענען אַהיימגיין צו דער צייט. זיי װילן פינף טויזנט אַ טאָג? נאָט אייך! אָבער צוליב יעדער נאַרישקייט זאָל איך װאַרטן, ביז מען װעט זיי נאָך אַמאָל איבערגיסן? אַ כאָלערע זיי! איך ראָט דיר, אַז דו זאָלסט מיר נאָכטון... אַז נישט — װעסטו בלייבן אָן אַ האַרץ און אָן לונגען. פון דער צװייטער זייט מוזטו זיך פאַר אַלעמען היטן, אַפילו פאַר די באַבעס ביים טיש. זיי האָבן די גיפּטיקסטע צינגער און איך דאַרף דיר נישט זאָגן, װאָס מען װעט דיר טון פאַרן טרייבן סאַ־באָטאַזש...

און מעכעלע האָט פאַרשטאַנען. פון איצט אָן אָבער האָט יעדע מי־נוט, אויסער איר שװערער לאַסט, אויך באַדייט: אַ פאַרזיכטיק אַרומקוקן זיך יעדעס מאָל מיט טויזנט אויגן און אַ מורא יעדע מינוט געכאַפּט צו װערן ביי דער האַנט. עס זענען פאַראַן אַזויפיל אויגן אין דער האַלע און אַלע מוזטו קענען בלינד מאַכן מיט דיין שנעלן האַנט-באַװעג... עס האָט אַפילו אַמאָל געטראָפן, אַז אַ צופעליק־אַריינגעקומענער דייטש האָט עס װי באַמערקט. ער איז שנעל צו צום טיש און אַ כאַפּ געטון איין גראַנאַט, אַ צװייטן... לאַנג־לאַנג האָט ער דאָרט נאָכגעזוכט און קוים זיך פאַרגי־נען מיט אַ באַדויער אין טאָן אַרויסצובורטשען:

— אייער גליק... צום טייװל... גוט!

דאָס האָט ער גראָד אָנגעטראָפן אויף די גוטע. אָדער אפשר איז ער אַליין געװען אַ קנאַפּער מבין?... װי לאַנג קען מען עס אַזוי? מעכעלע װיל נישט איינמאָל זאָגן כראָפּיצקין, אַז מען דאַרף נישט, מען מוז אויפהערן... נאָר די מלאכה איז געװאָרן אַנגענעם... אַלעמאָל װען ער װישט אָפּ אַ צייכן — גייט אַריבער, צוזאַמען מיט דער שרעק, אויך אַזאַ זיסער ציטער אי־בער די גלידער פון װערן יעדעס מאָל געראַטעװעט, אַריבערשפּרינגענדיק איבער דער געפאַר... דאָס הייבט אָן װערן זיין פאַרגעניגן פון טאָג. אַ גע־פיל פון אָפּהאַלטן נצחונות צװישן באַשפּיגענע און צעטרעטענע טעג. שטויסט אים װייטער און װייטער דאָס זעלבע צו טון, כאַפּט ער זיי אויף װי גרעזלעך, װאָס אייגענע הענט האָבן פאַרפלאַנצט אין אַ סטעפּ...

מ ר ד כ י   ש ט ר י ג ל ע ר

# קאַפּיטל זעקס

## I

מיט דעם כראָפּיצקין איז מעכעלע שנעל באַקאַנט געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענער איז אַ פּשוטער אַרבעטער זיין גאַנץ לעבן, אַ סאָציאַליסט. ביי דער אַרבעט איז ער געשטאַנען אומגערן און געזוכט זיך אָוועקצודרייען, ווען עס איז נאָר מעגלעך געווען. ער האָט אַ סך געשוויגן, מיט מעכעלען האָט ער אָבער געפונען אַ פולע מאָס מיט רייד. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון זייערס אַ קליינעם אָפּמאַך צווישן זיך:

אין דער האַלע איז — צוגלייך ווי אין דער גאַנצער פאַבריק — פאַרבאָטן געווען צו רויכערן. כראָפּיצקי האָט אָבער געמוזט פאַרציען אַ ציגאַרעט יעדע האַלבע שעה אין אַ פאַרגנבעטן אָרט. די טישן האָבן אָבער נישט געקענט שטיין ליידיק — האָט יענער געמוזט אָנקומען צו מעכעלען, ער זאָל ליגן פון ביידע זייטן, ווען כראָפּיצקי איז אַרויס. דערפאַר האָט יענער אים געבראַנגט אַלע טאָג אַ שטיקל ברויט און די פּאָרציע זופּ. און הגם מעכעלע האָט געמוזט אונטעראיילן מיט זיין צאָל און שנעל פאַרלייגן כראָפּיצקיס זייט, איז ער דאָך יענעם דאַנקבאַר געווען.

כראָפּיצקי האָט זיך דערפאַר רואיק דערליידיקט זיינע מסחרים און פאַרקראָכן אין די געדיכטע קוסטעס פון וועלדל, זיך אָנזעטיקן מיט רויך. האָט ער דערפאַר מעכעלען אַמאָל אויך אונטערגערוקט אַ פרוכט און געוואָרן זיין באַשיצער פאַר אַלערליי געשלעגן.

אויך זשעלינסקי האָט זיך צוגעכאַפּט אַמאָל נעבן מעכעלען און גע־פרווט פאַרציען אַ שמועס, ווען מעכעלע האָט מיט פלינקייט געוואָרפן די גראַנאַטן אין ביידע זייטן:

— זאָג מיר נאָר, דו! עפּעס מוזטו פון קיין יידן נישט שטאַמען. לויט דיין אַרבעט און פירעכץ מוז מען אין דעם צווייפלען. דיין שותף, כראָ-פּיצקי, האָט אַ סמיקאַלקע אין קאָפּ — איז זיין גליק, וואָס ער האָט דיך אָנגעטראָפן...

ווען עס האָט זיך געמאַכט אַביסל פרייע צייט, האָבן זיך טייל פון די פּאָליאַקן אָפּגעשטעלט ביים טיש נעבן כראָפּיצקין און גענומען שמועסן אויף דער באַליבטער טעמע: פון דער מלחמה און די ייִדן. סטאַך, דער מעסטער, אַ שייגעץ אין די צוואַנציקער און אַ געוועזענער סטודענט, האָט זיך געמאַכט אַ פּשוטן חשבון:

— די דייטשן וועלן געווינען דעם קריג. זיי האָבן שוין איינגענומען כמעט „די גאַנצע וועלט" — וועלן זיי אויך באַזיגן ענגלאַנד. וואָס בלייבט פאַר אַ פּאָליאַק צו טון? אויסלערנען זיך דייטש און אַרבעטן צוזאַמען מיט די דייטשן! זיי וועלן גערן אָננעמען פּאָליאַקן פאַר מיטאַרבעטער, זיי זוכן אַזעלכע וואָס האָבן פיינט די רוסן און די קאָמוניסטן... ווען רוסלאַנד וועט זיין פולשטענדיק באַזעצט פון די דייטשן, וועלן זיי דאַרפן האָבן אַ סך דאָלמעטשער, וואָס זאָלן העלפן פאַרוואַלטן מיט די רוסישע געביטן. די פּאָליאַקן קענען דאָ קומען די ערשטע אין באַטראַכט. פאַר אַזאַ בחור ווי סטאַך שאַפן זיך דאָ די בעסטע מעגלעכקייטן... ווער ווייס? ער קען נאָך גאָר ווערן אַ סטאַראָסטע ערגעץ... און אפשר נאָך מער! אַ קשיא, וואָס מען קען אויפטון מיט פעאיקייט און געטריישאַפט צו דייטשן!? איין זאַך איז נאָר שלעכט, וואָס דערווייל איז נאָך אַלץ מלחמה און ער קען נאָך אַלץ נישט די דייטשע שפּראַך. ער האָט געהערט, אַז אין קורצן וועט מען פאַרשרייבן פאַר פאָלקס־דייטשן, ווער עס וועט וועלן. נו, וועט ער זיין פון די ערשטע. אים פאַרדריסט נאָר פאַרוואָס אַלע, די זשידקעס, קענען אַזוי ליכט שמועסן מיט דייטשן. אויף וואָס דאַרפן זיי עס? עס וועט זיי סיי ווי נישט העלפן דאָס דייטש רעדן! אָט, ווען מ׳קען ביי עמיצן פון די ייִדן אָפּקויפן זיין שפּראַכן־קענטעניש! דעם זשידעק וואָלט ער, למשל, גע־ברענגט יעדן טאָג דערפאַר אַ האַלב ברויט, ווי גאָט איז אים ליב! אפילו די זופּ וואָלט ער אים געגעבן אַלס צולאָג. נאָר גיי, ענדער אַ נאַטור־זאַך! כאָטש די זשידעס ווען זיי ווילן — קענען זיי אַלץ. ווען ער דאָ, מעכעלע, וויל — לערנט ער אים יעדן טאָג צען ווערטער — און שוין. די רעשט וועט ער שוין לערנען פון זיך אַליין...

ער איז טאַקע יעדן טאָג געקומען פרעגן ביי מעכעלען פאַרשידענע דייטשע ווערטער, אויפגעכאַפּטע פון אַ מייסטער. ווען מעכעלע האָט אים

געזאָגט דעם באַדייט, האָט ער זיי געכאַפּט, זיי איבערגעחזרט פאַר זיך עטלעכע מאָל און אַוועק אַ צופרידענער. אין עטלעכע שעה אַרום איז ער צוגעקומען אַ בייזער אויף זיך אַליין:

— דו, מאַשקאַ, ווי אַזוי, האָסטו געזאָגט, רופט מען עס? לונקער? וואָס מיינט עס?

זיינע אויגן האָבן דערבײַ אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג דערויף, וואָס די ווערטער פליען אים אַלע ווײַלע אַרויס פון קאָפּ. ווען די יידן האָט זיך סטאַך אויך געהאַט זיין חשבון:

— קיין יידן דאַרף מען נישט. די דייטשן זענען דאָס קליגסטע פאָלק אין דער וועלט. און אויך בנוגע די יידן האָבן זיי אויסגעקלערט דאָס קליגסטע וואָס עס קען נאָר מעגלעך זיין: אַביסל — פאַרברענען; אַביסל — אויסשיסן און פאַרטיק! טאָמער ווילן בלייבן אַ פּאָר יידן, וואָס קענען אַר־בעטן — זאָלן זיי שטיין ביי די מאַשינען... נאָר האָרעווען זאָלן זיי און ברענגען נוצן; ווען אָבער זיי הויבן אָן צו מאַכן זייערע פוילע שטיק, איז — היידאַ! מאַרש אויף יענער וועלט, וועט דיר בעסער זיין...

לויט אים האָבן די פּאָליאַקן שטענדיק געהאַט גרויסע מיילער און אַ קליינעם טראָפּן שכל; זיי האָבן געהאַלטן אין איין דרשענען: יידן און יידן... אין די סיימען האָט מען נאָר געזאָרגט, וואָס יידן זאָלן עסן; דאָס הינטערשטע חלק פלייש פון דער בהמה אָדער דאָס פאָדערשטע. קיין גרע־סערע דאגות האָבן זיי נישט געהאַט און קיין אַנדערע גזירות האָט זייער מח נישט געקענט אויסקלערן. טאָמער האָט מען שוין אַמאָל געוואָלט עפּעס טון — האָט מען אַוועקגעשטעלט פּיקעטן ביי יידישע געשעפטן און נישט אַריינגעלאָזט קיין קריסטלעכע קונים... נו, האָט מען שוין איין מאָל די יידן אָפּגעשראָקן דערמיט! זיי האָבן שוין געוווּסט, ווי אַזוי צו האַנדלען הינטנאַרומעט און ווייטער פאַרדינען די גראָבע געלטער... און ווען מ'האָט זיך גענומען אין פוילן צו הרגענען יידן, וואָס האָט מען דען באַוויזן אויפ־צוטון? מען האָט אויסגעהאַקט אַביסל שויבן אין בריסק אָדער טשענסטאָ־כאָוו, געראַבירט אַ פּאָר יידישע זייגערלעך און דאָס שפּיל האָט זיך דער־מיט געענדיקט. טאָמער האָט מען דערהרגעט אַ ייד אין פּשיטיק אָדער ווו — האָבן זיך די פּאָליאַקן אַליין דערשראָקן: „עקאָנאָמישער באָיקאָט —

אדרבא... אָבער פּאַגראָמען?..." דאָס האָט שוין אפילו פּאַר אַנטיסעמיטן אויסגעזען אַביסל צופיל... ס'איז ממש געווען אַ טראַגישע קאָמעדיע. די פּאָליאַקן האָבן געלעבט ווי בעטלער, געאַרבעט שווער ביי זיך אין לאַנד אויף אַ האַרט ברעקל ערד און קוים געהאַט צו קויפן אַ קילאָ זאַלץ, אָבער עס האָט נאָך געהייסן: ס'איז זיין לאַנד... דערפאַר זענען געקומען די פרעמדע יידן און אָפּגעקויפט די שענסטע הייזער, געהאַט די גאַנצע ביזשוטעריע מיט די בריליאַנטן, אויפגעגעסן דאָס בעסטע וואָס פּוילן האָט פאַרמאָגט... און טאָמער האָט מען איינעם געגעבן אַ קלאַפּ — האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע עקן וועלט. די פּאָליאַקן אַליין האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן דערמיט שוין גענומען די גאַנצע נקמה און אַ סך יידישע משרתים האָבן געשריגן עפּנטלעך, אַז מען באַפעלקט דערמיט דעם גוטן נאָמען פון פּוילן... וואָס איז געווען דער סוף? די יידן זענען ווייטער געבליבן ביי זייערע זעק מיט געלט, הייזער און בעסטע געשעפטן און זיי האָבן נאָך געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך, אַז אין פּוילן איז זיי שלעכט, מען הרגעט זיי!

ערשט איצט, ביי די דייטשן זענען זיי שטיל געוואָרן. מען האָט זיי געהייסן אָפּגעבן דאָס גאָלד מיט די פוטערס — און זיי האָבן געשוויגן. מען האָט זיי געשאָסן — און קיין פּיפּס האָט מען נישט געהערט... די מייסטע טייל האָט מען אַוועקגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן און אַ קליינעם פּראָצענט האָט מען אַוועקגעשטעלט האָרעווען אָן עסן, אָן לייב און לעבן און דאָך — הערסטו פון זיי נישט קיין וואָרט... אָט ווי דייטשן האָבן עס קלוג געמאַכט! ווען מען זאָל געווען אַמאָל צונעמען אַ ייד זיין הויז, ביי איין ייד — וואָלט די גאַנצע וועלט געווען געקאָכט דערמיט... און היינט קען יעדער פּאָליאַק זיך צונעמען אַ יידיש הויז, זיין געלט... די חובות, וואָס ער איז שולדיק געווען און — ס'איז רעכט אַזוי. מען פרעגט נישט קיינעם און די יידן האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן... ער, סטאַך, דערמאָנט זיך ווי זיין פאָטער איז אַמאָל שולדיק געווען אַ ייד אַ קליינע סומע, וואָס ער האָט נישט געקענט באַצאָלן — האָט מען אים געשלעפּט אין אַ געריכט, ביי זיך אין לאַנד! פּוילישע ריכטער האָבן געפּאָרשט און גע־פּסקנט. שפּעטער איז געקומען אַ פּוילישער סעקוועסטראַטאָר (שטייער־

אויפמאַנער) און געמאַנט פאַרן ייד דאָס געלט, טאָמער האָט ער עס נאָך ווייניק...

סטאַכס פּנים איז נאָך איצט באַפלעקט מיטן אַמאָליקן צאָרן זיי־נעם:

— אַלע האָבן זיי געדינט דעם ייד! נישט מעגלעך געווען עפּעס צו טאָן!

איצט אָבער איז ער צופרידן. ער באַוווּנדערט אויך ווי אַזוי די דייטשן האָבן דאָ אַנדערש געמאַכט אין פאַרלויף פון געציילטע וואָכן, הגם פּוילן האָט עס נישט באַוויזן אין משך פון אַזויפיל יאָרן! ווער מיר יידן! וואָס מיר יידישע הייזער און פאַרמעגנס! אַרויס פון דאַנעט און פאַרטיק! איצט האָבן זיי געדאַנקט גאָט, די זשידעס, אַז זיי האָבן געקענט אַנטלויפן אין וואַלד אַריין און זיך באַהאַלטן אין אַ לאָך... ס׳איז פאַר זיי פּלוצים גענוג געוואָרן, אַז זיי האָבן געהאַט גראָז צו פרעסן... ווער שמועסט נאָך אַז אַ פּויער האָט זיי געגעבן אַ קאַרטאָפל, דאַן זענען זיי צו די פיס געפאַלן פון הכנעה און דאַנקבאַרקייט... זיי ווייסן שוין, אַז זיי זענען פרעמדע און וואָס מען גיט זיי איז — אַ נדבה!... די דייטשן אָבער — הע־הע, זיי פאַר־שטייען שוין איינמאָל דאָס עסק! דערווייל מאַכן זיך די יידן נידעריקער פון גראָז און שטילער פאַר אַ קליין וואַסערל; לאָז זיי אָבער צוריק פריי — וועסטו זען, ווי אַזוי זיי וועלן צוריק אויפהייבן דעם קאָפּ! האָבן זיי דע-ריבער באַקאַנט געמאַכט, די דייטשן, אַז מען זאָל אויסזוכן אַלע יידן פון די וועלדער און פון די לעכער... אַ קילאָ צוקער פאַר אַ קאָפּ! אַ פלאַש שנאַפּס! אַזעלכע מיטלען וועלן זיי שוין אויסגראָבן פון אונטער דער ערד אַפּער!

מ׳מעג אים יאָ גלייבן, סטאַכן אָדער נישט, נאָר — ווי גאָט איז אים ליב! — ער אַליין האָט שוין אויסגעזויפט עטלעכע צענטליק ליטער שנאַפּס אַזעלכע! און זאָל מען אים אויך גלייבן: עס איז אים נישט געגאַנגען אין דער משכה... ער איז אויך נישט קיין פאַרביסענער פיינט פון די יידן, ניין! נאָר זאָלן זיי זיך היינט שטעלן אַרבעטן שווער אין די פאַבריקן! ווען אַלע בעטלען היינט שטיקער פאַרדאַרט ברויט מיט ביטערער זופּ — וואָלט ער נאָך באַשטאַנען... אָבער יענע קריכן גאָר אין די לעכער, האָבן גאָלד מיט

זיך! ליגן זיי און ווארטן אין די לעכער, ביז זיי וועלן ווידער קענען לעבן ווי פריער. זיי ווילן איבערלעבן די מלחמה און שפּעטער זיך ווידער נעמען די הייזער! מיט זייערע יידישע קעפּ וועלן זיי שוין געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי צו באַקומען פאַר זיך די אַלע פאַרמעגנס פון די אומגעקומענע יידן... זיי וועלן דאַן זיין די רייכסטע מענטשן אין פּוילן; די קעניגן, וואָס וועלן הערשן און באָדן זיך אין ווילטאָג און אין גוטס... אַט דאָס זעסטו, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן. צי די דייטשן וועלן דאָ בלייבן שפּעטער צי נישט — דערווייל מוז מען מיט די יידן מאַכן וואָס מען קען: אַוועקפירן צו דער געשטאַפּאָ און אַ סוף זאָל עס נעמען!...

די וואָס האָבן אויסגעהערט סטאַכס דרשות, האָבן אים אַפּלאָדירט מיטן גאַנצן, צופרידענעם אויסדרוק אויפן פּנים, גלייך ווי אַלע וואָלטן אין געדאַנק מיטגעזאָגט דאָס זעלבע.

## II

ווען סטאַך האָט זיך צעלאָזט מיט זיינע דרשות, איז כראַפּיצקי געשטאַנען אַ שווייגנדיקער. עס האָט געקענט הייסן, אַז ער איז מסכים מיט אים. זיין ברוגזע גרימאַסע אויפן פּנים האָט אָבער אויך פאַרראַטן אַ געוויסן פּראָטעסט און נישט־איינשטימיקייט מיט דעם, וואָס יענער זאָגט דאָרט. דער אומווילן זיינער איז אָבער נישט פון אַזאַ מדרגה, אַז דאָס זאָל אין אים אויפברעכן די איינגעפּרעסטע שטומקייט און ער זאָל מוזן אָפּענטפערן. גיכער האָט עס אויסגעזען אַזוי, ווי עס וואָלט אין אים אַליין פאָרגעקומען אַ געראַנגל, וואָס ער זאָל טראַכטן און האַלטן, איבער דעם וואָס עס קומט היינט פאָר מיט יידן. ווען סטאַך איז נישט געווען ביים טיש און ס'איז געווען צייט צו כאַפּן אַ שמועס, האָט כראַפּיצקי איינמאָל געעפנט מעבעלען אַ פּורטקע צו זיין האַרץ.

פּונקט ווי אין סטאַכס רייד איז געלעגן די מיינונג פון איין טייל פּוילישער באַפעלקערונג — האָט כראַפּיצקי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנץ אַנדערע טייל. ער האָט דערציילט:

— אַליין בין איך אַן אַרבעטער פון קינדווייז אויף. איך האָב שטענ־

דיק געאַרבעט ביי שוואַרצע, נישט קוואַליפיצירטע מלאכות, ביי וועל־כער מען פאַרדינט ווייניק. ווי אַזוי איך האָב חתונה געהאַט, וויל איך דיר איצט נישט דערציילן. ס׳וועט צו לאַנג דויערן. דער עיקר: אַ באַבע, וואָס איז געוואָרן מיין ווייב. זי האָט געאַרבעט ביי יענעם, ביז זי איז קראַנק געוואָרן פון אַ קינד־האָבן און קרענקט אַזוי ביז היינט. די קינדער מיינע האָבן זיך אויסגעכאַוועט אויף שוואַרץ ברויט מיט קאַרטאָפל. איך האָב אָנגעהערט צו דער פּ. פּ. ס. (סאָציאַליסטישע פּאַרטיי); געגאַנגען אויף דעמאָנסטראַציעס, געשטרייקט ווען מען האָט באַדאַרפט און גענומען לייענען סאָציאַליסטישע ביכלעך. עפּעס אַנדערש אין לעבן האָב איך נישט געהאַט — מיט וואָס די צייט צו פאַרברענגען אויף אַן אָנגענעמען אופן — האָב איך געלייענט און געלייענט. קיין ספּעציעלס פון דער פּאַר־טיי האָב איך נישט געהאַט און געבליבן דער זעלבער פאַרלווירענער מענטש פון פריער, געגוי ווי די טויזנטער אַנדערע צו מיר. מייגע קינדער זענען דערפון נישט געוואָרן געזונטער און נישט זאַטער. ס׳איז אָבער גוט געווען צו וויסן, ווער עס איז שולדיק אין דעם אַלעם, וואָס דערפירט צו אונ־דזער נויט. מיין ווייב האָט פון די ביכער און פון די געדאַנקען, וואָס איך האָב דאָרט געפינען, נישט געוואָלט וויסן. איר איז געווען שלעכט, ביטערער פאַר מיר און זי האָט אפילו נישט געוווסט אין וועמען זיך אָנ־צוכאַפּן ווי אין אַ שולדיקן. איז זי געגאַנגען יעדן טאָג קיין ראַדאָם זוכן בעסערע אַרבעט. על פּי רוב האָט זי געטראָפן אויף שטוביקע אַרבעטן ביי יידן. אהיימקומענדיק, האָט זי געהאַט אַ פול מויל מיט זיי; ווי אַזוי יידן וווינען, גייען אָנגעטון... עסן און לעבן. צו קיין אָרעמע יידן אין די שטובן האָט זי נישט געטראָפן... — מ׳האָט זי שוין געוווסט צו רופן אין רייכע שטובן, וואָס זוכן מען זאָל פאַר זיי אַלץ מאַכן. האָט זי זיי געשאָלטן, גע־זען אין זיי אַלדאָס בייז... און אויך ביי די קינדער האָבן זיך אירע ווער־טער איינגעקריצט אין זכרון. ביי יעדע צוויי ווערטער האָבן זיי צוגעגעבן: זשיד! זשידעק!

די ערשטע צייטן האָט עס מיך פאַרדראָסן. איך האָב זי אפילו גע־וואָלט שלאָגן דערפאַר, נאָר די הענט הייבן זיך נישט ביי מיר אַזוי לייכט אַז געבן קלעפּ, בפרט אַן איינן ווייב. איך האָב צוגעזען אירע יסורים, די

מאַטערנישן פון לעבן און כ'האָב איר צוגעלאָזט דאָס פאַרגעניגן פון אויס־שעלטן זיך. פאַר דער קריג האָט מען דאָך מיט קיין קללה קיינעם נישט דערהרגעט! איך האָב נאָר געזוכט צו געבן איר צו פאַרשטיין, אַז שולדיק אין דעם זענען נאָר די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן... זי האָט אָבער געוווסט אירס:

— נו, די יידן זענען דאָך די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן און פאַברי־קאַנטן! ווער לעבט דען נאָך אַזוי גרעפּיש ווי זיי? אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקע!

און אַז איך האָב איר גענומען זאָגן דאַוועגן, אַז עס זענען אויך דאָ יידן וואָס אַרבעטן שווער, מאַטערן זיך... האָט זי זיך צעכעסט:

— דו קום מיט מיר אין שטאָט אַריין, וועסטו זען. אויב עס געפי־נען זיך אָרעמע יידישע אַרבעטער — גיבן זיי די רייכע יידן גענוג געלט צום לעבן. ביי זיי איז פאַראַן אַזאַ שותפות און זיי דאַרפן דיך נישט פאַר קיין פאַרטיידיקער. האָב דו נאָר קודם־כל דיינע אינטערעסן אין זינען...

ווי זאָל איך דיר עס זאָגן? זי האָט טאַקע געבילט ווי אַ משוגענע, נישט געוווסט וואָס זי רעדט, אָבער מיט עפּעס איז זי דאָך גערעכט גע־ווען! דאָס זעלבע — אין וואַרשע, אין ראַדאָם, אין לאָדזש און אין קעלץ — אומעטום זענען די יידן רייך געווען. דו מיינסט, אַז ווען נישט היטלער, נאָר אַ רעוואָלוציע זאָל געווען קומען — וואָלט מען דען נישט געווען צוגענומען די פאַרמעגנס און צעטיילט? וועסט דאָך נישט לייקע־נען, אַז ביי יידן איז דאָס פאַרמעגן נישט לויט מאָס און פּראָפּאָרציע... עס איז געווען אַ סך אומרעכט אין דעם, וועלכעס מען האָט געמוזט אַנ־דערש מאַכן... פאַרשטייסט?

...נאָר אַז עס איז געקומען אָט די משוגענע צייט, האָב איך גע־קעמפט, געראַנגלט זיך מיטן אומזין פון רויב. גלייב מיר, אַז ווען מיין ווייב האָט איינמאָל אַהיימגעבראַכט עטלעכע יידישע טעפּלעך פון שטאָט, האָב איך זי געוואָלט ממית זיין:

— ווו האָסטו דאָס גענומען!? האָב איך זי געפרעגט. זי האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— ס'איז פון די זשידקעס, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעטריבן. די

שטובן זענען ליידיק געבליבן און אלע זענען אוועק. מען האט גענומען וואס איינער האט געקענט: די בעטן, דאס מעבל, די קישנס... איך האב זיך מיט קיין גרויסע זאכן נישט געקענט שלעפן אין דארף אריין. נאר די מעפלעך, אזעלכע ניי־אפגעפוצטע (אפשר האב איך זיי אליין אמאל גע־שייערט!) און שיינע — האב איך מיטגעברענגט... זיי זענען שוין סיי־ווי קיינעמס נישט! אויב איך זאל זיי נישט נעמען — וועט זיי האבן א צווייטער און איך האב אויף „זיי" מער געהארעוועט...

איך האב איר געזאגט, אז כ'וועל זי ארויסווארפן צוזאמען מיט די יידישע זאכן. איך וויל נישט האבן קיין ראבונאק ביי מיר אין שטוב. בין איך שוין אזוי לאנג אויסגעקומען אן דעם — וועל איך עס אויך אויף ווייטער... די שכנים מיינע האבן דערפאר פון מיר געלאכט. געווען א סך אזעלכע, וואס האבן פארן קריג געטראכט דאס זעלבע וואס איך, אבער איצט האבן זיי זיך אנגעשלעפט פולע שטובן. איך האב עס נישט גע־קענט. עס האט זיך מיר געדוכט, אזויווי אויף די זאכן וואלט געבליבן צוגעקלעפט ווארעם בלוט און — עס האט מיך געעקלט זיי אנצורירן... אן חכמות!

מיין באבע, מעגלעך, האט דאך אריינגעשמוגלט וואס זי האט גע־קענט — איך אבער וויים נישט דערפון. פון יידישן אומגליק האב איך נישט געהאט און נישט געוואלט האבן. איך ארבעט ווייטער שווער און לעב דערפון. נאר פאר זיך טראכט איך אפט און וויל פארשטיין: איז דאס אלץ נאר געווען רציחה און רויב?

אמאל פאלט מיר איין א געדאנק, אז דא איז עפעס געשען, וואס איך שעם זיך אנצורופן מיטן ווארט: גערעכטיקייט... איך מיאוס זיך דער־מיט, ווייל עס איז געמאכט געווארן מיט בלוט־פארגיסונגען. עס איז נאר א קליינע טייל פון אן ארבעט, וואס די — וועלכע האבן זי אנגעהויבן — האבן זי נישט געהאט בדעה צו פארענדיקן. זיי האבן אנגעהויבן מיט יידן — און אפילו ביי א סתם־רעוואלוציע פאלן צוליב די שולדיקע א סך מער אומשולדיקע — און דאס קען מען קיינמאל נישט פארמיידן. דאס ערגסטע דערפון איז, וואס מיט די אנדערע רייכע רויבער האט מען עס אפילו נישט אנגעהויבן צו טון. אדרבא, זיי העלפן צו, געניסן דערפון

און פירן אַן מיט דער גאַנצער אַרבעט. אַט איז די פאַבריק דאָס אייגנטום פון דייטשע גרויס אינדוסטריעלער, מען שפּילט אויף אונדזערע אינסטינקטן אונטערן מאַנטל פון אַ יושרדיקע זאַך. איך זע דעם הויפּט־פאַרברעכן פון אונדזער צייט אין דעם, וואָס מען האָט אָנגעהויבן אויסצופירן אַ ברעקל פונעם נויטיקן, עס נישט דערפירט ווייטער, נאָר אָנשטאָט דעם געוואָרן הוילע מערדער.

ווען דו זאָסט מיך פרעגן, וואָס איך זאָג צו דעם אַלעמען, וואָס עס קומט פאַר מיט די יידן — וואָלט איך דיר עס געזאָגט אין קורצע ווערטער: איך אַליין וואָלט עס נישט געטון. מיר איז מיאוס און שענדלעך אויף אַזאַ אופן עס צו מאַכן. אין דער איצטיקער צייט האָט בכלל נישט געטאָרט קומען צו אַזעלכע חשבונות. איך פיל זיך ריין, מיינע הענט האָבן זיך צו גאָרנישט נישט צוגערירט. כ'האָב קיינעם נישט אונטערגעהעצט און אַגיטירט — מיט מיין געוויסן בין איך אין אָרדענונג. אויב אָבער דאָס אַלץ איז שוין יאָ געשען — וויים איך נישט, אויב איך דאַרף עס באַדויערן. ווען דאָס אַלץ איז שוין אַ פאַרגעקומענע, פאַסירטע זאַך — איז אפשר גוט אַזוי. איך וואָלט עס זיכער נישט געזאָגט, ווען אויך איך זאָל האָבן אויסגעליפערט כאָטש איין יידישן קאָפּ פאַר אַ קילאָ צוקער! דאַן וואָלט איך זיך געשפּירט ווי אַ מנוול, וואָס וויל פאַרענטפערן זיין שאַנד מיט יושר און גערעכטיקייט... נאָר איצט, ווען אַנדערע האָבן געטון די מיאוסע מלאכה — וויל איך נישט באַרעכטיקן די סטאַכס מיט זיינע חברים, וואָס זשליאָקען בראָנפן פון יידישע שאַרבנס. אָבער גראָד דערפאַר וויל איך זאָגן: אַז ס'איז שוין אָפּגעטון געוואָרן — דאַרף מען נישט מאַכן קיין הימל־געשריי... דאָ זענען געווען פעדעם פון גערעכטיקייט אַריינגעוועבט... איך האָב געזען גענוג, גלייב עס מיר — — —

אין כראָפּיצקיס רעדן מיט אַ שטילן, געמאָסטענעם טאָן האָט אָבער מעבעלע דערשפּירט יענע אומשולדיק־אָביעקטיווע קאַלטקייט, וואָס שוידערט אויף, מער ווי דער גרעסטער געשריי פון בלוט־שכרות. אונטער אַזאַ „ריינקייט" פון געוויסן קען אַ פאָלק זיך לייגן שלאָפן אין אַ טייך פון בלוט און דער חלום זאָל אים אפילו נישט געשטערט ווערן...

## III

פון די שמועסן אין דער האַלע וואָס זענען, מיט דעם אויסנאַם פון כראָפּיצקין, אַלע געווען אין נוסח פון סטאַכס בראָנפנדיקע רייד, האָט מעכעלע דערזען, ווי דאָס אויסראָטן די יידן האָט שוין געפונען די טיפע דערשיטערונג אינעם באַנעם פונעם סתם פוילישן מענטש, וועגן מאָרד און פאַרברעכן. ווען ער האָט געהערט דאָס געשריי פון די אַריינגעכאַפּטע יידן, וואָס סאַדזע און אַנטאַש האָבן געפייניקט, האָט ער געוווסט אַז דאָס קען מען ניט אָפּשרייען מיט בלויזע פליסטער־רייד. אפילו די וואָס שווייגן אָדער ווילן פאַרשטאָפּן די אויערן, ווייל זיי זענען נאָך אינסטינקטיוו־פילבאַר און קענען עס נישט צוהערן, זיי העלפן נישט מיט צום מאָרד דערפאַר ווייל זיי קענען עס נישט, ווייל די נאַטור זייערע איז קעגן דעם. דער אינערלעך־איינגעבוירענער עקל וואָלט זיי שפּעטער געפייניקט. ווילן זיי אַליין נישט אַריינקריכן אין דער פּיין פון חרטה. זיי זענען אָבער צופרידן וואָס אַנדערע טוען עס יאָ און קענען עס טון. זיי געפינען שוין אין זיך די פאַרענטפערונג, נישט פאַר די, וואָס פירן אויס די שענדלעכע מעשים — מיט דעם קענען זיי נישט שלום מאַכן בעת דאָס געשעט, ווען זיי הערן די געשרייען... אָבער נאָך דעם, ווען דער געקוילעטער איז שוין געקוילעט און דאָס פאַרגאָסענע בלוט איז שוין שטיל און צוגעדעקט — געפינען זיי אַן ענטפער פאַרן גאַנצן פאַקט. יעדער פרט פון דער טאַט איז פאַר זיי מיאוס, דאָס צוזאַמענגענומען געשעענע, נאָך אַלעמען, שטעלט זיי אָבער צופרידן.

מיט סטאַכן איז זינלאָז צו פירן וויכוחים. טראָץ דעם האָט עס מעכעלע פאַרזוכט צו טון, געוואָלט אים ווייזן אַז נישט אַלץ איז אַזוי, ווי ער רעכנט: עפּעס קען זיך נאָך איבערבייטן אין חשבון. נישט שטענדיק וועט מען באַצאָלן מיט שנאַפּס פאַר געמסרטע יידן. אַמאָל קען מען אָנהייבן פרעמירן די, וואָס וועלן אויסליפערן די סטאַכס, דאָס וועט נאָר קאָסטן וויניקער, ווייל זייערע קעפּ זענען פאַראַן מער ווי יידישע... דאָס קען מען שוין זען מיטן אַוועקשיקן זיי קיין דייטשלאַנד... און דערנאָך... קען מען

נישט וויסן וועלכע האנט עס פאַרצייכנט געגנוי די אַלע געשעענישן און ווער עס האָט אַ חלק אין זיי...

סטאַך אָבער האָט שוין געוווּסט אַז אפילו די, וואָס חלומען נישט פון ווערן פאָלקס־דייטשן, נאָר זענען אַוועק אין די וועלדער, באַקעמפן די דייטשע הערשאַפט — אויך זיי לאָזן נישט לעבן קיין אַנטלאָפענעם ייד... אויב אַ מאַכט וועט זיך בייטן — וועלן זיי קומען פון די וועלדער און די מאַכט איבערנעמען... טאָ ווי אַזוי וועלן זיי עס זוכן אַ נקמה און אַ חשבון פאַר יידן!?

אין האַרץ ביי זיך האָט ער שוין געהאַט דעם פּלאַן צו זוכן אַ וועג צו יענע, אין וואַלד אַריין, ווען עס וועט האַלטן שמאָל... און אפילו דאָרט וועט ער זיך אויך קענען באַרימען מיט דער צאָל יידישע קעפּ וואָס ער האָט אויסגעליפערט. נישט אַלץ אָבער קען ער דערזאָגן דעם יידישן יינגל, מיט וועלכן ער האָט סתם ליב איינצוטענהן און שטעכן אים מיט זיינע רייד... אויך דאָס איז אַ פאַרגעניגן צוצוזען, ווי דאָס יידל קלייבט איבער זיינע אייגענע רייד אין מויל, ציטערט ביי יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט, ווייל ער איז נישט זיכער אַז סטאַך זאָל נישט אויפגערודערט ווערן, אַוועקגיין צו זשעלינסקין אָדער צו אַ דייטש און זאָגן: ער האָט געזאָגט אַזוי און אַזוי, דער קרעציקער ייד...

סטאַך האָט אָבער אויך זיין באַפרידיקונג אין מעכעלען פאַר זיין שטיקל טריפהנעם געוויסן. צום ווייפלטן מאָל שוין זאָגט ער אים:

— קענסט רעדן פריי, מאָשקאַ, מיר שמועסן צווישן זיך און כ'וועל עס קיינעם נישט איבערגעבן...

און אַז מעכעלע זאָגט אַמאָל עפּעס שאַרפס און סטאַך טראָגט עס מיט זיך, הערט און האַלט עס אין די אינגעווייד, ווי אַ סוד וואָס ער קען פאַררעטן און טוט עס נישט — איז ער צופרידן מיט זיך. ער זאָגט עס אפילו אָפט מעכעלען:

— ווי זאָגסטו, מאָשעק, איך בין נישט פון די ערגסטע. כ'בין נישט אַזאַ איינער, וואָס זאָל דיך גלאַט נעמען און פאַרקויפן. אָט רעדסטו און זאָגסט אַזויפיל און איך — גאָרנישט... איך הער און טראָג עס קיינעם נישט אָפּ... ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דו — אַרבעטסט! מען דערקענט אין

דיר, אַז דו ביסט שטענדיק געווען אַן אָרעמער אַרבעטער און ביסט גע־ווױנט צו לײדן נאָך מער װי אַן אונדזעריקער. אַזעלכער קען אַלץ זאָגן און כ׳װעל אים אױסהערן... אַפילו פֿאַרטײדיקן װען מ׳ען דאַרף. מײן נישט אַז איך פֿאַרשטײ נישט װען יאָ און װען נישט...

טײלמאָל האָט עס מעכעלען פֿאַרדראָסן אױף זיך אַלײן, װאָס ער גיט יענעם די געלעגנהײט זיך צו שפּילן מיט זײן גורל און האָבן דעם באַװוּסטזײן, אַז ער האָט אַ געװער קעגן אים און נוצט עס נישט... דאָס ברענגט אין אים אַרײן דעם געװענלעכן שטאָלץ, װאָס עס דערשפּירט איעדער — אַפילו דער נידעריקסטער װאָרעם — אין אַ מינוט װען ער איז אין אַ דערהױבענער, מענטשלעכער הױט... מסתּמא איז נאָך אין אים אַ קלײן פֿינטעלע מענטש נישט אָפּגעשטאָרבן און עס נעמט אים נמאס װערן די אײגענע אױסגעשמירטע הענט און דער אױסגעזױפּטער בראָנפֿן — נעמט ער אַרױס זײן ברעקל צוריקגעהאַלטנקײט, מעכעלעס רײד, װעל־כע מען קען אױסנוצן — װי אַ בעטלער צאַצקעט זיך מיט זײן אײנציק־אָפּגעשפּאָרטער גאָלד־מטבע; װי אַ זאָלב צו הײלן די אײטערדיקע קרעץ, מיט װעלכע ער איז אָנגעפּיקעװעט...

גאַנץ באַזונדער קען מעכעלע נישט װיסן, װען בײ יענעם קען נמאס װערן דאָס װירדע־שפּיל מיט פֿאַרטרױלעכקײט און ער זאָל אױפֿאַמאָל אַ בלאַנק טון איבער מעכעלעס קאָפּ מיט זײן מעסערדיקער צונג... האָט ער גענומען אױסמײדן די רײד מיט סטאַכן. יענער האָט זיך אָבער אַלעמאָל אָפּגעשטעלט נעבן אים און געװאָלט דערגײן: װאָס טראַכט ער? װאָס מײנט ער װעגן די טױזנטער סטאַכס און די דײטשן, אין װעלכע זײ װילן זיך אָנלענען? האָט עס נישט אײנמאָל אַ שפּאַר געטון אין מעכעלען און ער האָט גענומען שיטן מיט װערטער, אָן צו קענען זיך צױמען... ער האָט דערמיט יענעם איבערגעגעבן אַ שלל מיט רײד, װעלכע סטאַך האָט גע־קענט אַרומטראָגן מיט זיך, אױסטײלן זײ און באַשליסן, װעלכע ער זאָל אײנזאַפּן צו זיך אין מוח װי זײנע אײגענע מחשבֿות און אַנדערע, װאָס ער דאַרף האַלטן אױסער זיך — װי אַ זאַך, װאָס מ׳קען פֿאַרקױפֿן צו יע־דער צײט, נאָר מען דאַרף אױסװאַרטן, ביז מ׳װעט קענען נעמען דעם גע־העריקן מקח...

דערפאר אָבער האָט מעבעלע גערן איינגעטענהט מיט כראָפּיצקין. עס האָט אים ווי געטון יענעמס „צדקות" און ער האָט זיך באמת אוועק־צונעמען פון יענעם דעם באָדן פאַר זיין געפערלעכער „גערעכטיקייט". ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, מעבעלע, אַז כראָפּיצקי ברענגט זיינע רייד פון ערגעצוווּ צו טראָגן. זיי וואַקסן נישט אַרויס פון זיין אייגן האַרץ, נאָר ער ווערט מיט זיי אָנגעזאַפּט. און ווירקלעך האָט ער אים איינמאָל דער־ציילט אַ סוד, אַז ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געטראָפן מיט פאַרטיי־זאַנער און אַז ער קען אַ גרופּע מענטשן, וואָס וועלן נאָך אויפטון אַ סך אויף דער וועלט, ווען עס וועט זיך ענדערן די צייט... זאָגט ער נישט אַמאָל דאָס, וואָס זיי טראַכטן?

כראָפּיצקי האָט זיך אָבער אויך צוגעהערט ערנסט צו מעבעלעס אימ־פּעטיקע רייד און פּראַגן. מעבעלע האָט געזען ווי דער טעמפּלעכער כראָ־פּיצקי ווערט אָנגעזאַפּט מיט רייד ווי אַ שוואָם; ווערט פון זיי אָנגע־שוואָלן און באַלאַסטעט ווי פון אַ משא, וואָס מען האָט אים איצט אָנגע־לאָדן און ער מוז זיי ערגעצוווּ אַוועקטראָגן און זיך אויסלאָדן פון איר... צו מאָרגנס איז ער ווידער געקומען מיט אַן אויפגעפרישטן באַגאַזש רייד, וועלכע ער האָט פאַרזיכטיק אַדורכגעזייט דורך די רויך־פאַרגעלטע ציין...

עטלעכע יידן האָבן אפילו באַמערקט איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווי מעבעלע טענהט עפּעס אַריין אַזוי היציק אין כראָפּיצקין. מענטשן מיט אַ קלוגן חוש — האָבן זיי אים געוואָרנט:

— דו קענסט זיי נישט... טענה אַריין אין זיי, רייד... וועסט עס באַדויערן — דאַן ווען עס וועט צו שפּעט זיין... אַן עסק זיך געפונען, מיט סטאַכן און זיינע קאָלענגן! אפילו דער כראָפּיצקי איז דאָך פאַלש ווי די קאָרטן. ער איז נאָר אַזויפיל אָרנטלעך, אַז ער מוז נאָך שפּילן די פאַלשע ראָל און זיין צווייזייטיק — קענסט אָבער קיינמאָל נישט וויסן, ווען דאָס וועט זיך ענדיקן...

מעבעלע האָט זיך אָבער געקלאַמערט ביים פינטעלע פאַרשטאַנד, וואָס ער האָט אַנטדעקט, האָט ער זיך עס נישט געלאָזט אָפּשלאָגן און דערווידערט מיט נישט־איבערגעצייגטער עקשנות:

— ניין, עס קען נישט זיין...

כאָטש ער האָט געוווסט, אַז עס קען יאָ זיין, איז ער ווייטער גע-בליבן דער זעלבער. און אפילו שפּעטער, ווען ער האָט געמוזט אוועק פון דער האַלע און אַ סך דערשיינונגען האָבן געגעבן רעכט יענע יידן, וואָס האָבן אים געוואָרנט — איז אָבער מעכעלע געבליבן גערעכט מיט זיין פּאַרגעפיל: אים האָט קיינער נישט פאַרראַטן. אפילו סטאַך וואָס האָט זיך שפּעטער גענומען דרייען צווישן דייטשן און געהאָלפן פייניקן וויפל זיינע כוחות האָבן געטראָגן, ער האָט איינמאָל פאַרהאַלטן מעכעלען אויפן שטח פון פאַבריק און אים צוגעוואָרפן אַ וואָרט:

— דו, פאַר אונדזערע פּאָליאַקן זאָלסטו זיך אַביסל היטן מיט רייד... דאָס לעבן איז דאָך אַ שאָד!

מעגלעך אַז מעכעלעס אַפּנקייט צו אים האָט אים געבענדיקט און געצוווּנגען אים, ביי דעם פאַל, צו זיין אַ שאָטן פון אַ מענטש... ווער ווייסט?

# קאַפּיטל זיבן

I

אין באַראַק נומער צוויי, ווו מעכעלע האָט זיך געפונען, איז געוואָרן גערוימער. טייל מענטשן זענען געשטאָרבן און טייל זענען אוועק מיט סע־לעקציעס. מען האָט שוין געקענט אויסציילן די מענטשן לויט די בעטלעך. ס'איז אויך מעגלעך געווען זיך איינצוקוקן אין די פּנימער, זיי אויפנע־מען אין זיך און דערקענען; וויסן זייערע נעמען און וואָס יעדער איינער איז אַמאָל געווען.

אין דאָזיקן באַראַק אַריין האָבן זיך אויך אַריינגעקליבן מעכעלעס צוויי חברים, מענדל און אברהם־איסר, וועלכע האָבן שוין איצט געאַר־בעט ביי די שווערסטע אַרבעטן אין דער פאַבריק. מעכעלע אַליין האָט זיך געפונען פּלאַץ אויפן אויבערשטן גאָרן פון אַ פּריטשע און נישט געדאַרפט

ציטערן מען זאָל אים בײנאַכט פֿאַרכאַפּן זײַן פּלאַץ. האָט ער זיך געקענט בײנאַכט אַרומדרײען אין באַראַק און אַרומזען זיך מיט װעמען ער געפֿינט זיך דאָ.

אויף אײן בעטל, גאַנץ אונטן, איז געלעגן אַן עלטערער מענטש מיט אַ געל־װאַקסן פּנים און קלוגע אויגן. ער איז יעדן פֿאַרנאַכט שטיל אַרײַנגעקומען אין באַראַק און זיך אַװעקגעלײגט אויף זײַן געלעגער, נישט אַרויסרעדנדיק אַ װאָרט צו קײנעם. ער איז געװען דער אײנציקער אין צימער, װאָס האָט געהאַט אַן אָפּגעריסענעם, שװאַרצן מאַנטל מיט אַ חסידיש־סאַמעטן קעלנערל. האָט ער זיך פֿאַרנאַכט אײַנגעטוליעט אין זײַן װינקל, אײַנגעקורטשעט זיך אונטערן מאַנטל און בלויז זײַנע פֿאַרנעפּלט־טרויעריקע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנקעט, זוכנדיק עפּעס אויפֿן סופֿיט פֿון באַראַק־צימער.

אים האָט דער אויפֿזעער פֿון צימער, פֿרידלאַנד, באַזונדערס צערטלעך באַהאַנדלט. מעכעלען האָט ער געזאָגט: איך קען אים פֿון װאַרשעװער געטאָ... אַן אָרנטלעכער מענטש. פֿאַרן קריג האָט ער געשפּילט אַ ראָל, װי אַ געזעלשאַפֿטלעכער און ציוניסטישער טוער, מעגסט מיט אים כאַפּן אַ שמועס...

עס איז אָבער נישט לײַכט געװען צו כאַפּן דעם ייִד אויף אַ װערטער־האַק און זיך דערעדן מיט אים. װען מעכעלע האָט זיך צו אים דערנענטערט — האָט ער אויף אים אַ בליק געטון מיט אַזױפֿיל פֿאָרװורף און אומצוטרוי, אַז מעכעלע האָט זיך מיט שרעק צוריקגעצױגן. דאָס פּנים אָבער בײַ יענעם איז געװען איבערגעצױגן מיט אַזאַ מילדן טרויער, אַז עס האָט זיך גיכער געגלוסט אים צו טרײסטן, אײדער זיך פֿאַר אים צו שרעקן. ס'איז נאָר קענטיק געװען, אַז די מעלאַנכאָלישע רעזיגנאַציע האָט זיך שױן צו טיף אין אים אײַנגעגעסן און ער װיל מער נישט קענען די װעלט — מיט די מענטשן אויף איר.

דער דאָזיקער מענטש, סטאַראָבינסקי, האָט זײַן גאַנץ לעבן אַרויסגעװיזן אַ סך רירעװדיקײט און ענערגיע. ער איז אויסגעפֿאָרן אַ סך לענדער, אויסגעװען אין אַלע פּױלישע שטעט אין ציוניסטישער שליחות, געהאַלטן רעפֿעראַטן און געבויט פּלענער... זאָל עס זײַן דער זעלבער װאָס

ליגט דאָ איצט איינגעקנורעט און קוקט מיט פּחד־אויגן, פול מיט פּאַניק אויף יעדן שאָטן וואָס באַוועגט זיך דאָ ארום?

פרידלאַנד דערציילט מעבעלען, אַז נאָך אין וואַרשעווער געטאָ איז שלמה סטאַראָבינסקי געווען שטאַרק טעטיק, אָרגאַניזירט די הילפס־אַר־בעט, געפיבערט און געלאָפן... נאָר פון מאַידאַנעק איז ארויס זיין בלוי־זער שאָטן, אַן אויסגעטונענער פון זיין גאַנצן אַמאָל. די שיטער־גרוילעכע האָר זיינע האָבן געגומען אונטערוואַקסן. זיי האָבן זיך אָבער נישט אָפּגע־לייגט ווייך אין אַ זייט נאָר שטיין געבליבן צעטרייסלט און ציטעריק, ווי אין אייביקער טויט־שרעק. זיי האָבן פון טאָג צו טאָג גענומען ווערן ווייִ־סער, אָן דעם אַז ער זאָל עס אפילו באַמערקן. ער איז שטענדיק געגאַנ־גען און מיט די אויגן זיך איינגעגעסן אין די ווייטקייטן, געגוי ווי ער וואָלט דאָרט כסדר ועמען געזען און — נאָר יענעם... אין זיין גאַנג איז געלעגן פאַרוויקלט אַ ווייטער חלום און ער האָט איבער אים געשפּרייזט אַזוי פּאָרזיכטיק־ווייך און נישט דאַאיק, פּונקט ווי ער וואָלט מורא גע־האָט אים נישט צו צעטרעטן מיט אַ האַרטן טראָט. ס'איז קלאָר געווען, אַז דעם מענטש פאַרפאָלגט אַ ווייט, פאַרגעסן בילד, אין וועלכן ער קלאַמערט זיך, אין וועלכן ער אַליין איז מיט זיין פאַנטאַזיע איינגעראָמט און ער וויל פון דאָרט נישט אַרויסקריכן אין ארומיקן טומל אריין...

מעבעלע האָט אים גענומען אָבסערווירן, געזען ווי ער שפּרייזט צו דער אַרבעט און פון איר מיט זיינע געלאַסענע טריט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער גייט נאָך אַליין ארום אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, וואָס איז אויסגעלייגט מיט רויטע, באַבלימטע דיוואַנען און מען טאָר נישט דאָ גיין מיט קלאַפּ־טריט, בכדי נישט אַריינצוברענגען קיין גערויש אין דער שטילקייט פון די פאַרחלומטע צימערן. ווייזט אויס אַז דער מענטש האָט זיך נאָך פּסיכיש נישט אויסגעטון פון זיין פאַרגאַנ־גענהייט. ער האָט אַ טייל פון זיין געוועזענעם אויפגעהיט אין זיך. דער־פאַר אָבער האָט ער דעם ענערגיע־גלי זיינעם — וואָס ער האָט געקענט רעאַל דערהאַלטן אין זיך — פאַרלוירן ווי אַ קיינמאָל נישט־געוועזענע זאַך...

געערדט האָט ער מיט אַ שטילער, אויסגעאיידלטער שטים און ביים

נעמען דאָס מאָסל זופּ איז ער געשטאַנען זייטיק אין אַ ווינקל, געוואַרט ביז צום לעצט. דאָס בלעכל זיינס האָט ער אונטערגעשטעלט רואיק, אָן דעם פיבער פון אַן עס־גיריקן און אָן אַ וואָרט, וואָס זאָל אויסשרייען זיין משוגענעם הונגער, ווי אַנדערע ווען זיי שטייען נאָענט פונעם גליק ביים קעסל. בלויז די אויגן זיינע האָבן אַ בעט געטון מיט אַ פּייכט־שטילן גלאַנץ: מאַכט עס שנעלער, ווייל איך גיי אויס... ס'איז אין דעם געווען תחנונים, געמישט מיט אַזאַ שטאַרקן שטאָלץ און ביטול, אַזאַ גבורהדיקע שוואַכקייט, וואָס האָט זיך פאַרקלאַמערט אין דעם רוחניותדיקן פון זיין אַמאָל און זי איינגעפּעסטיקט אין דעם געל־וואַקסענעם קאָליר פון פּנים און אינעם פּייכט־גלאַנציקן נעפּל איבער זיין בליק.

מ'האָט אים ביסלעכווייז גענומען באַמערקן, אָט דעם הויכן, אַביסל געבויגענעם ייד. דער אינזשיניער באַרטמאַן, אַ ציוניסט פון פריער, האָט זיך באַמיט פאַר אים; אויסגעפּועלט פאַר אים אַביסל דרך־ארץ ביי דער פּאָליציי און קאָמענדע. ער האָט פאַר אים אַדורכגעזעצט אַ לייכטערע אַר־בעט, באַקומען פאַר אים אַ צעריסענעם מאַנטל, לייכטערע לעדער־שיך און אַן איבריק ביסל זופּ. דער מענטש האָט עס אָבער ווי נישט באַמערקט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ וועלט, וואָס איז אויסער אַלעמען.

ביינאַכט פון שלאָף אַרויס האָט ער כסדר גערעדט צו עמיצן, גע־וויינט און געבעטן רחמים אויף אַ שטומער, ברומיקער שפּראַך. אַמאָל האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ דערשראָקן געשריי, וואָס האָט אויפגע־וועקט די אַרומליגנדיקע און זיי האָבן זיך גענומען כעסן אויף אים. ער האָט אָבער אויך די בייזע אָנשרייעניש כמעט ווי נישט געהערט.

זיין טראַגעדיע איז אייגנטלעך געווען די זעלבע וואָס פון אַלע אַנ־דערע: זיין פרוי און טעכטערל זענען פון אים אַוועקגענומען געוואָרן אין מאַידאַנעק צום פאַרגאַז. אים האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי מען פירט זיי אַהין... ביי אַנדערע מענטשן האָט זיך די צייט ביסלעכווייז אַריינגעלייגט צווישן זיי און דעם געזעגענעם. זי האָט אָנגע־שלעפּט אַ סך דאגות וועגן דעם אייגענעם, טעגלעכן לעבן. שוין האָט מען ביי זיך אָפּגעפּסקנט אַז אַליין לעבט מען יאָ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אַרום די גורמים, וואָס פאַרלענגערן דאָס לעבן און אַ קאַמף אַרום

די שטערענישן און סכנות. דאָס האָט פאַרדרענגט די שאַרפע זכרונות אין א זייט. אמת, עס זענען געווען מינוטן, וואָס האָבן אַדורכגעריסן דאָס דאָזיקע הייטל און אַװעקגעשטעלט פנים אל פנים מיטן גרויזאַמען זכרון. דער טאָג אָבער, מיט זיינע ברויט־דאגות און מאַטערנישן האָט שנעל אַוועקגעריסן אין אַ ווייטערדיקן אָרט, וווהין זאַכן, וואָס זענען שוין געשען, קענען אַהין נישט דערגרייכן. דאָס האָט געמילדערט דעם וויייטיק, אָפּגעטעמפּט און איינגעשטילט אויף שעהען און טעג. די פּיין פון יעדן טאָג איז גלייכצייטיק געוואָרן די היילונג פון די ווונדן אין די פריערדיקע צייטן. ווען מען האָט זיך אַמאָל דערמאָנט — איז עס געקומען ווי אַן עכאָ, אַ ווייטער ווידערקלאַנג... זייענדיק אַליין היינט אין כסדרדיקער סכנה — האָט מען נישט געקענט געדענקען אין די נעכטיקע סכנות אין וועלכע אַנדערע, אַפילו די נאָענטסטע, זענען פאַרשלונגען געוואָרן...

ביי סטאַראָבינסקין איז אָבער יענער מאָמענט געבליבן קלעפּן אויף די אויגן. דאָס בילד פון יענע מינוטן איז נישט אַוועקגעריסן געוואָרן דורך דער צייט, נאָר זיך איינגעקלאַמערט און איז ביי אים פאַרגליווערט געבליבן. ער האָט ממש בחוש אַלץ כסדר געזען, מיט אַזאַ אָט־אָטדיקער לעבעדיקייט, פון וועלכער ער האָט ווידער געמוזט אויפשרייען ווי — מסתמא — אין יענעם מאָמענט.

ס׳איז נישט מעגלעך געווען פאַר מטבעלען אין אַזעלכע טעג צו גיין דערפאַרשן מענטשלעכע נאַטורן. ער האָט נאָר געקענט פעסטשטעלן, אַז די צייט האָט נישט באַוויזן ביי סטאַראָבינסקין צו פאַרציען קיין שלייער־דיקע הייטל אויף זיין ווונד. דאָס איז נישט געווען ביי אים קיין סתמדיק־מעלאַנכאָלישער טרויער נאָך אַ פרוי מיט אַ קינד, נאָר ער האָט זייער אומ־קום געזען אַז אויפהער. דאָס איז געוואָרן איינגעקריצט אין אים און ער האָט עס כסדר מיטגעלעבט, אַזוויי ווי עס וואָלט גאַרנישט אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם שוין געשעענעם, וואָס איז איינגעזונקען אין פאַרהוילענעם תהום אריין...

אַז ס׳איז שוין געלונגען מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס, אָפּציען אים אויף אַ טעמע, האָט ער פאַרמאָגט זיין נאָרמאַלע קלוגשאַפט, באַזעסנ־קייט און רו. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געגעבן: מיין פרוי! מיין

קינד! און זיין טרוקענער יאָמער איז אַזוי וווּנדיק־פריש געווען, ווי ביי אַן אָפענעם קבר. מ׳האָט געזען ווי דאָס צערט אויף זיין לעצטן טראָפּן בלוט און לעבנס־ווילן. העלפן האָט קיינער סיי־ווי נישט געקענט — האָט מען אים געלאָזט קנוידערן אין זיין ווינקל און טוליען צו זיך דעם שווידער, וואָס ער האָט געברענגט אין זיין בליק פון מאידאנעק.

עס איז אָבער דאָך אַ שאָד געווען, וואָס דער מענטש איז נישטאָ מער אין זיין גדאַנק מיט די וואָס ווימלען דאָ אַרום, קריכן אַריין אין דעם ברויט־ביסן און אין דער טאָג־פּיין ווי אין אַ פּאַנצער אַריין...

## II

אונטן, אַנטקעגנאיבער מעכעלעס בעט, אויף אַ נידעריקן שטאָק איז געשלאָפן אַ מיטל־וווּקסיקער בחור מיט אַ דאַר, איינגעצויגן פּנים און אויסגעביינערטע הענט. עס וואָלט אים קיינער נישט געווען באַמערקט, ווען זיינע מאָדנע־גרויסע פּלאַם־אויגן וואָלטן נישט געווען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיך. זיי זענען אין אויסגעקוואַרטן פּנים נאָך גרעסער געוואָרן און זיי האָבן עפּעס שאַרף געמאָנט ביי עמעצן, געדראָט און געשאָלטן. זיי זענען געלעגן איינגעגראָבן אין די לעכער פון זיין פּנים ווי אין אַ קבר. זיי האָבן זיך פון דאָרט פלאַקערדיק געריסן, פאַרפלאַמט די באַקן־קנאָכנס אַרום דעם אויגן־באַגרעבעניש, פּונקט ווי אַ לעבעדיקער, וועלכן מ׳האָט פאַרשפּאַרט אין אַן אָפענעם קבר, אים דאָרט צוגעשמידט און פאַרגעסן דעם קבר־לאָך צו פאַרשיטן מיט ערד.

זיי האָבן זיך איינגעשניטן אין יעדן איינעם מיט אַ וויי־טוענדיקן שטאָך. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער מאָנט דאָ ביי אַלעמען אַזאַ טיף־טייערס, וואָס ער האָט געהאַט און אַלע האָבן עס אים דאָ צוגערויבט... די גזלנים זענען די אַלע וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, אפילו די סקעלעטן, וואָס קענען קוים טראָגן מיט זיך די צוויי שטעקעלעך־פיס ווי שטייפע קוליעס. וואָס ווילן די צוויי פייערלעך זיינע? וואָס מאָנען זיי?

קיין משוגענעם גלאַנץ זעט מען נישט אין זיי. אדרבא עס ליגט דאָרט אַזאַ קלוגע מיושבדיקייט, פון וועלכער עס ווערט נאָך מער אומ־היימלעך. קענטיק, אַז דער מענטש ווייסט און פאַרשטייט צופיל. ער מאָנט דאָס, וואָס ער האָט מיט קלאָרער ניכטערקייט אויסגערעכנט, אַז דאָ איז

עם אים פאַרלוירן געגאַנגען... וואָס? דער מענטש איז אַ גרויסער שוויי־
גער. זיין שווייגן איז זיך נישט סתם אַזוי. יעדע שטילע מינוט זיינע
שרייט, איז אַ ווײ־געשריי אַזאַ; אין וועלכן די שטאַרקסטע ווערטער
וואָלטן צעשמאָלצן געוואָרן אין דער יסורימדיקער ברענעניש. דערפאַר
דערציילט ער בעסער אַלץ מיט זיין דראַענדיקער שטומעניש. און ווער עס
האָט אויגן און אַ מויל אין זיין מח, וואָס קען אים דאָס מיט דער שפּראַך
פון שכל איבערזעצן און פאַרשטיין געבן — זאָל פון יענעם דאָרן שאָטן
אויסשעפּן זיין גאַנצן סוד און תביעה...

איז מעכעלע געוואָרן דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעשטעלט זיין גע־
מיט אין יענעמס ריכטונג.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין אַ מיטן־נאַכט, ווען אַלע אין באַראַק
זענען איינגעזונקען אין אַזעלכע טיפענישן, וווהין בלויז האַרטע שלאָף־
פאַרגעסנקייט קען פאַרטראָגן. אַ שטילער, נאָענטער שעפּטש האָט אַ פלאַ־
טער געטון איבער מעכעלען, אַוועקגעשאַרט דעם נעפּל, וואָס מאַכט איינ־
זינקען דעם מח אין אומקלאָרקייטן אַריין און ער איז וואַך געוואָרן. ס'איז
געווען אַ מיידלעריש־שטיל פּרעפּלען ביים אונטערשטן בעטל אַקעגנאיי־
בער... וואָס טוט אַ מיידל אין מיטן דער נאַכט, דאָ אין באַראַק?

קיינמאָל האָט זיך נאָך אַ מיידל נישט פאַרהאַלטן דאָ לענגער צוויי־
שן די עלנטע שאָטנס. אויב עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט
פריילעכקייט און פאַרגעסנקייט אין לאַגער — זענען זיי געגאַנגען דאָרט,
ווו עס זענען געווען די וואָס עסן בעסער, גייען גוט אָנגעטון; צו די, וואָס
האָבן געהאַט גוטע שטעלעס אין דער פאַבריק און אין לאַגער. דאָרט האָט
פון די פנימער אַראָפּגעשמייכלט אַ זאַט געמיט, אַ מענטשלעכער פאָרעם
פון אַ לעבעדיקן. פון יענעם אָפענע פענצטער האָט זיך נאָך, אין רואי־
קע פאַרנאַכטן, געטראָגן אַ געלעכטער פון אַ מיידל און אַ דיק, אָנגעגעסן
מענער־קול האָט איר אונטערגעהאַלטן — ביז אַלץ צוזאַמען האָט זיך צו־
זאַמענגעגאָסן אין איין שטילן שעפּטש־צערטל, וואָס איז געוואָרן שטילער
און נאָך שטילער — ביז ער איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער שטילקייט
פון דער נאַכט, הגם עס האָט זיך אָפט געדוכט, אַז אין דער לופט זענען
שטעקן געבליבן בריענדיקע אָטעמס וואָס ווילן זיך קיינמאָל נישט איינ־
לעשן — — —

דערפאר אָבער האָבן אין די חושכדיקע באַראַקן פון די טראָטילער און פּיקרינער*) נאָר פאַרוואָגלט געפלאָגטע פרויען־געשטאַלטן. אַזאַ איינע האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר און מיט אַ פאַרשעמט, שוואַך קול אַ פרעג געטון, אויב מען וויל נישט עפּעס קויפן: אַ ציינדל קנאָבל, אַ פּערטעלע ברויט, אָדער אַ פּיצל סחורה צו לייגן זיך אַ לאַטע אויף די מלבושים. דאַן האָט זי צוגעוואָרט אַ ווייל, דערליידיקט אירם און שנעל זיך אָוועקגעלאָזט ווייטער...

— אַ מיידל, אין דער טיפער נאַכט, ביי פרידלאַנדן אין צווייטן באַ־ראַק? מעכעלע זעצט זיך אַביסל אויף פון זיין געלעגער און זעט:

יענער בלאָס־דאַרער בחור ליגט אויסגעצויגן אויף דער פּריטשע. דאָס קרענקלעך־געלע לעמפּל, וואָס אַ האַנט האָט אויפגעוועקט פון שלאָף, גיסט אים אָפּ מיט אַ נאַכטלעך־פאַרברודיקטן וואַקס, פּונקט ווי אַ יאָרצייט־ליכט וואָלט זיך צעטריפט אויף זיין פּנים. ער ליגט און זיינע צער־אויגן טראָגן זיך אין דער לופט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געזוכט וווהין צו אַנטלויפן, בכדי נישט צו דאַרפן זען דאָס געשטאַלט וואָס געפינט זיך נעבן אים...

אויפן קראַנץ פון אָקעגנאַיבערדיקן בעטל זיצט אַ מיידלישער, עט־וואָס פולער סילועט. איר קערפּער איז האַלב־אַריבערגעבויגן איבער אים און זי שיט מיט ווערטער, דערשטיקטע און דערביי אַזעלכע הייסע, קאָ־כעדיקע — גלייך זי וואָלט אויף אים געשאָסן מיט בריענדיקן אָטעם, וואָס רייסט זיך ווי ברעקלעך פייער פון אירע ליפּן אַראָפּ...

ביי מעכעלען האָט זיך פאַרהאַקט דער אָטעם. די שטילקייט אַרום האָט אַ כאַפּ געטון אַ וואָרט, וואָס איז הייזעריק געקומען אָנצופליען פון יענעם ווינקל אַרויס און ווי אַ געיאָגטע טויב זיך געזוכט אַן אָרט ווו צו באַהאַלטן, זאָל זיין אפילו אין מעכעלעס אויער:

— גיי!

דאָס וואָרט איז געקומען אַזוי בייז און פאַרקנאָטן מיט צערדיקן גיפט, האָט זיך געשלענגלט אַזוי פּראָטעסטיק און תביעהדיק, אַזוי גע־רייצט און אויסגעווייטיקט, אַז מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַזוי ווי

*) זע באַנד צוויי: „אין די פאַבריקן פון טויט".

די גאנצע, דארע בייזקייט פון יענעם האט זיך מיטגעריסן מיט דעם איי־נעם וואָרט.

א שטילע זינג־שטים האט זיך בעטנדיק געגומען קורטשען, ברעכן זיך מיט אויסגעטריקנטן געוויין אונטער יענעם וואָרט, ווי אונטער א האַ־מערדיקער משא, אזוי ווי עס וואָלט א בייטש געטון אויף איר מיט א הייזעריקן פייף. די שטים האט געזונגען און געבעטן רחמים... און גענוי ווי אַן אָפּגעשטויסענע תפילה האט זי פארזוכט נאך אמאָל צו העמערן, דרענ־גען אין צוגעשלאָסענע טויערן:

— אַבער הענעך! ענטפער א וואָרט... פארשטיי מיך, הענעך!

זי האָט אין זיין נאָמען ארײנגעלייגט א באזונדערן אקצענט, אים אויסגעצויגן לענגער און מאָנענדיקער. עס האט געמאכט דעם איינדרוק אז דאָס אפּעלירט זי דער עיקר צום קלאַנג פון וואָרט „הענעך". אויב אַן אנדערער מוז איר נישט ענטפערן, קען זי נישט פארשטיין — דארף עס אָבער הענעך יאָ קענען, הענעך — איז עפּעס אַנדערש...

דאָס אויסגעצויגענע געשטאַלט פון בלאסן בחור האט זיך פארביסן אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, מיטן פּנים צו דער וואנט. זיין קול האט זיך איצט דערהויבן, מיט א מאַיעסטעטישער גלייכגעוויכט, ווי ביי א שופט וואָס טראָגט ארויס א הארבן אָבער דאָך גערעכטן אורטייל:

— גיי אוועק!

זיין קול איז געווען גערייצט, טראָץ דער געצוימטער רואיקייט. עס האָט זיך ארויסגעהערט א פארבאָרגענער באגער און נקמה־גיר, ביי יעדן קלאַנג־ציטער זיינעם, וואָס האט באוויזן זיך אדורכצוברעכן צווישן דער קאַלטער פאַראכטונג פון זיינע קורצע רייד. דאָס מיידל האט זיך אויפגע־שטעלט און זיך אריבערגעבויגן איבערן ליגנדיקן:

הענעך, איך גיי אוועק, אָבער דריי זיך אוים צו מיר א ווייל... זאָג מיר א גוטע נאכט, הענעך!

יענער איז אָבער עקשנותדיק געלעגן אויסגעדרייט צו דער וואנט און אָנגעהויבן סימולירן א צולהכעיסדיק כראָפּען פון שלאָף ארוים. זי האָט געמאַכט עטלעכע שריט פאַראויס און שטיין געבליבן אין מיטן איינ־געשלאָפענעם באראַק־צימערל. זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ אין דער

ריכטונג פון צימער און מעכעלען האט א שלאג געטון אין קאפ א פלוצ־לינגדיקע איבערראשונג... ס'איז געווען דאס מיידל, וואס ארבעט מיט אים אין האלע 58. ווי אזוי איז זי דאס פארוויקלט מיט אט דעם דארן בחור. ביי וועמען דאס פנים איז שוין פארברענט און נאר די אויגן גליען נאך מיט דער לעצטער נישט־דערשלאגנקייט?

ווי אין יעדן מאמענט פון איבערראשונג קומען א סך מחשבות אויפ־אמאל, קוליען זיך איינע איבער דער צווייטער. ווי שדימדיקע לצים, וואס זענען צופרידן, ווען זיי טרעפן אן א טומל אין די געהירן און זיי קענען דערביי אפטון בלערליי שפיצלעך. מעכעלע האט נישט געקענט אנכאפן דאס געפיל פון קנאה — וואס איז אין אים פארבייגעפלויגן — צו יענעם דארט אונטן און עס פארהאלטן. ער האט זיך דערמאנט, ווי ער האט זי דאן — איז עס בלויז געווען מיט דריי טעג צוריק? — געזוכט מיט די אויגן צווישן די מארשירנדיקע מיידלעך... זיך שעמענדיק פאר זיך אליין האט ער דאך געזוכט נאענט צו זיין נעבן איר, רעדן מיט איר און פילן איר ווארעמען בליק... הע, אט שטייט זי דא, אין דער איינזאמער פארלוירנ־קייט, אן אפגעשטויסענע — — —

מעכעלע וווּנדערט זיך נאר: ווי אזוי קען ער עס? זי זאל שטיין ארי־בערגעבויגן, בעטן זיך א בליק, א ווארט און ער זאל זי גאר טרייבן? וואס קומט דא פאר? ער האט געוואלט אראפשפרינגען פון בעטל, צוגיין גלייך צו איר און פרעגן זי עפעס, פארהאלטן זי כאטש נאך א ווייל, הערן זי... דא, אין דעם באראק־עלנט בענקט זיך אים נאך שטארקער, כשופדיקער... א באהאלטענער כח האלט אים אבער צוריק אויף זיין געלעגער. אהא! יע־נער דארט האט מיט זיין בייזן טרייבן זי און שפעטערדיקן שווייגן ארויפ־געצויגן א געהיימען גזר פון חרם אויף אט דעם בלוט־יונגן מיידל און מע־כעלע שפירט דעם צוואנג פון יענעמס שווייגן אויף זיך.

דעם מיידלס פנים האט נאך א העל געטון אין באראק אויף א רגע. זי האט א פיר געטון מיט די אויגן איבער אלע פריטשען, ווי זי וואלט דא שטום גערופן נאך הילף. א סעקונדע האט מעכעלען זיך אויסגעוויזן, אז אויך אים האט זי א גלעט געטון מיט געבעט און א שארפער צי האט א לעכער געטון דאס הארץ. באלד אבער איז זי איבערגעצויגן געווארן

מיט רעזיגנירטער הארטקייט. אויף איר פנים איז נישט געווען מער צו דערקענען קיין צער, באליידיקונג אדער אויפרעגונג פון יענעמס האסטיקן אפקערן זיך. עס איז אפילו נישט געווען אנצוזען קיין שום איבעראשונג אויף איר, גיכער האט זיך שוין געלאזט מערקן אזא צוגעגרייטע שטוי־נונג. אזא אויסדרוק קען מען טרעפן ביי די, וואס ווארטן גאר דערויף מיט א שטילן ציטער אין די פארבארגענע קנייטשן פון הארץ. ס'איז ביי איר נאר געבליבן אזא הארטער, טרוקענער מיטגעפיל צו יענעם — א מיטלייד וואס ציט נישט די יניקה פון די טיפענישן, נאר קומט פון געוווינטקייט צו א זאך, מיט וועלכער מען איז אזוי לאנג געווען צוזאמען... זי איז שוין איצט איבריק, נישט־וויכטיק. בלויז די לאנגע צייט פון צוזאמענזיין האט מיט עפעס פארבונדן. דארף מען געבן א געלעגנהייט דעם לעצטן שאנס ווייטער אנצוהאלטן די פארבינדונג, נישט צו פארלירן זיך און אפגעריסן ווערן, הגם היינט ווילט זיך עס שוין...

זי האט זיך ווידער דערנענטערט צו יענעמס בעטל און מיט טרוקע־נער גערירטקייט א זאג געטון:

— א גוטע נאכט, הענעך!

א בייזער, אדורכגעטראכטער און אויסגערעכנטער כראפ האט איר אפגעענטפערט. זי האט דאס ווייזט אוים דערווארט און עס האט איר דערפאר נישט געקענט ווייטון. האט זי א זיפץ געטון — אין וועלכן מע־בעלע האט מיט די אנגעשפיצטע חושים דערהערט א מין צופרידענע דער־לייכטערונג — און זיך געלאזט צו דער טיר. זי האט עס געמאכט אזוי איבערגעאיילט, פונקט ווי זי זאל זיך שרעקן, ער זאל זיך פלוצים נישט אויסדרייען און זי צוריקרופן מיט געבעט... זיין פארביסנקייט האט זי באפרייט פון עפעס שווערס און געמוזטס, וואס האט ביי איר אין הארץ זי געבונדן... איצט לויפט זי שנעל, מיט דעם גליק פון זיין צארן, ווי מיט א געפונענעם גורל, וואס קען אמאל אויפפלאצן, צעריסן ווערן דורך זיינס א תנועה, א טאן...

ערשט ווען עס איז נאך איר פינצטער געווארן אין באראק האט מע־בעלע, שוין איז דער טונקל, געזען ווי יענער דרייט זיך אוים צוריק, זעצט זיך אויף און קוקט לאנג, לאנג אין טונקעלן צימער אריין; זוכנדיק, מיט א

געוואַלט איבער זיך אַליין, איר שאָטן... באַלד האָט מעבעלע געהערט, ווי ער טוט אַ שווערן קרעכץ, דערנאָך האָט זיין קערפּער אָפּגעשלאָגן מיט אַ צוריקפאַל אויף די האַרטע בעטל־ברעטער...

ווען מעבעלע וואָלט נישט געקענט יענעמס אויסגעשרפּהט־טרוקן פּנים, וואָס קען נישט אַרויסברענגען פון זיך קיין פייכטקייט, וואָלט ער גרייט געווען צו שווערן, אַז ער האָט אין יענער נאַכט געהערט אַ שטיל, דערוואָרגן געוויין, ביז צום פרימאָרגן...

III

— — — און אפשר איז עס שוין געווען, מעבעלע!? פּאַרוואָס קריכסטו ווייטער מיט דיין אויג און געהער? ווערסט זיך ווידער אָנטרעפן מיט אַזויפיל טראַגעדיעס; סיי אין לאַגער, סיי אין פאַבריק און סיי אין דיין איבערגעבראָכענעם שלאָף... פאַרמאַך זשע אַלץ אין דיר, פאַרשטאָפּ! זע נישט אַז עס דרייט זיך דאָ אַרום אַ שאָטן פון אַן אַמאָליקן הענעך, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן און גלייבט זיך עס אַליין נישט, פּונקט ווי עס וויל דערמיט נישט שלום מאַכן דער צווייטער שאָטן דאָ, סטאַראָבינסקי... זיי קלאַמערן זיך נאָך אין זייער געוועזענעם, זיי זענען נאָך ביי זיך די זעלבע און זיי מאָנען די חובות, דאָס דערוואָרבענע ביי זייער ליכטיקן אַמאָל. טאָ וואָסזשע ווילסטו אין זיי דערזען און דערהערן ביזן סוף? לאָז זיי איבער אין זייער חלום־גאַרטל, וואָס טראָגט זיי איבערן ים פון דאָאיקן גרוי! שלאָף אויף דעם אויסגעבעטן מאַטראַץ פון טויזנטער אומגליקן אונטער דיר און קלער נישט פון וואָס אָט די ווערק־צע־מויער איז אויסגעבויט געוואָרן! — — —

שעהען לאַנג פון יענער נאַכט האָט מעבעלע אַריינגעקלערט, זיך צוגעהערט צו אָט די טראַכטענישן, וואָס האָבן זיך דורך דער שטילקייט אַריינגעריסן אין אים. אפשר האָט זיי צוגעוואָרפן אַ מלאך, וואָס האָט געוואַכט איבער זיין רו, געוואָלט עפּעס איינלעשן ביי אים, שיצן און וואָרענען? ער האָט אָבער געוווסט, אַז ער קען זיי נישט פאָלגן...

אַלע מענטשן דאָ אַרום אים לעבן מיט אַ פויערהאַנג אויף די אויגן,

זענען אריינגעזונקען אין זייערע אומגליקן וואָס פאַרשטעלן פון זיי אַלץ און זיי ווילן דאָ שוין מער גאָרנישט זען און הערן. זיי קענען דאָ אָפּזיין יאָרן מיט יאָרן, זען ווי גיהנומס ברענען אין מענטשלעכע הערצער און זיי ווילן עס נישט באַמערקן. זיי ווילן זיך שטענדיק אַרומיאָגן מיטן הונגער, מיטן באַקומענעם קלאַפּ, שפּירן דעם לעבן נאָך אַ קאַרטאָפל־שאָל און מער גאָרנישט...

ווען מען זיי שפּעטער אַרויסלאָזן אויף דער פרייער וועלט און זיי וועלן דאַרפן דערציילן דאָס וואָס זיי האָבן געזען און געפילט — וועלן זיי אַלע האָבן די זעלבע פּאָר ווערטער:

מ'איז געווען הונגעריק... מ'האָט געשלאָגן... געשאָסן... צוגענומען ווייב און קינד, ברודער און שוועסטער...

דערנאָך וועט זיי פאַרפעלן ווערטער. מער האָבן זיי נישט געזען, נישט געקענט און אפשר נישט געטאָרט... דאָס אייגענע האַרץ איז געווען אָנגעשטאָפּט, ווי אַ בעטלער־טאָרבע, מיט זיך און מיטן אייגענעם ווייטיק. דעם צווייטנס צער האָט קיין פּלאַץ נישט געפונען, וווהין זיך אַריינצוקוועטשן און געבליבן הענגען אין דרויסן, זיך געוואַלגערט אומבאַמערקט ביי יעדן צופוסנס...

— וועסטו עס אויך נישט באַמערקן, מעבעלע!? קענסטו זיך אַוועקלאָזן אין געיעג נאָכן קיי־ביסן, לאָזן זיך פאַרשלעפּן פון ציטער פאַר דער אייגענער, געשוואָלענער הויט? דו ווילסט עס, דיינע גלידער רופן דערצו — מעגסטו עס אָבער? קלערסטו גאָרנישט פון דיינע טעג, אין וועלכע דו ביסט געזעסן און געזוכט דעם סוד פון מענטש, זיין תיקון? ווילסט לאָזן דיין גאַנצן איך פון פריער דאָ אויסגיין, דערשטיקט ווערן, בכדי אַרויסצוטראָגן, ווי אַ נישט־דערקענטן מת, אַ שטיק פלייש, מיט דיין אַמאָליקן פאָרם און געשטאַלט, עס ווייזן פאַר אַלעמען: אָט דאָס האָב איך געבראַכט מיט זיך!?

לעבן ווילסטו! און דיין לעבן וועט צוזאַמענגעשטיקעוועט ווערן פון ברעקלעך נדבה־ברויט, וואָס כראַפּיצקי וועט דיר צוּוואַרפן... דו וועסט ראַטעווען דעם חלק פון פלייש אוןביינער, וואָס זיי האָבן באַגאָסן מיט דער רינשטאָק־זופּ און ליים־ברויט שטיקער. דאָס וועסטו טראָגן דורך די

שטעכיקע דראָטן, אָבער דאָס, וואָס דו האָסט מיט זיך געבראַנגט, וועסטו פאַרוואַרפן ווי אַן אומנוציטיקע משא... ווילסטו אַרויסקומען אָרעמער ווי דו ביסט? דאַן וועסטו סיי־ווי, אין בעסטן פאַל, נישט בלייבן לעבן, נאָר עפּעס אַן אַנדערער, וואָס וועט טראָגן דיין נאָמען...

ס'איז יסורימדיקער אָבער דאָך בעסער: דעריאָג אַלעמען! שלעפּ די שטיינער און קלעפּ וואָס זענען אין זיי אַריינגעוואָרפן און אַריינגעשלאָגן געוואָרן... ביסט פול? ניי דיר צו אַ זאַק צו דער נשמה און גיב עס דאָרט אַריין. יענע יסורים וועלן נישט וווּנדן ווי אין אַ האָרץ, זיי וועלן נאָר באַשווערן דאָס טראָגן — זיי וועלן אָבער געזאַמלט און אויפגעהיט ווערן. וועסט אפשר ליגן אויף אַזויפיל בערג, איינגעדעקט מיט אַזויפיל געשריי, אויפצאַפּל און גערודער, אַז דאָס וועט דיין קאַלטן טויט אַליין דערוואָרעמען, וואָרפן אים מיט זיין דערשטיקטקייט איבער דער לעבעדיקער וועלט. אַנדערש וועסטו סיי־ווי נישט קענען, מעכעלע! קנוידער זיך נישט איין אין דעם אייגענעם יסורים־זעקל, ווייל וועסט פון אים אַרויספאַלן, פּונקט ווי דאָס איז שוין נישט איינמאָל געשען. דאָס איז דיין קללה — צווישן סיי־ווי פאַרשאָלטענע — וואָס האָסט זיך אויסגעוואָרעמט אַ האָרץ דערפאַר מיט לאַנגע יאָרן פריער... טאָ טראָג איצט דיין נאַטירלעכע משא און ווער פון איר געטראָגן...

...און מעכעלע האָט געפילט אַז די צווייטע, איניקסטע שטים וועט האָבן די אויבערמאַכט. זי וועט טיילמאָל מיד ווערן, לאָזן אים איינדרימלען. זי וועט אָבער איבער דער צייט רופן צו הילף יענעם כח, וואָס וואַקסט אַרויס פון נייגער. יענער האָט מער מעגלעכקייטן צו שפּילן אויף די סטרונעס פון מענטשלעכן נערוו און מער קראַפט — אים צו שלעפּן און באַוועגן... ביידע וועלן דאַן קומען צוזאַמען, אַ קלאַפּ טון אין פוילן שלאָפקישן פון אייגענעם וויטיק און אַ טרייב טון אין געווירבל פון פּלאָנטערנישן, וואָס צעפליקן די נשמות פון זיינע מיטמענטשן אויף דער אָרומיקער, פאַרשאָלטענער וועלט...

# קאַפּיטל אַכט

## I

אין איינעם פון די רויט־גליענדיקע, זומערדיקע פאַרנאַכטן איז מע־
כעלע ארויסגעגאַנגען פון באַראַק. מיט עטלעכע מינוטן פריער איז דאָרט
פאָרגעקומען אַזאַ סצענע:

דער קאָמענדאַנט פון באַראַק, פרידלאַנד, איז אַריינגעפאַלן מיט זיין
אימפּעטיקער נערוועזיטעט און גענומען שרייען:

— וואָס זיצט איר דאָ אַלע אין דער שטינקעניש!? אין דרויסן איז
א לופט, מיט גאָלד צו וועגן! אַ שטיק וואַלד איז דאָ, וואָס פאַרשמעקט
אַלע גלידער — פּאַרוואָסזשע זאָלט איר פוילן אויף די ברעטער? איר
דאַרפט זיך נישט זאָרגן — די לונגען וועלן סיי־ווי ביי אייך אויפגעפרעסן
ווערן... און איר קענט דערוויילע אַריינכאַפּן אַביסל לופט...

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. העניעך איז געלעגן מיט די
אויגן פאַרגלאָצט צום סופית. סטאַראָבינסקי האָט געקוקט ווייט, פאַר־
טראָגן איבער פרידלאַנדס קאָפּ און אים אפילו נישט געזען און נישט
געהערט. די אַנדערע, וואָס זענען געווען אין באַראַק, האָבן זיך נאָך מער
איינגעקורטשעט, אין פחד פאַר דעם, וואָס קומט זיי באַרויבן דאָס ביסל
מנוחה אויף די ברעטער... פרידלאַנד האָט גענומען טופּען מיט די פיס
פאַר כעס:

— מיט שטעקנס דאַרף מען אייך טרייבן... נבלות! באַנדיטן! איר
זענט דאָך גזלנים אויף זיך אַליין... אָט נעם איך עפּעס און צעשמעטער
אייך די קעפּ!

קיינער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. פרידלאַנד האָט זיך
געוואָלט אַ לאָז טון אין העניעכס ווינקל, פון וואו עס איז אַמליכסטן
אַרויסצוטרייבן. אָבער העניעכס בליק האָט זיך פּלוצים אויסגעדרייט צו
אים און יענער האָט פאַרלוירן זיין געשריי אין מיטן.

בלויז דער פאַרגאַפטער סטאַראָבינסקי האָט גראָד אויפגעכאַפּט א

װאַרט און זיך אַ הױב געטון פֿון אָרט. ער האָט אַ קוק געטון צום גאָלד־באַ־גאָסענעם פֿענצטער און עפּעס האָט אים דאָרט לאַקנדיק אַ רוף געטון. ער האָט אפילו צו זיך אַ מורמל געטון: טאַקע שײן!... און ער איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטערל. אין דרױסן האָבן מענטשן שפּאַצירט, זיך געדרײט אַהין און אַהער. ס'האָט דאָרט װער באַמערקט סטאַראָבינסקין בײם פֿענצטער און צוגעקומען. דאָס איז געװען זײנס אַ חבר, דער פֿרײלעכער ברוך שאַ־פּירא, אַ פּועלי־ציוניסטישער טוער פֿון אַמאָליקן װאַרשע. פֿרידלאַנד האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אים:

— פּאַניע שאַפּירא, זאָגט אַלײן: אַזאַ גאָלדענער פֿאַרנאַכט און די מענטשן װערן דאָ פֿאַרשימלט... איז אַ װוּנדער װאָס זײ פֿאַלן דאָ אַלע אַרײַן אין אַ מרה־שחורה? אָט אַזאַ שטײגער איר — פֿאַרװאָס זאָלט איר נישט אַמאָל אַ שלעפּ טון אײער חבר אין דרױסן אַרױס? װעקט אים אױף אַביסל, פֿירט אים אין װאַלד... איר װעט זען װי עס װעט אים נישט אױס־פֿאַלן צום שלעכטן...

שאַפּירא האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ װײַלע און דאַן ערנסט אַ צי געטון סטאַראָבינסקין:

— קומט אַביסל!

און סטאַראָבינסקי איז אים נאָכגעגאַנגען, װי מען גײט נאָך דעם אײגענעם עבר, װאָס ער האָט דערזען אין זײַן פֿרײַנט פֿון אַמאָל. װען אָבער די פֿאַרבלוטיקטע, לעצטע שטראַלן האָבן אים גענומען גלעטן אי־בערן קאָפּ — איז שװער געװען פֿעסטצושטעלן, װער עס האָט אים מיט־געצױגן: שאַפּירא אָדער די רױט־אָפּגעגאָסענע בײמער אין װעלדל...

פֿרידלאַנד האָט זיך װידעראַמאָל אומגעקוקט. אַלע האָבן זיך נאָך מער אײַנגעקנױדערט און עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מאַכן זײ ספּעציעל צו די אױגן, בכדי דאָס געזעענע זאָל אױך זײ נישט מיטרײסן און אַראָפּ־ציען פֿון געלעגער... דאָס האָבן זײ מורא געהאַט פֿאַר דער שײנקײט פֿון דרױסן. פֿרידלאַנד האָט באַמערקט מעבעלען און זיך צעזיפֿצט:

— נו, כ'װײס אַלײן נישט אױף װעמען איך שרײ... דאָס זענען דאָך שױן טױטע! זײ ליגן שױן אין די קברים און איך דערצײל זײ גאָר, אַז די

וועלט איז נאָך אַלץ אַזוי שיין, אפילו דאָ אין ווערק צעֿ... ווייסטו וואָס? קום לאָמיר אַרויסגיין אַביסל און שוין!

אין דרויסן האָט זיך אַ זון־שטראַל געלאַשטשעט צו די טריט, ווי אַ מיד קעצל און מעכעלע האָט זיך דערפילט ווי איינער, וואָס גייט אַרויס פון אַ בית־עלמין־טויער און דערזעט צוריק דאָס לעבן. נאָכן געפינען זיך אין דער שטילקייט פון טויטס גליוועך. פון דערווייטנס האָבן זיי געזען ווי אַ גרויס געזעמל מענטשן ציען זיך אין וואַלד אַריין, אײַלן זיך און לויפן... צווישן די ביימער איז שוין אויסגעשטעלט אַ געדיכטער ראָד מיט מענטשן וואָס קוקן זיך איין צו עפּעס מיט אַ פּאַרכאַפּטן אָטעם...

ווען זיי האָבן זיך געלאָזט נענטער צוגיין, איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן אַ דין שטימעלע, וואָס די געדיכטע ביימער־קרוינען האָבן זיך באַמת אויפגעפאַנגען מיט זייערע טונקל־גרינע פינגער. באַלד אָבער האָבן זיך די צווייגן דרך־אַרצדיק איינגעבויגן און אַדורכגעלאָזט דאָס ליד, וואָס איז דאָ אַרומגעפלויגן מיט דער צעחושטקייט פון אַ פויגל, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אַרויסגעריסן פון שטייג אַרויס... מעכעלע האָט אַ ציטער געטון:

— מ'זינגט!... יידישע לידער זינגט מען!

די ווערטער האָבן זיך נאָך שוואַך אָפּגעשלאָגן אין דער לופט. זייער כח איז נאָך נישט אויפגעוועקט געוואָרן און זיי האָבן אומדרייסט און וואַקלדיק געציטערט אין חלל, ווי עס וואָלט זיי קאַלט געווען, קאַלט און שרעקעוודיק. זיי האָבן זיך אָבער שנעל איינגעגעסן אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט און יעדער וואָרט האָט מיטגעטראָגן אַ באַרג בענקשאַפט מיט שפּאַנענדיקן ציטער, וואָס האָט געצויגן אַהין... מעכעלע האָט די ווערטער אָנגעכאַפּט מיט די ליפּן:

דן האָט צוויי פּאהלעך שוואַרצע
און דאַניאַ — צוויי גאָלדענע צעפּ...

עס האָט אַ שוועב געטון אַ פאַרשווונדענע, פאַרגעסענע היימישקייט, וואָס האָט אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ: פּאהלעך און צעפּ! העי, ייִנגלעך, מיידלעך פון ווערק צעֿ! הערט נאָר, אין וואָס מען דערמאָנט אייך! זעט נאָר, ווער מען דאָס פאַרבענקט־מיידלישע קול האָט דאָ געבראַנגט צו גאַסט:

דן איז דער עילוי פון שטעטל

און דאַניאַ די מלכה פון סטעפּ...

לויפן געלע שאָטנס פון אַלע זייטן. ברוינע, אויפגעפרעסענע פּנימער ווערן פּקוצים פּאַרגאָסן מיט לעבעדיקע אומרו־צוקן און זיי באַקומען אויף אַמאָל ווינט אין די אברים, מ'לויפט! און עס לויפט מען בעלע און עס לויפט פרידלאַנד... אַלע ציט עס אַהין! עס דוכט זיך אַז אַלע באַראַקן וועלן ליידיק ווערן... עס ווילט זיך נישט גלויבן און דאָך דרינגט דאָס גלעקל-קול אין געהער אַריין מיט אַן אָנזאָג: עס זינגט דער וואַלד אין ווערק צע! דאָס באַגראָבענע יידישע ליד האָט זיך דאָ ערגעץ אַרויסגעריסן פון קבר, האָט צעשויבערט די קעפּ פון די בית־עולם־ביימער און זיי אַ וואָרן געטון:

— שטערט נישט מיין וועג דאָ! איך לעב נאָך און וויל זיך איצט אויסגליען ווי גאָטס אַ קויל אויף אויסגעברענטע ליפּן!

און דער גאַנצער וואַלד אַרום האָט איינגעשוויגן. בלויז די ווייטע ליידיקייט, נעבן דעם נישט־איינגעצוימטן וואַלד־געפּלאָנטער, צום דערפל צו, האָט מיט פרומע, נישט־געזעענע ליפּן נאָכגעזאָגט, אומגעלומפּערט, וואָרט אין וואָרט — ווי אַ תפילה פון אַן עם־הארץ, מיט אַ נאָכקלאַנג:

...און דאַניאַ... די מל־כה פון סטעפּ!

ווי דען אַנדערש? דער וואַלד אַליין בענקט דאָך אויך נאָך יענע רו־איקע, גאָלדצעפּיקע מיידלעך, וואָס טרייבן שטילע טשערעדעס מיט שאָף! האָט ער דען נישט געהאַט גרייט פאַר זיי אַ גרינע שויס, אויף וועלכער זיי זאָלן קענען ליגן און חלומען, אויפצאַפּלען מיט זייערע בלויע אויגן אין זיין חלל, יענע שוואַרץ־פּאַהדיקע עילויים — צו וועלכע די הערצער האָבן זיך געריסן דורך וואַכע בלוט־גרענעצן!? ניין ער איז נאָך נישט אַזוי טעמפּ, דער זקן מיט דער מאָכיקער באָרד! אָט כאַפּט ער אויף אין דער לופט די זינגענדיקע ווערטער, שפּילט זיך מיט זיי, ווי מיט געפונענע פּערל, וואָס עפּעס אַ כשופמאַכערין האָט אים אָנגעהאָנגען אויף זיין שקיעה־שרפהנדיקן האַלדז... און ער איז צופרידן, דער גרינער באַוואַקסע־נער גרייז, וואָס דער ערשטער טריל, אפילו נישט פון קיין אַנטלאָפענעם פויגל, האָט זיך דאָ צעגאָסן אויף זיין גסיסהדיקן יאַך...

עס פאַלט אַ וואָרט, אַ קלאַנג. דער וואַלד לאָזט אים אָבער נישט

פארלוירן גיין און פארפאלן ווערן. פון אלע זייטן כאפן עס אויף די בייי־מער און זאגן עס איבער נאך אמאל — פונקט ווי עס וואלט זיי א שאד געווען, וואס מ'הערט עס נאר איין מאל. זיי שליידערן צוריק די ווערטער, זאגן זיי איבער, ווי זיי וואלטן זיך איינגעחזרט צום געדענקען...

עס דוכט זיך, אז דא וויל די גאנצע וועלט מיטהעלפן זינגען, פאר־שטארקן דאס ליד, ווי א זאך אויף וועלכער מען האט לאנג זיך אויסגע־בענקט... פארלירן אלע דעם פחד פאר די ארומיקע שאטנס און גיסן זיך צוזאמען אין איין זינגענדיק קול...

## II

אנגעהויבן האט זיך עס פון א קלייניקייט. עפעס א מיידל מיט א שיינער שטים און באהאלטענער בענקשאפט האט עס מער נישט געקענט. זי איז דא געגאנגען שפאצירן מיט א בחור און דערביי אונטערגעברומט עפעס א מעלאדיע. דאס האט זי אליין פארכאפט, אויפגעוועקט. האט זי מער נישט געקענט מורמלען שטילערהייט נאר הויך זיך צעקלונגען, מיט א געשריי צו דער וועלט, צו דער לופט, מען זאל איר אפגעבן צוריק איר פארלוירענע פרייהייט צו זינגען...

האט איר געזאנג זיך אוועקגעטראגן, אנגעזאגט אין די נאענטע באַ־ראקן: מען זינגט אין וואלד א יידישן ניגון! זענען באלד אנגעלאפן מענ־טשן פון אלע זייטן, ארומגעשטעלט זיך ארום דעם מיידל און געגאפט אויף איר עזות און אויפגעריסנקייט. האט זי זיך אוועקגעזעצט אויפן גראז, אונטער אן אלטן בוים, נעבן איר האבן זיך אוועקגעזעצט נאך עט־לעכע יינגלעך מיט כאר־שטימען פון אמאל און מען האט פון זיך ארויס־געווארפן אלץ, וואס עס האט זיך אנגעקליבן אויפן הארץ:

— הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן — — —

עס איז געקומען פון ערגעץ אנצולויפן דער וויצע־קאמענדאנט פון דער פאליציי, פעלדמאן. ער אליין איז א געוועזענער חבר פון א יידישער ארבעטער־ארגאניזאציע — האבן ביי אים אין מח נאך געזשאווערט אביסל ברעקלעך פון א יידיש ליד און א פארטייעטע בענקשאפט צום

יידישן װאָרט... איצט אָבער, װען פון זײַן היטל האָבן אַראָפּגעגלאַנצט די צװײ פּאָליציײאישע שטערנדלעך, האָט ער זיך געצופּט די שװאַרצע, לאַנגע װאָנסעס און אױף דעם באַפעל דעם באַפעלער, װײַזנבערג, האָט ער זיך געלאָזט אין װאַלד אַרײַן מאַכן אָרדענונג. מען דאַרף דאָך האָבן אַ העזה, צו מאַכן אַזאַ געזעמל דאָ! װען די דײַטשן זאָלן עס נאָר דערזען!... יידן זאָלן זינגען גאָר, דאַן װען מען באַפעלט עס זיי נישט!

װען ער איז אָבער געקומען אָנצולױפן אַ צעיאָכמערטער, מיט די שפּיציקע װאָנסן פאַרדרײט אַזױ, אַז די עקן זאָלן אַרױפּבליקן צום גלאַנציקן דאַשעק — איז בײַ אים עפּעס אַראָפּגעפאַלן פון זײַן קאָמענדאַנטישן ירגזון. ער האָט אַ בליק געטון אױף דעם מײדלס צעפלאַמטן פּנים, אײַנגעהערט זיך אין איר דרײסטן געזאַנג און ער האָט זיך פאַרלױרן װי אַ קינד. אַרום איז געשטאַנען אַן עקזאַלטירטע מחנה און געהערט. דאָס מײדל און אירע צוהעלפער האָבן איצט געזונגען די בונדישע שבועה. די אַרומשטײענדיקע איז שװין איצט נישט געװען קײן אונטערשיד װאָס מען זינגט. אַ שטײט אין אַ זײַט אַ פאַרפרומט פּנים, װאָס האָט זיכער צום „בונד" קײנמאָל נישט געהערט, נאָר דער דאָזיקער מאָטיװ האָט זיך אַמאָל געצװיגן פאַרבענקט איבער זײַנע שטעטלשע גאַסן — איז דאָס איצטיקע געזאַנג פאַר אים אַ טײל פון יענער װעלט, װאָס מ'האָט פון אים אַװעקגעריסן. מען הערט אַ ליד, אַ יידיש ליד װאָס איז געזונגען געװאָרן, האָט געלעבט אױף דעם אונטערגעגאַנגענעם אַמאָל — װעמען זשע גײט עס אָן, װאָס מען זינגט און װעלכע פּאָליטיק מען האָט דאַן געמאַכט מיט די װערטער!?

פעלדמאַן האָט שנעל פאַררוקט זײַן פּאָליציײאיש שטעקעלע אין דער זײַט פון זײַן לעדערנעם גאַרטל. ער איז געבליבן שטײן אַ געריררטער. פון זײַנע שפּיזיק־שאַרפע אױגן האָט זיך גענומען אָפּשלאָגן אַ װאַרעם גלענצל, אין װעלכן די אונטערגײענדיקע זון האָט זיך דאָס לעצטע מאָל אַ שפּיגל געטון פאַרן אײַנגעשלונגען װערן אין בײַנאַכטיקן תהום. ער האָט גענומען קוקן אַ צעמישטער; דאָ אױף דער אַרומגעשטעלטער מחנה און דאָ אױף דער זינגערין און דאַן װײַטער, אױף די גלאַנציקע שטיװל זײַנע צװישן דער מחנה באַרױסע... קענטיק אַז ער האָט נישט געקענט אױספּלאָנטערן,

וואָס עס איז דאָ די וואָר און וואָס איז נאָר אַן אַריינגעשמוגלטער חלום... באַלד האָט ער זיך פאַרגעסן, אַ שאָר געטון אין דער זייט דאָס גראָז און זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן די, וואָס זיצן און זינגען. אַלע האָבן זיך אַביסל אָפּגערוקט און געמאַכט פאַר אים פּלאַץ. מען האָט זיך גענומען פילן זיכע־רער, ווען דער צווייטער פּאָליציי־קאָמענדאַנט זיצט צווישן אַלע. פעלדמאַן אַליין האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז געקומען... הא, קומט דאָ נישט פאַר אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אין וואַלד, ווי אַמאָליקע צייטן? און ער, איז ער דען נישט געקומען, ווי איינער פון אַלע, מיטזינ־גען, מיטשרייען און מיטבאַגייסטערן זיך? די שטיוול אויף די פיס ווערן גיך פאַרשטעלט פון די וואָס ענגען זיך אַריין... אויך דאָס היטל וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ — זאָל עס הענגען אויף אַן אַרויסשטאַרצנדיקער צווייג פון אַ בוים! נישטאָ מער גאָרנישט פון יענעם פעלדמאַן, וואָס וועט באַלד ווייטער מוזן האַלטן אַ גומי־שטעקן אין דער האַנט. איצט זיצט ער נישט ווייט פון יענעם מיידל און זינגט, זינגט מיט...

אַלע שפּאַרן זיך שוין אַהין. אָט זענען שוין אַריינגעפלאָכטן אין קרענצל נאָך אַ פּאָר פּאָליציאַנטן. נישט איינמאָל האָט זיך זיי געבענקט נאָך יענע צייטן, ווען זיי זענען נאָך געווען אומשולדיקע יינגלעך אין יידישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער קינדער פון אַ היים. דאָרט האָט מען גע־זונגען, געקוויקט זיך מיט אַ יידיש וואָרט... איצט האָבן זיי עס ווידער! וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט איבערגעטרי־בענער, פּאָליצייאישער חשיבות און אָנגעבלאָזנקייט. זיי זיצן איינגע־פּרעסט צווישן די טראָטילאַרן, אָפּגעריסענע פאַבריקס־סקעלעטן און מען שרייט פון זיך אַרויס די לונגען אויפן קול... קומען שוין אָן אַלץ מער און מער מענטשן פון אַלע זייטן און מ׳גיט זיך איבער פון מויל צו מויל:

— די פּאָליציי זיצט אויך דאָרט...

קיין מורא פאַר קלעפּ און טרייבעניש איז נישטאָ, לאָזן זיך אַהין אפילו די, וואָס זענען פאַרזיכטיק און מיידן אוים יעדע מינדסטע סכנה. מעבעלען דוכט זיך אַז אפילו די באַראַקן אַליין וועלן קומען צולויפן און אַלץ וועט אויפאַמאָל רעוואָלטירן, אַ זינג טון פאַר די יאָרן פריער און

פאר די טעג פאראוים... שטייט ער אזוי, מעבעלע און טראכט — ביז זיין באגלייטער, דער פיפיקער פרידלאנד טוט אים א צי:

— דו הערסט? פאליציי איז אויך דארט... פעלדמאן האט זיך גאר אוועקגעזעצט, איז נישטא וואס צו שרעקן זיך... קום!

און ביידע האבן גענומען לויפן אין יענער ריכטונג. ס'איז שווער געווען זיך אדורכצושפארן דעם וועג. יונגווארג האט זיך געשטויסן פארסאפעט, ווי צו א גרויס איבערלעבעניש. אויך די מיטליעריקע האט עס מיטגעצויגן. אט זעט מעבעלע ברוך שפיראן גיין און ציען פאר דער האנט סטאראבינסקין. יענער גייט אים נאך מיט בלינדע טריט. זיינע ארויסשטארנדיקע אויגן שיקט ער פאראוים, ווי ער וואלט געוואלט, זיי זאלן פאר אים אויסטאפן דעם וועג. עפעס גלייבט ער זיך אליין נישט צו, אז זיינע אויגן זעען עפעס. גייט ער און שטעלט זיך אלעמאל אפ. שאפירא מוז אים יעדע ווייל אונטערגעבן חשק:

— קומט, מען זינגט דאך דארט... יונגווארג זינגט!

III

גענוי, ווי אין א גרויסן פייער-פלאמענדיקן פארצער, קען מען נישט דערקענען דאס ערשטע ברעקל פלאם, וועלכעס איז געווען דער אנהויב — אזוי קען איצט מעבעלע ניט דערקענען אינעם מענטשן-קרייז, וואס רינגט זיך איינער אינעם צווייטן, וועלכעס מויל עס איז געווען דאס ערשטע, וואס האט א שטויס געגעבן צו אט דער געזאנג-לאווע. אלע זענען שוין דא אריינגעקנעטן ביז פארגעסנקייט. בלויז פעלדמאן כאפט זיך נאך אן א מינוט, אין א ברעג פון זיין פאליצייאישער ראל:

— קינדער, אביסעלע שטילער... מ'וועט נאך דערהערן...

קיינער הערט אים אבער סיידי נישט. און — זעט נאר, זעט ווער עס האט זיך דא צונויפגעזאמלט! אט איז דער געלער פליך פון דעם געשוואלענעם פיקרינער, אהרן טשאק! א געוועזענער בונדישער טוער פון ראדאם, האט ער באוויזן צו ארבעטן חדשים-לאנג ביי דער פיקרין און אויסהאלטן, מיט דער זעלבער רואיקער געלאסנקייט פון אמאליקע יארן אין תפיסות.

זיין פּנים איז שוין געשוואָלן און אָנגעבלאָזן. דער קאָפּ, די הענט, די צע־פּליקטע מלבושים און דער שווערער, קלאָציקער קערפּער זענען שוין אויפגעפרעסן פון געלן גיפט. ווען ער רעדט, מוז מען שוין צובייגן דאָס אויער ביז צו זיין מויל, בכדי צו דערהערן וואָס ער זאָגט. אויך זיין קול איז שוין אויפגעפרעסן און פון זיין שטים זענען נאָר געבליבן אין האַלדז שטיקלעך הייזעריקע צויטן, וואָס הענגען דאָרט אוודאי נאָך, ווי די צע־דריוולטע פּאַסן אויף זיין לייב. דאָ אָבער איז ער דער גלייכער בעל-שמחה וואָס אַלע. ער גיט אפילו צושטייער זיין צעפרעסענע שטים מיט אַ היי־זעריקער, עקזאַלטירטער פאַרפלויגנקייט. זיינע דיקע בלוי־געלע ליפּן פּאַטשן איינע אין דער צווייטער מיט התלהבות און די אָנגעדראָלענע, מיט בלויקייט־פאַרצויגענע הענט הויבן זיך אַלעמאָל צוזאַמען מיט אים פון גראָזענעם געזעם. ער זעט איצט נישט די אויפגעלאָפענע בערג אויף זיינע אברים; געגנוי ווי ער זעט נישט איצט און ווייסט נישט, אַוו ער געפינט זיך. ער ברומט בלויז אונטער, מיט אַן איבער־כח, אַלע זאָלן הערן: בים־באַם, באַם־באַם...

און אָט זיצט נעבן אים דער פריילעכער מענדל רובין. ער איז אַליין פון קראָקע. דאָ אין לאַגער האָט ער, אַלס גוטער שלאָסער, אַ בעסערע פּאָזיציע. ער האַנדלט און שטייט אין קאָנטאַקט מיטן „דרויסן”. יעדן פאַרנאַכט איז ער פאַרהאַוועט, לויפט אַרום איבערן לאַגער, ער זוכט אור־מעטום ווו צו מאַכן אַ געשעפטל, אַ מסחרל... די גויים, מיט וועלכע ער אַרבעט צוזאַמען, זעען שוין אין אים אַ מענטש, וואָס קען פאַר זיי אַלץ באַזאָרגן פון אונטער דער ערד, צושאַרן זיי אַ פאַרדינסטל. איז ער ביי זיי אַ חשוב און דאָס גיט אים צו אַ חשיבות אויך ביי די הערשער פון לאַגער...

איצט אָבער זיצט ער דאָ אינמיטן. ער איז נישט מער פון די באַזונ־דערע, וואָס עסן אויך דאָ צו דער זעט; וועלכער עסט וו אָ ס ער וויל און וו י פּ ל ער וויל. גיכער איז ער צוריק דער אַמאָליקער קראָקע־ווער בלעכער־געזעלן, וואָס האָט ביינאַכט געקלעפּט פּלאַקאַטן און פאַר־וואָרפן רויטע פענער איבער די דראָטן... דאָ זעט ער אפילו נישט, ווי אהרן טשאָקס בגדים פאַרגעלן אים דעם אַרבל פון זיין נאָך־לייטישן אַנ־

צוג... אהרן זאָגט עפּעס און מענדל בייגט זיך צו אים, בלאָנקעט מיט זיינע פלינקע אייגעלעך נעבן יענעמס אָנגעוואַקסן, אויפגעבלאָזן פּנים מיט די געצייילטע האָר, וואָס האָבן זיך זיימלדיק געקרייזלט אַרום אהרנס אויסגעצופּטן קאָפּ... און מענדל הערט מיט יראת־הכבוד, וואָס יענער זאָגט...

עס זיצט דאָ אויך באַרטמאַן, דער שטילער ציוניסט, נעבן דעם פּאָליציאַנט טרעפּער, דעם בונדישן טוער פון ערגעצוואו, מיט די ווייצענע וואָנסעס. ביידע זענען זיי שטילע, זייטיקע. טרעפּער לויפט זעלטן אַרום מיטן שטעקן ווי אַנדערע פּאָליציאַנטן. ער שאַרט זיך שטיל פאַרביי אייבערן לאַגער מיט זיינע ווייכע טריט, ווי ער וואָלט דאָ געשפּילט די ראָל פון אַ פאַרשטעלטן. צוליב זיין עלטער און סטאַזש אין דער געטאָ־פּאָליציי, ווי אויך צוליב זיינע גויאיש־בלויע אויגן און ווייצענע וואָנסן האָט ער זיך דערדינט ביי דער קאָמענדאַנטין צו אַ חשיבותדיק שטערנדל פון פּאָליציי־ראַנג. טרעפּער האָט אָבער פון דעם קיין ווען נישט געמאַכט. ער האָט נישט געשריגן, נישט געזידלט און איבערהויפּט נישט אַרויסגעברענגט פון זיך קיין פּיפּס, נאָר אַרומגעגאַנגען און מרה־שחורהדיק געשוויגן... ווי אַזוינע האָט אַזעלכער געקענט נוצן ברענגען פאַר דער קאָמענדע? דער טעות האָט זיך פאַר די קאָמענדע־לייט ערשט שפּעטער אַרויסגעוויזן. די וואַרקאָוויטשן האָט געמוזט עטלעכע מאָל שרייען, ביז טרעפּער האָט זיך אַ ריר געטון צו אירם אַ שלאָג־באַפעל, זיך אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. אויף קיין פּאָליצייאיש שטיקל אַרבעט איז ער נישט געלאָפן מיט קיין אייפער, ווי אַנדערע, נאָר דרימלענדיק געקראָכן, ווי ער אַליין וואָלט ניט געווען דערביי... ווען ער האָט באַדאַרפט שרייען — זענען די פּאָליציי־ווערטער געווען לינקטלעך צוגעקלעפּט צו זיינע ליפּן און זיי זענען אַראָפּגעפאַלן פון אונטער די וואָנסעס, ווי פרעמדע ברעקלעך וואָס האָבן זיך שוין מער נישט געקענט האַלטן אין אים. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער קלערט צוצוגעבן דערביי:

— א י ך שריי דען? איך אַליין שווייג דאָך! דאָס שרייט ז י י דאָך אַרויס; דער אַרויפגעצוויגענער פּאָליציאַנט איבער מיר...

איצט זיצט ער נעבן באַרטמאַנען, דעם שווייגעוודיקן בחור און ביידע האָבן איצט אַ סך צו שמועסן צווישן זיך אויפן אויער... ביידע מלאַנ-

כאַליש־פּאַרצווינגענע פּנימער ביי זיי שמייכלען, גלאַנצן אויף מיט אויגן־בליצן... וואָס איז דאָ פאַר אַ שמחה? מ׳איז זיך דאָ צונויפגעקומען ווי אויף אַ פרייד־מאַרק, ווו מען קען באַקומען אַ שמייכל, אַ ריינעם הנאה־טראָפּן פון עכטער שטאַרקייט, סתם אַזוי זיך... יעדער קען עס אַרויס־כאַפּן פון קרענצל וויפל ער וויל און די פּאָליציי שטערט נישט. זיי אַליין זענען פאַרנומען ביים אָנשטאָפּן די אויסגעהונגערטע געפילן מיט אַ טראָפּן זויבערער פרייד פון די פריערדיקע, אומשולדיק־שטעטלשע צייטן.

באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ מיידליש־שכורלעך קול האָט זיך אַ ריס געטון איבער די קעפּ און געמונטערט מיט איבערדריסיקער פריי־לעכקייט און גערייצטער נערוועזיטעט:

— לעבעדיקער! זינגט אַלע מיט! אַלע!

איר קול האָט אַ פלאַטער געטון ווי אַ צעטרילטער פליער. באַלד אָבער האָט ווער פון אַ זייט זיך פאַרלייגט דערויף, ווי אַ פאַרטייעטער יעגער, וואָס וויל שטערן דעם ווילד־פרייעם צאַפּל פון איר קול איבער די ביימער. אַ הילך פון אַ וואָרט האָט קרעכצנדיק אריינגעטראָפן אין ציל אריין:

— טרעבלינקע!

אָט ווערט זיך נאָך אין דער לופט, ראַנגלט זיך פאַרן שיין פון דער פאַרנאַכטיקער ליכט יענעם קראָקעווער סטאָליערס ירושה פון קליינ־שטעטלדיקער, הייליקער און נאַאיווער זאָרגלאָזיקייט:

גיי איך מיר אין געסעלע
קנאַק איך מיר ניסעלעך...

אָבער פון דער צווייטער זייט רייסט זיך שוין אַ דראָענדיקע, דער־מאָנענדיקע כמאַרע:

טרעבלינקע דאָרט
פאַר יעדן ייד דאָס גוטע אָרט
איך קען נישט רעדן מער קיין וואָרט
ווער ס׳קומט אַהין דער בלייבט שוין דאָרט
דאָרט אין טרעבלינקע — — —

דאָס פריילעכע, זינגענדיקע קול פון יענער זייט האָט זיך נאָך אַ צאַפּל געטון אין דער לופט, נישט געוואָלט אויפנעמען דעם טויט־קלאַפּ...

אַט וואַרפט זיך עס, וויל שטאַרקער ווערן, אָבער נעמט זיך וואַרגן און לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַן אַדורכגעשאָסענער פויגל אַלץ נידעריקער און ני־דעריקער... אַט־אַט פאַלט עס, פאַלט און לעשט זיך אויס, ווי אַ ברען־קויל, וואָס באַגראָבט איר לעצטן טלי אין ווייכן, אויסגעברענטן אַש...

די שטימען, וואָס האָבן אויפגעהויבן דאָס טרעבלינקע־ליד, ציטערן באַלד מיט אַ באַנג, פאַרוואָס זיי האָבן אומגעברענגט מיט זייערע ווערטער יענץ פרייליכע געפיל, וואָס איז דאָ אַהער געקומען ווי אַ ווייטער גאַסט, אַ רייכער קרוב אין די אָרעמע, חרובע הערצער; געקומען בכדי שפּעטער אוועקצופליען ווייטער, אויף שטענדיק אפשר... כאַפּן זיי זיך אָן אין לעצטן פערז פון טרעבלינקע־ליד, ווי אין אַנשריי, אַ פּראָטעסט קעגן זיך אַליין, קעגן טרויער פון אייגענעם האַרץ, וואָס האָט אויפגעוואַכט מיט דער גאַנצער אויסזיכטלאָזיקייט פון יידישן גורל און ווי אַ קאַץ זיך גע־וואָרפן אויף יענעם פויגל־פלי פון דער מיידל־שטים און זי דערשטיקט מיט די שוואַרצע, שפּיציקע נעגל... איז דער שלום פון טרעבלינקע־ליד גע־וואָרן אַ מין געבעט צו דעם אייגענעם יאוש:

שווייג, הערצעלע, שווייג!
הערצעלע, זאָג נישט אויס
אַז דו ביסט אַ ייד...

ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט. אַלץ וויגט זיך שוין מיטן ריטם פון אַרויפגעלייגטן טרויער, וואָס האָט זיך אין יענע צעזונגענע מאָמענטן אויסבאַהאַלטן אין די מויל־ווינקלען, נישט אַנגעזען צו ווערן. איצט איז ער צוריקגעקומען מיט טריאומף און זיך אָפּגענומען פאַר דער פאַרגעסע־נער שעה...

ווי אַזוי־זשע קען מען שפּעטער אַפּעלירן צום האַרץ, עס זאָל שווייגן? ווערט שטילער. עס טראָגט זיך בלויז אַרום דאָס טרוקענע קלאָגעריי, וואָס זוכט אַרויסצופּלאַצן, מיטצורייסן...

דאָס מיידל, וואָס האָט פריער געזונגען, האָט זיך אַ ריס געטון, גע־וואָלט אויסמיידן די אַרויפגעפאַלענע שרעק־משא. זי האָט אויפסניי גע־נומען אַ טאָן פון אַ יידיש ליד, אַ פרייליכס, אַ פאַרגאַנגענס, מיט אַן אָנגעבלאָזענער התלהבות, וואָס דאַרף און מוז וועמען איבערשרייען. אַלע־

מענס אויגן האָבן זיך געצווונגען ווידער צוצופאַלן צו איר צעפּאַטלטקייט. עס האָט אויך אינטריגירט דער פּאַרמעסט פון צוריק נייעם, קעגנזעצטן טאָן; הע, ווער וויל דאָס נאָך אַלץ נישט נאָכגעבן? ווער לאָזט זיך נישט אַרונטערוואַרפן אויף דעם פעלד פון דער ווירקלעכקייט?

מעכעלע האָט זיך אַ שטופּ געטון נענטער. ער האָט געוואָלט זען ווער עס טוט אָפּ דער שטימונג צולהכעיס און מיט אַן אימיטירט־שטיפערישן אויבערטאָן הייבט זי אָן דיריגירן, צוריקברענגען די לעצט־פאַרבליבענע קלאַנגען... אַ האַסטיקער קלאַפּ אין האַרץ האָט מעכעלען אַריינגעשלייַדערט ווי אין פיבער אַריין: ס'איז געווען ז י, דאָס מיידל פון זיין האַלע...

## IV

פאַר מעכעלען האָט אויף אַ רגע אַ שוועב געטון יענע סצענע ביי־נאַכט אין באַראַק. אינסטינקטיוו האָט ער גענומען זוכן מיט די אויגן העלעכן צווישן דעם אַרומיקן עולם... ער איז נישט געווען. מסתּמא ליגט ער ווייטער אין באַראַק, פונקט ווי פריער, און קוקט אַזוי אַדורכגעטראַכט־זינלאָז... און אפשר שאַרט ער זיך זייטיק, צווישן די באַראַקן? דאָס בילד פון איר פאַרלוירנקייט אין יענעם מיטנגאַכט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן, מיטגעשלעפּט מיט זיך אויך די סצענע, ווען מעכעלע האָט זי געזען צווישן די ביימער ביים 58-סטל ווי זי שטייט אַ שטיפערישע, מיטן שייגעץ פו האַלע... אַלע ד ר יי פּנימער און גלגולים אירע האָבן זיך אַריינגעקנאָטן איינס אינעם צווייטן אַריין; נישט געווען צו דערקענען, וועלכעס פון די דריי פּנימער אירע איז דאָס עכטסטע, דאָס ריכטיקסטע? ווידער וואַקסט העלעך אַרויס פון צווישן די נעפּלען אין קאָפּ: וואָס איז זי זיינס? איז ער ספּעציעל נישט געקומען אַהער, אָדער ווייסט ער נישט? ווייסט זי כאָטש די צעפּייערטע און צעפּריילעכטע, ווי אַזוי ער ליגט איצט דאָרט און די שאָטנס פון אַרום פויזן ביי אים אין בליק, קריכן אַרום ביי אים אין האַרץ ווי פאַרצווייפלטע גיפט־שלאַנגען!?

זי האָט אים זיכער דאָ געזוכט מיטן בליק, געמוזט אים זוכן! ווען

ער שטייט דאָ — וואָלט די פּינקטלעכקייט פון זיינע צאָרן־אויגן זי גע־צוימט, אפשר פאַראַליזירט די שטים אירע, אויפגעציטערט זי? דאָ האָט זי אים נישט געזען — ווייסט זי מסתמא וועלכע יסורים ער טראָגט אויס אויף די הארטע ברעטער... טאָ ווי קען זי עס אַזוי, אויב זיי זענען נאָענטע צווישן זיך? און זיי זענען עס דאָך! יענע נאַכט ווען זי איז גע־שטאַנען איבער אים און געבעטן זיך — האָט עס מעבעלע אַנטדעקט, הגם עס איז ווייטער געבליבן פאַרהילט אין די עיקרדיקע סוד-לבושים. טאָ ווי קען ער אַזוי? ווי קענען עס ביידע?

ווידער אַמאָל לאָזט מעבעלע זי אוועקשטעלן, דורך זיין זכרון, אין יענער נאַכט. ער לאָזט אויפקלינגען ווידעראַמאָל איר שטים פון דאַן, מיט איר געבעט און פאַרלוירענעם גאַנג צו דער טיר: ניין! ס'איז נישט גע־ווען קיין פאַרצווייפלונג, קיין אַדורכגעלעבטע, געשפּירטע הילפלאָזיקייט פון אַ פרוי, וואָס פאַרלירט עמעצן אַ נאָענטן און דער באָדן ווערט איר אוועקגעשטויסן פון אונטער די פיס... אין איר קול איז דאַן נאָר געווען דער ציטער פון געקרענקטקייט, פון באַליידיקטן שטאָלץ. גלייכצייטיק האָט זי אָבער פאַרבאָרגן אויפגעאָטעמט, צוליב אַ שווערער משא וואָס איז פון איר אַזוי לייכט און אומגעריכט אַראָפּגענומען געוואָרן... ביי אַ זאַ מין אוועקגיין האָט זי זיך באַדאַרפט פּאַקטיש צעברומען פון צופרידנקייט, דערפאַר וואָס זי איז אַזוי לייכט — אָן צו קענען זיך פאַר־וואַרפן וועלכע עס איז שולד אָדער חרטה — באַפרייט געוואָרן פון אַ שווערער פליכט, אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע זי קען שוין איצט פרייַ פאַרנאַכלעסיקן און קיין שולד וועט איר נישט פאַלן אין קאָפּ אַריין...

יאָ, א י צ ט איז זי אין איר אמת געשטאַלט! אָט שטייט זי אַ באַפרייטע פון יענעם כמורנעם עול; אַ גליקלעכע וואָס דער אומהיימלע־כער ע ו ל האָט ג אָ ר ז י אָפּגעשטויסן און נישט זי — אים... דאָס וואָלט באַדאַרפט ווערן באַגלייט מיט געוויינען, מיט שווערע שלוכצן און אַ נאָכהענגענדיקע טאָרבע מיט געוויסנסביסערייען — — — —

אָבער ווען מעבעלע קוקט איצט אויף איר, די צעלויכטענע, אָן דעם מינדסטן סימן פון טרויער אויף זיך, זעט ער ווי אויך איר פריילעכקייט איז נישט עכט, נישט נאַטירלעך... עפּעס פאַרדעקט זי, סימולירט...

פון איר גאנץ וועזן טראָגט זיך איצט אַזאַ קאָמפּליצירטקייט, אַז מעכעלען ווייזט זיך אויס ווי איר פאַרדעקן דעם אומעט־וואָרעם איז אויך נישט סתם קיין סימולאַציע נאָר איז אויסגערעכנט ספּעציעל פאַר די וואָס שטייען דאָ און קענען זי, ווייסן איר גאַנצע געשיכטע... אַ נשמה פון אַזאַ מין פרוי האָט אַ סך קנייטשן און פאַלדן און עס איז שווער אין איין ברעקל צייט אַדורכצונישטערן אַלץ און זען וואָס עס שטעקט אין יעדן פאַרבאָרגעניש... דערווייל זעט ער בלויז דאָס, וואָס רופט און שרייט צום אויג, ווי איר שעלמיש פּנים מיטן פאַרריסענעם נעזל און רופנדיקע ליפּן זענען ברייט אויפגעריסן. צוזאַמען מיט די אַרומלויפנדיקע אויגן זוכן זיי עפּעס. די שיטערלעכע מילך־ווייסע ציינדלעך קוקן שאַרף אַרויס אויף דער וועלט, גרייט אָנצונעמען און פאַרצערן אַלץ וואָס עס וועט זיי גע-געבן ווערן, אָן איבערקלייב... זי רייצט דערמיט. מעכעלע פילט דאָס ציענדיקע געפיל אין זיך איצט שאַרפער און מאָנענדיקער...

זי מאַכט ערשט היינט דעם אָנהייב. דאָס וויקלט זיך אויס מיט דער אויפמערקזאַמקייט צו איר, וואָס זי רופט דאָ אַרויס. זי זאַמלט דערווייל איין אַלע בליקן וואָס לויפן צו איר, ציען זיך אין איר זייט אַריין... ווען זי וועט זיין מיט זיך אַליין — וועט זי זיי פונאַנדערלייגן אין דער פאַנ-טאַזיע ווי אַ געפונען שנירל פּערל און זיי איבערקלויבן, אויססאָרטירן און אָפּשאַצן יעדן באַזונדער... זי האַלט ברייט צעפּראַלט אַלע חושים אירע און זיי זויגן, פאַרשלינגען אַלץ אַריין אין זיך, פאַרשכורן... זי לאָזט דאָס שכרות אַראָפּזינקען טיף אין איר, דערביי זענען אירע אויגן הונגעריק אָנגע-גלאַנצט, זיי גיבן אָנצוגעהערן, אַז דאָס איז בלויז אַ קליינער אַוואַנס אויף דעם וואָס איר קומט, וואָס זי וויל אויפמאָנען ווי אַ חוב פון וועלט צע און וויפל זי איז גרייט און קען צוריקגעבן — — —

אַ געמיש פון באַרוישטקייט, באַזינטקייט צוזאַמען מיט אַ שאַרפן פאַרדאַכט, אַן עקל און סכנה־פּחד האָט זיך קאַראַהאָדיק געפּלאָנטערט ביי מעכעלען אין געהירן. ער האָט קוים געהערט ווי דער ראַפינירט־כיטרער פרידלאַנד האָט אים אַריינגעשושקעט:

— זי איז אַ געפערלעכע פרוי, די קליינע... איך קען זיך אויף אַזעל-כע זאַכן!

פרידלאַנדס זאָג איז אָבער שנעל פאַרבייגעפלויגן, נישט געגעבן קיין קראַפט זיינע ווידערגעפילן צו איר, זיי זאָלן זיך אויסרייסן און שטאַרקער ווערן אין אים. ער האָט קוים געהאַט דעם געדאַנק אַ טראַכט צו טון:

— זי האָט עס אַ כוח! נישט גאָר שיין, אפשר שוין אויך אויסגע־לאָסן; נאָר זי האָט אַן איידלקייט, אַ דינע נשמהדיקייט, וואָס גאָרנישט קען עס פון איר אָראָפּוווישן...

עס האָט זיך אים געוואָלט שטיין נעבן איר, איר נאָכגיין, הערן זי, זען... שטיין און זען זי כסדר פון דער נאָנט, גאָר נאָנט!

אין די אויגן פון אַ סך, „בעסערע" מענטשן אין לאַגער, וואָס זע־נען אַרומגעשטאַנען, האָט מעכעלע געזען אַ פּלעמל פון נאַרישער באַוווּנ־דערונג, ווען זיי האָבן אויף איר געקוקט. מעכעלע שעמט זיך ביים גע־דאַנק, אַז מסתמא טראַכטן אַלע דאָס זעלבע וואָס ער און עס איז אים אַ בושה, וואָס ער קען צולאָזן צו זיך אַ מחשבה, וואָס דאַרף נאָר געהערן צו אַזעלכע ווי זיי... נישט מער: ביי זיי קומט עס אַרויס תאוותדיקער, גרעבער; פּונקט ווי יעדער פליישיקער געדאַנק קומט אַרויס, ביי אַ באַר־גיקער פלייש־מאַסע, דיקער, מגושמדיקער ווי ביי אַ ביינערדיק־אויסגע־דאַרטן...

ער האָט דאָך נאָך אין זיך געהערט אַ דין ציעניש צו איר; אַזאַ וואָס קענסט עס נישט אָנכאַפּן און אַ טאַפּ טון: וואָס וויל עס דערמיט? וואָס באַגערט עס? ביי אים — פּלאָנטערט עס זיך פאַרלוירן, אַן אַ קלאָ־רער מחשבה־שפּראַך. און זיי? אָט זעט ער ווי זיי אַפּלאָדירן איר אַזוי מאָדנע, מיט שטאַרקע האַנט־הילכן און מיט אַ פּעטן, צעווירענעם שמייכל אויף די פּנימער... מעכעלע האָט זיך אויפאַמאָל דערפילט נישט גוט, וואָס ער שטייט דאָ צוזאַמען מיט אַלע און זיין בליק גיסט אויך אַרויף, ציט אויך אַרויס אויף איר פּנים די רויטקייט, צוזאַמען מיט די אַרומיקע... אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס רופט זי אַזוי אַרויס יעדער באַזונ־דער, זאָגט איר אָן דורכן בליק, דורכן אַפּלאָדירן אַז... ניין, ניין! נישט בלויז, אַז ער באַגערט איר נאָענטקייט, איר פרייליעכקייט! עפּעס מער: ער שלינגט זי איין און זוכט דורך איר פאַרשלונגען צו ווערן...

דאָס מיידל האָט פלינק אַלץ אויפגעכאַפּט, ווי אַ קונצנמאַכער באַ־

ווייזט צו כאַפּן אין האַנט אַלע צוגעוואָרפענע מטבעות. דאָס האָט באַלד אויפגעוויירן אין איר, אַרויסגעזעצט מיט צופרידן־שעמעוודיקער רויטקייט אויפן פּנים און אַרויסגעקראָכן מיט אַן אַלץ־פאַרשטייענדיקער קראַפט פון אַלע אירע באַוועגונגען. ביסלעכווייז האָט פון איר אָנבליק געגומען ווערן אָפּגעווישט יענע נאַיוו־שעלמישע, העלע און קינדיש־נייגעריקע שמייכעלע. איז אויף איר נאָר געבליבן שטיין דאָס איבערגעקינסטלטע לאַבעלע, וועלכעס עס קענען נאָר אַרויפציען די פרויען, ווען זיי ווערן באַוווּנדערט פון אַזויפיל אויגן אויפאַמאָל און ווערן גראָב־אָפּן באַגערט פון זיי... דאָ איז עס נויטיק צו ווויסן, וויכטיק — ווייל מען מוז ביי זיי נאָך שאַרפער מאַכן דאָס געפיל, אָנגעלאָדענער. זי איז גאָרנישט אויסן, זי קלערט אפילו נישט אַזוי ווייט — זי מוז אָבער. זי וויל דערווייל וועקן וואָס מער, זיין ביי וואָס מער אין געדאַנק, ווייזן וואָס מער און צוגרייטן פאַר זיך וואָס מער לעבעו אין גלאַנציקע מענער־אויגן, אין וואָס מער אויגן...

מעבעלע איז געשטאַנען פאַרגאַפט און איינגעפּרעסט צווישן זיינע אייגענע צוויי געפילן ווי אין אייזנס. פון איין זייט האָט זיך אויף זיין נשמה צעלייגט אַזאַ ווייך־זיסער נעפּל, וואָס האָט זיך געצויגן צו איר שטים, צו איר פלאַטערן און יעדע באַוועגונג; צו דעם אַזוי דין־איידעלן, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטון צו אים נאָך דאַן, ביים ערשטן באַגעגענען זיך... אָבער דאָ איצט האָט זי ביסלעכווייז אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יענע געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי ריין געשימערט אין אים. אַן אַנדערע און דאָך די זעלבע; יענע — און דאָך אַ צ וו יי ט ע , אַ פרעמדע! ער זעט ווי זי גייט גאָר איבער אין אַ ניכטערנעם אויסרעכענען יעדן קערפּעראויסבויג אירן, פון יעדן ליפּן־אויסקרום ביים אַרויסברענגען אַ קלאַנג פון זיך... דאָס אַלץ ווערט ביי איר פאַרוואַנדלט אין אַ זאַך, וואָס מען דאַרף שלייפערן אויף עמעצנס צערייצטקייט: זאָלן זיי אַ גלוסט טון, גאַוואַרדיק אַ לעק טון דערפון און דערנאָך נאָך מער ברילן פון דעם מין הונגער אַרויס, וואָס נאָר זאָטע אין ווערק צע קענען אים דערשפּירן... אינסטינקטיוו האָט מעבעלע געזוכט הענעכן מיט די אויגן און ער איז צופרידן געווען, וואָס יענער זעט אים ניט אַט־דאָ, צוזאַמען מיט אַלע... „עס וואָלט אים זיכער ווי געטון" — האָט ער אַ טראַכט געטון, נישט ווויסנדיק אַליין

פּאַרוואָס. ער אַליין וואָלט אים אויך פאַרשטאַרקט די וויטיק מיט זיין שטיין דאָ, ער וואָלט זיך געשעמט פאַר אים; איז בעסער וואָס מ'זעט אים נישט!

און אַ ווילן איז אים באַפאַלן מעכעלען, אַ חשק אַזאַ, צו געפינען ביי זיך אַ שטיק שנאה צו איר. ער מוז זי פיינט האָבן! ער קען אָבער קיין קלאָרס נישט געפינען, אין וואָס די שנאה אָנצולענען. האָט זי שוין אויך צו אים בארוואָרפן אַ פּאַדעם? ער שטייט און עס דוכט זיך אים, אַז ער איז נאָך דער שומר איבער זיך; אפשר העלפט אים אויך דער־צו הענעכס אויגן־גלי, וואָס דערמאָנט זיך פאַרבייציוושוועבן אין חלל. הערט ער אין זיך אויפמאָל אַ זיכערקייט, אַז דאָ איז מיט אים גאָרנישט גע־שען, ממש גאָרנישט!

# קאַפּיטל ניין

## I

אַ נארישער בחור, סוף כל סוף, דער גאַנצער מעכעלע! ער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז אויף זיין אינגעווייניקסטער וועלט קען ער באַפעלן, טון און טראַכטן, ווי אים געפעלט. איז מילא, וואָס אים גלוסט זיך דאָ צו שטיין און שטיין! אָט פרעגט ער אפילו נישט ביי זיין ווילן נאָר טוט אַ צי זיין שכן פרידלאַנדן מיט אַנטשלאָסנקייט:

— קום, מיר וועלן צוריקגיין אין באַראַק אריין!

וואָלט ער זיך וועלן גריבלען טיפער אין זיינע כוונות, וואָלט ער דאָן זיכער געזען, אַז דאָס וויל ער אביסל אונטערנאַרן פרידלאַנדן — יענעמס שאַרפע אויגן זאָלן נישט באַמערקן, ווי ער אַליין איז אויך פאַר־כאַפּט פון דאָזיקן שפּיל... ער קלערט אָבער נישט. מיינט ער עס מיט דער אויבערשטער טייל פון געדאַנק: אַנטלויפן! אוועקגיין, ווייל — די יידישע פינטעלעך דאָ זענען פאַרשפּילן צו עפּעס אַנדערש. די ריינע בענקשאַפט וועט זיך צעגליען, אַנגיסן מיט אומרו און שפּעטער וועט דאָס

זיך איבערגיסן אין די הפקרדיקע שמוציקע כלים פון ווערק צע... ווי אזוי אנדערש קען מען דאָ לעשן פייערן? אביסל האָט ער מורא, טאָמער וועט פרידלאַנד  מ ס כ י ם  ז י י ן  אוועקצוגיין. ער קען אמאָל נישט געפינען דעם כח אין זיך, ער וועט זיך אוועקדרייען פון פרידלאַנדן און דערנאָך צוריקלויפן אהער...

ביי יענעם אָבער בויערן די געדאַנקען נישט אין דער טיף. פון מע־כעלעס צודרינגען ווארפט ער זיך אָפּ שנעל און אנטשלאָסן.

— די שטינקעריי ביי מיר אין פּאַלאַץ וועט מיר נישט אנטלויפן... איז מעכעלע שטילערהייט צופרידן, וואָס ער קען דאָ ווייטער בלייבן, אויף זיין שכנס פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

מאַניעק, דער פּאָליציאַנט און מעכעלעס באַקאַנטער, דערזעט אים פון דער ווייטנס. ער זאָגט עפּעס באַרטמאַנען. באַלד ציען מעכעלען עטלע־כע הענט און זעצן אים אוועק אין מיטן קרענצל. דערזעט זיך מעכעלע פלוצים צווישן פעלדמאַנען און אַ בלייך, דיקלעך מיידל. פון ווייטנס ווייזט אים פרידלאַנד צופרידענע צייכנס. עס טוט אים קענטיק הנאה וואָס זיין חבר און באַראַק-איינוווינער ווערט באַמערקט פון דער לאַגער־שלאַכטע, וואָס זיי פאַרבעטן אים נעבן זיך. מעכעלע פילט זיך אומבאַקוועם און פאַרלוירן. דאָס מיידל, נישט ווייט פון אים, האָט אַ בלייך פנים און אַ צו־פיל געטאָקט נעזל, אזויווי הענט וואָלטן זיך דערביי ספּעציעל באַמיט. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אומהיימלעכע רואיקייט, וואָס האָט זיך ערגעצווו ווינקלדיק באַהאַלטן מיט אַ נישט־איינגעלאָשענעם טרויער...

מענדל רובין, וועלכער איז געזעסן הינטער מעכעלען, האָט אים איינ־געשעפּטשעט אַ סוד: — דאָס איז בלומטשע... איר פאָטער איז געווען אַ באַ־קאַנטער דרוק־אַרבעטער אין וואַרשע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך זכרו־נות און שטאַרק טעטיק געווען אין דער בונדישער באַוועגונג... זי איז אַ ווייל מיידל די בלומטשע און אַ באַוווסטזיניקע. זי שווייגט אַ סך — ס׳איז אָבער דאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן...

ביים מיידל איז דאָס קליינע, איידעלע פנימל ווי פאַרלוירן געגאַנ־גען אינעם בערגל האָר, וואָס האָט עס אַרומגעזיימט. אירע ליפּן זענען גע־ווען קליינע און אויסגעטאָקטע. צוליב דער נישט־געקנייטשטער גלייכקייט

האָט די אונטערשטע ליפּ אפילו אָפּגעגלאַנצט אַביסל, ווי זי וואָלט געוועז פּעט אָנגעשמירט. ווען זי האָט אַ קליינעם שמייכל געגעבן — האָבן זיי זיך מער אַרויסגעזעז און די אונטערשטע ליפּ האָט זיך גרימאַסיק־ווייך אַ בויג געטון אַרויסצו. זי האָט נייגעריק אַ לעק געטון די לופט אויסערן מויל און באַלד זיך נאָך מער איינגעצויגן. דאָס מיידל האָט געקוקט כּסדר אויף דער, וואָס האָט נאָר־וואָס געזונגען. דערמיט האָט זי אַזוי ווי געוואָלט ווייזן, אַז דאָס זיצט זי נישט דאָ, צוליב דעם וואָס זי וויל זיך ווייזן; איר אַליין איז אומעטום טרויעריק. דאָס איז זי נאָר געקומען אַהער צוליב יענער, וועלכע איז אירס אַ נאָענטע נאָך פון וואַרשע. איצט האָבן זיי זיך דאָ באַגעגנט — איז אַ שאָד נישט צו זיין מיט איר אין אַ פרייעם אָוונט.

פעלדמאַן האָט זיך צוגעזעצט גאָר נאָענט צו בלומטשען און גענומען אַריינרעדן אין איר אָן אַן אויפהער. זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע, אַ צעטראָגענע, אַוועקקוקנדיק כּסדר אין דער אַנדערער זייט. עס איז נישט קלאָר געווען, אויב זי הערט אפילו איין וואָרט וואָס ער זאָגט. דער קאָכעדיקער, שטענדיק אַרומלויפנדיקער פעלדמאַן איז אָבער ווי צוגעזאָטן געוואָרן צום אָרט. ער האָט זי באַשיט מיט רייד, געשריגן, זיך פאַרענטפערט אויף עפּעס, געפייערט — פונקט ווי ער וואָלט וועלן אַז אַ שטיק פון זיין היציקייט און אויפבראויז זאָל אַריין אין איר שטילן געמיט, דאָרט פאַרזונקען ווערן און אויך זי אויפרודערן...

ס'איז אויך נישט קלאָר געווען אויב ער זוכט דאָ איצט אין איר בלויז די פרוי, אָדער ער זעט אויך אין איר די יעניקע, וואָס איז געבוירן און דערצויגן אין די זעלבע קרייזן פאַר וועלכע ער, פעלדמאַן, האָט אַוועקגעגעבן אַזויפיל יאָרן... אפשר זוכט ער גאָר ביי איר אַ תּיקון פאַר זיין קאָמענדאַנטישקייט, פאַר זיין פּאָליציייאישער שלעגעריי? און טאָמער וויל ער זי גאָר אַריינציען אין זיין איצטיקער וועלט אַריין, איבעראַרבעטן און איבערמאַכן אויף זיין שטייגער?

ווי פון אונטער דער ערד איז נעבן מעבעלען אויסגעוואַקסן פרידלאַנד און אים אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער אין געהער אַריין:

— זעסט? אָט פּיקט זיך אויס אַ נייע קוזינקע פאַר פעלדמאַנען...

דאָ ווערט מען גאָר שנעל קרובים, בפרט ווען מ׳איז פון דער זעלבער אַמאָליקער פּאַרטיי...

און נאָכן אומקוקן זיך אויב קיינער הערט נישט אונטער, האָט ער צוגעגעבן:

— זעסט ווי זי שווייגט? זי הערט גאָרנישט, האָ? אָבער זי וועט שוין באַשטיין, זי איז שוין איינגעגאַנגען דערויף פון דער ערשטער מינוט... כ׳קען זיך אויף פּנימער, איך...

פעלדמאַן האָט דאָרט דערוויל גערעדט און גערעדט. בלומטשע האָט זיך גענומען איינהערן וואָס ער זאָגט, נישט זיכער־זייענדיק ביי זיך, אויב זי דאַרף הערן אַלץ, אָדער ארויסכאַפּן געציילטע ווערטער זיינע. דערפאַר האָט זיך פעלדמאַן אויך אַמאָל צעשמייכלט, אפילו אָנגענומען איר האַנט און לייכט זיך געשפּילט מיט איר.

דער זון איז דערוויל נמאס געוואָרן צו האַלטן וואַך איבער די קעפּ פון דער עדה און זי האָט די ערשטע גענומען זיך ציען צו איר ביינאַכטיקער היים. די לאַנגע שאָטנס פון די ביימער האָבן זיך גענומען אויסטאַפּן און אויסבעטן ווייכע געלעגערס אויפן גראָז. באַלד זענען זיי ליגן געבליבן און אויסגעברייטערט זיך, צוזאַמענגעגאָסן זיך איינער מיט דעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן דאָ געפּראַוועט אַ ליבעס־אָרגיע אויף דעם שויס פון דער אָנרוקנדיקער נאַכט...

פון דער ווייטנס האָט זיך גענומען טראָגן דאָס קול פון ווייזנבערגן, דעם קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי. עפּעס איז אים צו־לייִדיק געווען אין לאַגער און אַ סך פּאָליציאַנטן האָט ער דאָרט נישט אָנגעטראָפן. ער האָט דערפאַר געדונערט פון ווי־ווייט, זוכנדיק זיין שטעלפאַרטרעטער:

— פעלדמאַן!!! צו אַלדע רוחות, ווו ביסטו, פעלדמאַן!?

פעלדמאַן האָט זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט. זיין האַנט האָט מעכאַניש דערטאַפּט דאָס אויפגעהאַנגענע היטל — האָט ער עס מיט געווײנטער חשיבות ארויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ. ער האָט אויך ארויסגעצויגן זיין גומענעם שטעקן און זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. ארום אים איז געוואָרן אַ טומל. די מענטשן האָבן זיך גענומען אָוועקשאַרן אין אַלע זייטן. פעלדמאַן האָט זיך נאָך אין עפּעס דערמאָנט. נאָכן אָפּגיין אַ פּאָר

צעחושטע טריט האָט ער זיך אומגעקערט צו בלומטשען און זיך איילנ־דיק צעשמייכלט, ווי אַ זאַך, וואָס מען מוז מאַכן וואָס שנעלער און אַ זאָג געטון:

— נאָכן אַריינטרייבן די סטאַדע אין די באַראַקן האָב איך מער צייט. קענסט צוקומען ווען דו ווילסט. קיינער וועט דיר גאָרנישט זאָגן. מיר וועלן דאַן קענען לענגער אַ שמועס טון...

די פּאָליציאַנטן זענען אויפגעשטאַנען פויל פון די ערטער, אַ צע־פּלויש געטון מיט די שטיוול און זיך צעשריגן סתם אין דער וועלט אַריין:

— שנעלער, צו אַלדע רוחות! אין די באַראַקן אַריין!...

ווערק צע האָט זיך צוריק אויפגעוועקט צום לעצטן, משוגענעם גע־רודער פון טאָג.

## II

די מענטשן זענען נישט אַלע אַנטלאָפן. נאָך דעם ,ווי דער פּחד האָט אָפּגעשוימט די גרעסערע צאָל הילפלאָזע, וועמען די שרעק האָט אַוועקגעטראָגן ווי אַ ווינט, איז געבליבן אַ קליינע גרופּע וועלכע האָט לאַנגזאַם און מיושבדיק געשפּרייזט צו די באַראַקן זייערע. יעדער פון זיי האָט דאָ געפונען עפּעס נייעס, פון וועלכן ס'איז זיך שווער געווען צו שיידן און מען מוז עס אויספאָרשן אַזוי געניי, אַרויסנעמען דערפון דאָס געפונענע, עס זאָל מער נישט פאַרלוירן גיין אויף ווייטער.

מעכעלע האָט זיך מיטגעשאַרט מיט דער גרופּקע, צווישן וועלכער עס האָט זיך אויך געפונען זי, פּרעדזשע, די הויפּט־זינגערין. מענדל רו־בין, וועלכער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער פּאָליציי, האָט פאַר־האַלטן די פּאָר מענטשן:

— קינדער, מיר איז עפּעס איינגעפאַלן. מען קען דאָך מאַכן אַזעל־כע אָוונטן אין לאַגער! נישט קיין קאָנצערטן, ווי ז יי .האָבן עס אָנומלטן געמאַכט, נאָר אויף אונדזערס אַ ליטעראַרישן שטייגער, אין אַ היימישן קרייז... אוי, ווי גוט דאָס וואָלט געווען! מיר האָבן דאָ אַביסל

מענטשן מיט אינטעליגענץ, וואָס קענען האַלטן אַ פּען אין דער האַנט — טאָ פאַרוואָס זאָל מען עס נישט מאַכן?

מענדל האָט זיך געפילט אַביסל תקיפער ווי אַנדערע. ער איז גע־ווען דער שלאָסער ביים מעכטיקן דייטשן מייסטער קאַראַסטאַ . אין ווערקשטעל און געשטאַנען אונטער זיין שוץ. אַ פלינקער צו אַלערליי מסחרים האָט ער געהאַט וואַזשנע פאַרבינדונגען מיטן דרויסן און אויך די קאָמענדאַנטן האָבן געדאַרפט אַמאָל זיין טובה. האָט ער געקענט רעדן און מאַכן פּלענער. אַלע אַנדערע האָבן געשוויגן. ער האָט זיך באַלד גע־כאַפּט, אַז די אַנדערע האָבן מורא און דערפאַר נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן:

— איך נעם עס אויף זיך...

ער האָט אָפּגעלאָזט די פּאָר באַגלייטער זיינע און זיך אַ לאָז געטון נאָך בּאַרטמאַנען און נאָך עטלעכע פּאָליציי־לייט. ער האָט דערביי אַ צי געטון פּרעדזשען ביי דער האַנט:

— קום מיט מיר... מיר דאַרפן עפּעס שמועסן...

פּרעדזשע, וועלכע האָט אין גערודער פאַרלוירן די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט, וואָס די מענטשן האָבן געהאַט צו איר, האָט צופרידן אַ שמייכל געטון, וואָס מען נעמט זי מיט צום מיישב זיין זיך וועגן פּלע־נער וואָס נאָר שטאַרקע אין לאַגער קענען דערפון טראַכטן. זי האָט זיך געלאָזט מיטגיין נאָך מענדלען.

מענדל האָט אָנגעכאַפּט באַרטמאַנען און יענער האָט צוגערופן נאָך אַ פּאָר מענטשן און זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט דיסקוטירן אין אַ זייט. פּרעדזשע איז דערביי געשטאַנען אין מיטן, געטומלט און געמאַכט מיט די הענט. ווען מעכעלע מיט פרידלאַנדן זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן אים אַלע נאָכגעקוקט. פון אַ זייט האָט אים אַ ברי געטון פּרעדזשעס בליק. ער האָט נאָר געהערט ווי זי גיט דאָרט האַסטיק אַ זאָג אַריין אין קרענצל אַריין:

— א י ם קען איך דאָך... ער אַרבעט ביי מיר אין דער האַלע און איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיר וועגן דעם...

מעכעלע האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס רעדט מען וועגן אים, אַז דאָס גיט זי עפּעס אָנדייטונגען וועגן איר קאַנטשאַפט מיט אים, וועגן אַ

מיסיע צו אים, וואָס זי נעמט אויף זיך. וואָס אַזעלכעס? דאָס קען ער נישט כאַפּן תיכּף... דאָס האַרץ האָט זיך געגומען ביי אים וואַרפּן אַזוי מאָדנע פריידיק און דערשראָקן: זי האָט אים דערזען! זי רעדט פון אים! אַ ציטער אַזאַ האָט אים געמישט די געדאַנקען אין קאָפּ מיט אַ שנעלקייט פון אַ ווינט איבער די בלעטער פון אַ בוך. פרידלאַנד האָט אים אָבער נישט געלאָזט איינזינקען אין די הורויות אַריין. ער האָט אים גענומען שטורכען אין זייט אַריין:

— דו, שלימזל איינער, זעסט נישט ווי אַזוי דאָ פּיקט זיך עפּעס אַרויס? אַז מען ווערט נאָענט מיט ד י לייט — קומט זיכער קיין רעה נישט אַרויס דערפון... איך זע אַז זיי האָבן דיך אויך אין זינען... זע זאָלסט כאָטש האָבן עפּעס דערפון...

מעכעלע האָט עפּעס אַרויסגעבורטשעט, אָבער פרידלאַנד האָט עס מער נישט געהערט. ער האָט זיך אַ טראָג געגעבן אין יענער זייט אַריין און מעכעלע איז זיך געגאַנגען ווייטער. די פּאָליציי איז דערווייל אַרומגעלאָפן ווי משוגעים. ווייזנבערג איז געווען צערייצט און געקלאַפּט מיטן שטעקן איבער די קעפּ:

— קאָנצערטן האָט זיך זיי פאַרגלוסט אונטערן פרייעם הימל... הורנזון אַזעלכע! איך וועל אייך געבן אַזוי, אַז עס וועט שוין פייפן ביי יעדן איינעם באַזונדער אין מח אַ גאַנצער אָרקעסטער!

אויך יענע קליינע גרופּע פון „בעסערע״ לייט האָט זיך שנעל אויפגעלייזט, צעקראָכן געוואָרן. מעכעלע האָט נאָר באַוויזן צו זען, ווי אין מיטן געאייל כאַפּט פרידלאַנד אָן פרעדזשען ביי דער האַנט, בייזערט זיך און ווערט צוריק ווייך. דאָס וויל ער זי אין עפּעס איבערצייגן. צווישן איין שטיק טומל און צווייטן טראָגן זיך דערווייל צו עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער ביז מעכעלעס אויערן:

— איין מינוט בלויז... וויכטיק, פראָשען פּאַניאַן, אַ לעבנספראַגע...

זי וויל זיך אָפּהאַלטן, אָפּענטפערן שנעל און אַוועק. פרידלאַנד אָבער קאָכט זיך, שרייט און פאַרשיט זי מיט אַ מבול ווערטער; אַ געמיש פון יידיש, פּויליש און אוקראַיניש. דאָס מיידל ווערט באַצוואונגען

פון זיין ענערגיע און הערט מיט קאָפּ, פאַרטראַכט זיך. מעבעלען ווערט קלאָר, אַז פרידלאַנד האָט זיך שוין דאָ אַריינגעפלאָנטערט מיט זיין בח־הדיבור און וועט שוין דאָ צוזאַמענפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט...

דער דראַנג פון די געטריבענע מענטשן האָט אָבער מעבעלען גע־שטויסן ווייטער, ביז אין זיין באַראַק אַריין.

הענעך איז נאָך אַלץ געלעגן מיט אָפענע אויגן צום סופיט און יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט ער אַדורכגעשטאָכן מיטן בליק. ווען מעבעלע האָט זיך נעבן אים פאַרבייגעגליטשט, בכדי אַרויפצוקריכן אויף זיין קויקע, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס צאָרנט ער בעיקר אויף אים. ער האָט נאָר נישט געוואָלט זיך אַליין מודה זיין, אַז ער ווייסט פאַרוואָס.

### III

צומאָרגנס איז מעבעלע אויפגעשטאַנען מיט אַן אַנדער געפיל ווי שטענדיק. שפּעט ביינאַכט זענען געווען ביי אים באַרטמאַן מיט מאַ־ניעקן און אים אָנגעזאָגט, אַז נאָך אַ פּאָר טעג וועט ער זיין אין פאַב־ריק. שפּעטער זענען פאַראַן אויסזיכטן, אים אַריבערצוואַרפן צו אַן אַנ־דער אַרבעט. ער וועט דערביי קיינעמס פּלאַץ נישט דאַרפן פאַרנעמען. אָפּגעזאָגט — זענען זיי דערנאָך אַרויס מיט סודותדיקע מינעס.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ גאָלדענער, אַ ליכטיקער. די אַרבעט אין דער האַלע איז דאָס מאָל געווען לייכטער און מעבעלען איז דער טאָג געווען מזלדיק. כראַפּיצקי האָט אים געברענגט אַ גרויסן עפּל און צוויי טאָמאַטן. אַ שייגעץ פון צווייטן טיש, וועמען מעבעלע האָט נעכטן צוגעהאָלפן אַריבערשלעפּן אַ משאַ אין קאָרידאָר אַריין, האָט אים גע־ברענגט אַ שטיק ברויט און מעבעלען איז טרויעריק געוואָרן. די נעכטיקע טעג געדענקען זיך נישט און לויטן · ה יי נ ט , ווייזט אויס, אַז די לאַגע פאַר אים דאָ בעסערט זיך. ווייסט ער? אפשר איז שוין כדאַי זיך דאָ צו האַלטן? ווייסט ער דען ווי אַזוי אויף די לייכטערע ערטער קען עס אויסזען? ביסלעכווייז ווערט מעבעלען אַזוי ווי אַ שאָד אוועקצוגיין פון האַלע 58. עס נעמט אים זיך דוכטן, אַז די גראַנאַטן וועגן גאָרנישט אַזוי שווער און אויב מען הונגערט נאָר נישט — הייבן זיי זיך אַזוי ווי

אליין... די הענט ברעכן שוין נישט אזוי און זענען כמעט צוגעווינט געוואָרן... ניין, עס איז נישט כדאי צו זוכן אַ צווייטן פּלאַץ! ער אָבער, באַשטימט דאָ גאָרנישט װעגן זיין גורל. קען זיין, אַז היינט אַרבעט ער שוין דאָ דאָס לעצטע מאָל. ער האָט זיך שוין איינגעלעבט מיט דער אַט־מאָספערע. קען זיין, אַז ער וועט שוין גאָר רייסן זיך צוריק, צו כראָ־פּיצקין, צו די אַנדערע גראָב־רציחהדיקע פּנימער, וועמען ער קען שוין מער און ס'איז אים לייכטער זיי צו קוקן אין די אויגן אַריין...

דאָס איז שוין געוואָרן אַ טייל פון זיין טאָג, זיך איינגעוועבט אין זיין געדאַנק אַריין. מאָרגן וועט ער זיך אפשר אויפסניי מוזן צופּאַסן צו אַ נייער סביבה; ווידער: רייד, אויספאָרשונגען, אומצוטרוי, געשלעג, הונגער...

פון יענער זייט האַלט קוקן אויף מעבלען אַלעמאָל אַ פּאָר פּאַר־גנבעטע אויגן. מעבלע באַגעגנט זיך אָן מיט זיי. ס'איז פּרעדזשע. זי אַרבעט ווייט פון מעבלעס טיש. זי אָבסערווירט אים אפשר דאָס ערשטע מאָל. ס'איז אויך מעגלעך, אַז בלויז היינט האָט ער עס דערזען. וואָס קען ער וויסן? אָבער איר צוואַרפן אים פונקען וואָרעמקייט מיט די אויגן צענעמט מעבלען, מאַכט אים פּלוצים די גאַנצע האַלע נענטער, ציען־דיק און היימיש... אָט האָסטו דיר! פונקט דאַן, ווען עס מאַכן זיך אוים־זיכטן פּטור צו ווערן פון טראַטיל. ער וויל זיך קיין רעכענונג פון דעם נישט אָפּגעבן, ער ווייסט בלויז איצט, אַז ער איז דאָ צוגעבונדן. אין האַרץ ווערט אים ענג, ביז צום וויינען. עס שטיקט אים אַ שאָד, אַ באַדויער צו זיך אַליין... פון יענער זייט יאָגט עס אויף אים מיט אַזעל־כע נישט־דערזאָגטע צוזאָגן, מיט אַ געבעט, וואָס ער קען דערפון גאָר־נישט פאַרשטיין. ער קען נאָר אַרויסנעמען פון דער אומקלאָרקייט אַזאַ שוועבנדיק וויסן, אַז ער קען דאָ געפינען אַזאַ גלעטנדיקס, וואַרעמס — פון וועלכן די טעג וועלן ביי אים אָנהייבן גיין אַנדערש... ס'וואָלט אים אפילו גוט געווען, נאָר ער וועט מוזן אַוועק דערפון! די טעג וועלן נאָכדעם אַוועק מרה־שחורההדיקער, פּוסטער און אַזאַ ציעניש וועט פון זיי אַרויסנאָגן דאָס לעצטע...

ער וויל עס נישט זען, נישט דערקענען, אָבער ער ווייסט, אַז דאָ

קען ער אַלע מאָל אַ וואָרף טון די אויגן, ווען ער וועט וועלן, און ס׳וועט אים פּולער ווערן, היימישער, אַזוי גוט... מ׳קען עס קיינעם נישט זאָגן, קיינער וועט עס אפילו נישט פאַרשטיין: אַ משוגעת פון אַ יונג! זיין צוגעבונדן צו דער האַלע 58! אָבער אַרויסרעדן פאַר עמיצן מוז ער עס. אַמבעסטן קען עס פאַרשטיין כראַפּיצקי. כאָטש מעכעלע וועט אים נישט זאָגן פאַרוואָס. ער וויל נאָר סתם אַזוי אַ זאָג טון:

— דו ווייסט, פּאַניע כראַפּיצקי, זיי ווילן מיך אַרויסנעמען פון דער האַלע צו אַן אַנדער אַרבעט.

כראַפּיצקי ווערט נישט איבעראַשט דערפון. דאָך טוט עס אים באַנג:

— אַט זעסטו, דאָס איז נישט גוט. דאָ האָסטו זיך שוין צוגעפּאַסט צו די מענטשן. דו אַרבעטסט — אָבער האָסט דערביי אַן איבעריק שטיקל ברויט, אַ ביסל עסן... און דאָרט, ווייסט דער טייוול, וועלכע סוואָלאַ־טשעס דו וועסט אָנטרעפן...

באַלד ווערט ער גאָר טרויעריק:

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת! ס׳איז מיר אַליין אויך אַ שאָד. אַט שטייען מיר צוזאַמען, קיינמאָל נישט געהאַט צווישן זיך קיין קריגעריי. מען פאַרטרייבט די צייט מיט אַ קלוג וואָרט, מיט אַ שמועס און זעסט אפילו נישט, אַז דער טאָג גייט אַוועק... און אַזוי — זאָל עס דער טייוול נעמען!

מעכעלע ווערט גערירט פון כראַפּיצקיס צוגעבונדנקייט צו אים. ווערט אים שוין באַנג צוליב דעם אויך: אַ מענטש, סוף כל סוף! טאַקע זיך איינגעלעבט מיט אים, קיין עוולות פון אים נישט געהאַט... וויל ער זיך פאַר אים פאַרענטפערן, גלייך ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרראַט:

— איר ווייסט דאָך, מיט יידן קען מען מאַכן וואָס מען וויל... באַפעלט מען אַוועקצוגיין — העלפט נישט קיין קונצן. אַנדערע האָבן די דעה איבער דיר...

ביי כראַפּיצקין זענען שוין אָבער געקומען די בלוטן אין פּנים אַריין:

— הער, מיר וועלן בעטן זשעלינסקין, ער זאָל עס נישט דערלאָזן.

די גאַנצע האַלע וועט בעטן פאַר דיר. אַלע ווילן, דו זאָלסט דאָ אַרבעטן. טאָ זאָלן זיי זיך דאָרט זוכן אַנדערע פריערס. כ׳וועל עס פאַרנאַכט דער-ציילן זשעלינסקין...

מעכבעלען רירט כראַפּיצקיס פּינטעלע מענטשלעכקייט, דאָס וואָס ער וויל זיך פאַר אים איינשטעלן. אָט האָט זיך דאָס ברעקל נישט-גלייכע חברשאַפט אַדורכגעשלאָגן דורך דער וואַנט: י י ד ־ ג ו י ; ווי אַזוי זשע קען ער אים זאָגן, אַז דאָס ווילן אים בלויז די חברים זיינע אויסבעסערן, אַ טובה טון?! בעט ער זיך שוין ביי אים:

— ניין, עס איז נאָך נישט זיכער... אפשר איז עס נאָר סתם אַזוי געזאָגט? מען דאַרף נישט מאַכן דערפון קיין וועזן, איידער עפּעס...

און אַלע שמועסן איבערן טאָג דרייען זיך שוין אַרום דעם, ווי מען לאָזט דאָ נישט קיין ברעקל רו, אפילו נישט ביי דער שווערסטער אַר-בעט... כראַפּיצקי לאָזט נישט אָפּ:

— אפילו ווען זיי וועלן דיך אַוועקשלעפּן אויף אַן אַנדער האַלע, וועלן מיר דיך צוריק ברענגען. דו טו אונדז נאָר צוּוויסן. זיי קענען זיך נעמען יידן, וויפל זיי ווילן — ביי אונדז אין דער האַלע וועסטו אָבער פעלן...

און ביים ענדיקן די נאָרמע, ווען מען האָט אַ געשריי געטון: פייער-אָבנד! האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און צוגערופן אויף סטאַכן:

— דו הערסט? מען וויל אים אַרויסנעמען פון אונדזער האַלע.

ביי סטאַכן איז עס פּשוטער:

— לאָז זיך נישט, מאַשקאָ! דאָ ביי אונדז איז בעסער, היימישער... אָבער כראַפּיצקי זידלט אים אויס:

— וואָס דרייסטו אַ ספּאָדעק? צו אַ ייד טענהט ער: לאָז זיך נישט... ער האָט דען אַ דעה? מיר דאַרפן נישט דערלאָזן!

און ווען ער איז שוין אַוועק אָפּטראָגן זיין פּאַפּירן פאַרטוך, האָט ער נאָך צוגעוואָרפן אַ וואָרט:

— טאָמער נעמט מען דיך אַוועק — זיי מודיע... מיר וועלן עס שוין דערליידיקן!

און מעבעלע האָט דערזען, אַז ער האָט נאָך דאָ אַ פריינט, וועלכן ער האָט נישט אָפּגעשאַצט און נישט געטראַכט פון אים אַלס אַזעלכן...

ביים אַרויסגיין פון דער טיר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער כאָפּטע שיקסעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו זיין די ערשטע אין דרויסן. ער האָט אַדורכגעלאָזט אַלעמען, נישט וועלנדיק אַרויסרופן קיין צאָרן, דערפאַר וואָס ער שפּאַרט זיך פריער. דאָס איז שוין צופיל בכדי עס מוחל צו זיין אַ ייד. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט, ווי שטענדיק אין אַ ווינקל. ווען די לעצטע איז אַרויס, האָט ער אויך דערזען גוטשען און דאָס צווייטע מיידל. אַן אומרו האָט אים געוועקט זיך אומצוקוקן. הינטער אים איז געשטאַנען פּרעדזשע. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן. מעבעלע האָט געוואָלט לויפן ווייטער, אָבער זי האָט אים פאַרהאַלטן מיט דער האַנט:

— ווען איר ווייסט ווי בייז איך בין אויף אייך!...

מעבעלע האָט אַרויסגעשטאַמלט אַ צעטומלטער:

— בייז אויף מיר? פאַרוואָס?

זי האָט שוין געהאַט איר לאַנג־צוגעגרייטע דרייסטקייט, האָט זי אים קודם אַ צי געטון ביים אַרבל, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און אַ זאָג גע־טון:

— נו, מיר מוזן צוערשט גיין ווייטער. ביז צו דער ריי וועלן מיר נאָך געננוג צייט האָבן צו רעדן. מיר גייען דאָך אין דער זעלבער ריי צום לאַגער.

די מענטשן פון די אַנדערע האַלעס האָבן זיך נאָך נישט פאַרטיק געמאַכט. עס איז אויסגעקומען צו וואַרטן. זענען זיי געשטאַנען און מע־בעלען איז געוואָרן אומהיימלעך דאָס אייגענע שווייגן. פּרעדזשען איז עס נאָך שווערער געוואָרן:

— אַ מאָדנער מענטש איר זענט! איר וואָלט געקענט אָפּשווייגן אייער גאַנץ לעבן, ווען מען זאָל אייך לאָזן...

מעבעלע האָט לאַקאָניש געשמייכלט:

— עס וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי קרום...

זי האָט אָבער דערמיט געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש. האָט זי דער־

פאַר אויסגעמיטן זיין ענטפער, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געזאָגט און האָט זיך גענומען קאַפּריזנע בעסן און הנדלען:

— און איך בין בייז אויף אייך! אַ מענטש אַרבעט שוין מיט מיר צוזאַמען פינף וואָכן און דערציילט מיר גאָרנישט!

מעכעלע האָט זי אָנגעקוקט מיט שטוינונג:

— וואָס האָב איך אייך דען צו דערציילן?

פּרעדזשאַ לאַכט:

— איר געדענקט דעם ערשטן טאָג דאָ? איר האָט מיר אַ וואָרף געטון אַ וואָרט: היסטערישע יידענע! דאַן האָט מען אייך צעשלאָגן און אוועקגענומען צו אַן אַנדער טיש. אָבער איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז כ'האָב ליב, איך גיי אויס נאָך אַ יידיש וואָרט... און איר האָט מיר גאָרנישט געלאָזט וויסן, אַז איר שרייבט דאָ אין לאַגער! באַרטמאַן האָט אונדז נעכטן דערציילט, אַז איר האָט אים שוין געגעבן עטלעכע זאַכן צו באַהאַלטן... נו, פרעג איך אייך: איר אַרבעט שוין מיט מיר צוזאַמען אַ פּאָר וואָכן, איך בענק מיט עמיצן אַרויסצורעדן איבערן טאָג אַ לייטיש וואָרט — האָט איר זיך אויסגעזוכט אייערע גויים גאָר! מיינט איר, אַז איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט?

זי איז רויט געוואָרן. אירע פאַרנאַשטע ליפּן האָבן געציטערט. מעכעלע האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטון, אַבי עס זאָל הייסן אַז ער רעדט:

— איר פאַרשטייט, איך בין א י ן צ ו ו י י ט ן ב אַ ר אַ ק, מען זעט זיך דאָרט אָן אַזויפיל, אַז שפּעטער גלוסט זיך שוין גאָר־נישט...

זי האָט אַ לייכטן ציטער געטון:

— אין צווייטן באַראַק?

מעכעלע האָט אַרויסגעכאַפּט פון איר טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט פאַרזען. זי האָט פון זיינע ווערטער אַרויסגעהערט אַן ענטפער, אַ קלאָרן תירוץ און דערשפּירט וואָס אים ליגט אויפן האַרץ: דער צווייטער באַראַק! א י ר דאַרף מען נישט זאָגן, וואָס מען קען אונטער דעם באַהאַלטן... עס האָט אים באַנג געטון, פאַרוואָס ער האָט ביי איר

א ריר געטון א װונד, װעלכערס װײטיק ער קען נאָך אַלץ נישט אויף קלאָר. א להכעיסדיק געפיל האָט זיך אָבער געריצט, געריסן זיך ביי אים, ער זאָל איר װײטער שיטן, מיט פּראָװאָצירנדיקער נײַגעריקײט, זאָלץ אויף די װונדן און זען, װי אַזוי דער געשריי װעט אַרויסקומען... נישט בלויז נײַגער; עס איז אויך געװען זײַן באַהאַלטענע נקמה פאַרן אויפװעקן אים פון לעטאַרגיע און אים אפשר דערפירן צו נײַע ליידן דורך נישט־גרייכבאַרער בענקשאַפט... טאַקע אָט דאָס פּינטעלע בײַזװיליקײט האָט אים געשטויסן זיך רייצן מיט איר, אפילו רעדן װײטער מיט א רו־איקן טאָן:

— יאָ, אין צװייטן באַראַק! כ'האָב אײַך אַפילו אײנמאָל דאָרט גע־זען בײַנאַכט... צופעליק האָב איך זיך דאַן אויפגעכאַפּט. זײַן בעטל איז קעגנאיבער מײַנעם — האָב איך נישט געהאַט קיין עצה. איך האָב נישט געװאָלט און דאָך האָט עס מיך געצויגן צו זען און הערן...

דאָס גאַנצע בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַרײַן, װי מעכעלע װאָלט זי איצט אויסגעפּאַטשט פון אַלע זײַטן. א מינוט האָט זיך מע־כעלען אויסגעדוכט, אַז דאָס האָט ער זי איצט שרעקלעך באַליידיקט, אַזוי אַז ער װעט עס שוין מער נישט קענען צוריקמאַכן... געמיינט האָט ער, אַז זי װעט זיך אויף אים א װאָרף טון, זידלען, שרײַען — װי אײנעם װאָס האָט זיך אַרײַנגעגנבעט צום צװייטן אין א חדר מיוחד און אַרײַנ־געקוקט אין זײַנע נאַקעטע סודות. זי איז אָבער גיכער געניױגט געװען צום געקרענקטן װײנען:

— אַזױ! ? האָט איר, הייסט עס, מורא געהאַט צו רעדן מיט א פרוי, װעמען א דאַרער, אָפּגעריסענער סקעלעט אַפילו טרײַבט אַזוי פון זיך, װי א געשפּענסט פון דער נאַכט, האַ? שעמט אײַך נישט אויסצוזאָגן, אַז דאָס האָט אויף אײַך געװירקט... אידיאָט!

מעכעלע האָט געשװיגן. אים האָט זיך אויסגעװיזן, אַז ער האָט באַ־קומען א שפּײַ אין פּנים, װעלכן ער האָט פאַרדינט. זי האָט זיך אָבער מאָמענטאַל דערשראָקן פאַר דעם אײגענעם װאָרט. מיטן אַרויסװאַרפן דעם „אידיאָט!" פון זיך האָט זי אויסגעלאָדן די גאַנצע, איבער־ראַשטע באַליידיקונג. איר פּנים האָט צוריק אָנגענומען די געװענ־

לעבע רואיקע פארבן און זי האָט זיך געגרייט עפּעס אויסצובעסערן...

פון דער ווייטנס האָבן זיך גענומען שיטן די מענטשן פון זייער האַלעם־גרופּע, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַדאַרפט צוזאַמענשליסן. זי האָט עס דערפאַר גענומען מאַכן שנעלער:

— נו יאָ, איר ווייסט דאָך גאָרנישט... איז גוט: מיר וועלן זיך אויפזוכן אין לאַגער. איך וועל אייך אַלץ דערציילן. דערמיט וועט איר זיין דער ערשטער, וואָס וועט עס הערן פון מיין מויל. אָבער — א י ר זאָלט אויך עפּעס זאָגן! אייער שווייגן ווירקט שרעקלעך דענערווירנ־דיק. מיר וועלן זיך אוועקזעצן און — מיר איז שוין אַלץ איינס! וועל איך אייך אַלץ איבערגעבן. מעגלעך אַז איך וועל פריער בעטן באַרט־מאַנען, ער זאָל מיך לאָזן אַ בליק טון אין אייערע מאַנוסקריפּטן; אפשר וועט עס מיך אַ צי טון, באַגייסטערן... און כ'וועל אייך אומדירעקט באַקענען אַביסל טיפער. דאַן וועל איך מיט אַ לייכט האַרץ זיך קענען פאַר אייך פאַרטרויען... א י ך וועל שוין דערקענען, אויב איר זענט מסוגל מיך צו פאַרשטיין... אַלזאָ, צום ווידערזען!

זי איז שנעל אַריינגעוואַקסן אין דער מיידלעך-ריי און מעכעלע האָט זי פון דער מענער־ריי כסדר אָבסערווירט. זי האָט דעם גאַנצן וועג זיך געוויצלט און געשפּאַסט מיט די חברטעס אין ריי און מיטן נאַרי־שעוואַטן פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיי געפירט. איצט האָט אָבער מעכעלע געוווסט, אַז דאָס וויל זי דערמיט פאַרדעקן אַ שטיק פון איר לעבן, וועל־כעס זי וויל מער נישט דערקענען און נישט דערהערן עס נאָענט פון זיך...

# קאַפּיטל צען

## I

אין וואַרשע איז הענעך געווען אַ פריילעכער, לעבעדיקער חברה־מאַן. זיין ספּעציפישער הומאָר און לוסטיקייט האָבן אים באַליבט גע־מאַכט ביי דער יוגנט פון די וואַרשעווער בונדישע קרייזלעך. עס איז

נישט געווען קיין איין אָוונט ביי זיי; אַ קולטורעלע אָדער חבריש־פּאַר־ווײַלערישע אונטערנעמונג, ווו אויך הענעך זאָל נישט אַרײַנבריינגען זיין חלק לעבן און שפּיל אַריין. אמת, עס זענען געווען טעג, לאַנגע טעג, וואָס זענען באַשלאָגן געוואָרן מיט גרויער נויט. איז ער דאַן געווען אײַ־מעטיק און פאַרצאָגט גלייך מיט אַלעמען. עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין זאָרגלאָזע מאָמענטן פון ליבע, פרייליכקייט און פאַרגעסנ־קייט. דאַן האָט מען שוין געוווסט אין יענע קרייזן, אַז באַלד וועט דאָ זיין אויך ער, הענעך...

אויך אין דעם אָרעמען הינטער־לייב פון יידישן וואַרשע זענען אויסגעוואקסן קינדער מיט מוסקולירט־פולע קערפּערס און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט בערלירט צווישן רויטע ליפּן און געזונטע ציין. האָבן זיי געפּאָדערט און געזוכט זייער חלק לעבן צו באַקומען. האָט מען אויס־געשטרעקט געזונטע, אויסגעהאָרעוועטע הענט און געשעפּט פון יונגן כח, וויפל עס האָט געלאָזט זיך נעמען. אמת, אין אַ טייל פאַרנאַכטן איז מען געזעסן און באַטראַכט פאַרשידענע, האַרבע פּראָבלעמען פון אַרבעט, אַרבעטסלאָזיקייט און משפחה־זאָרג. דאַן זענען די פּנימער גרויער גע־וואָרן, אָנגעשטרענגטער. באַלד אָבער האָט די זון אַ זינג געטון אין פּנים אַריין; האָט אויפגעלויכטן אַן אויגן־גלעט און עס איז ליב געוואָרן יענער חושך־קרייז, אין וועלכן מען האָט זיך באַגעגנט.

איז ער געגאַנגען אומעטום, הענעך; מען האָט אים געשיקט אַהין. דאָ האָט ער רעפּערירט, דאָרטן מיטגעזונגען און אויף אַן אַנדער אָרט איז ער געווען אַ שטילער חבר גלייך ווי אַלע. האָט מען אים גע־קענט אין אַלע יוגנט־קרייזן און ליב געהאַט.

ער איז עלטער געווען פאַר פרעדזשען מיט אַ סך יאָרן. זי איז נאָך געווען כמעט אַ קינד און ער — אַ בחור מיט אַ סטאַזש און שטעלונג. ער איז אָבער נאָך אַליץ געווען דער מער־דענקענדיקער ווי אַרויסריידער און דערצו — שעמעוודיק און צוריקגעהאַלטן. צו אַ מיידל האָט ער גע־האַט אַ צוגאַנג, מיט אַ לאַנגן פאַרטראַכטן זיך פריער אויף יעדן קער און וואָרט, וואָס ער דאַרף מאַכן; מיט אַ סך אויסרעכענונגען און איבער־לייגעניש. נעמען און חתונה האָבן מיט אַ פרוי, האָט פאַר אים דאַן גע־

הייסן: זיין גאַנץ לעבן נעמען און טיילן עס אויף צווייען, פאַר זיך און פאַר זיין שותפטע און אויך זי זאָל אים אַריינגעמען אין מיטן פון איר האַרץ: וואָס קען ער דאָרט געפינען? הענעך איז דערמיט פאַרזיכטיק געווען...

דערפאַר איז ער, צוזאַמען מיט זיין אויסגעמישטקייט און חברישקייט מיט אַלעמען, אויך געווען אַזוי אָפּגעזונדערט, אָפּגעגרענעצט. ווען די מיידלעך זענען געווען צווישן גאַנצן קרייז — איז ער מיט אַלע געווען נאַטירלעך, פריילעך און צוגעלאָזן. ווען ער האָט זיך מיט איינער געפונען זייטיק־אָפּגעזונדערט, איז נישט מער מעגלעך געווען אים צו דערקענען; אַזוי שטייף, קאַרג אין וואָרט און נאָך מער אין דער חברישער אינטימיטעט, וואָס מען קען אַריינלייגן אין ווערטער...

מ'האָט שוין געוווסט, אַז טראָץ זיין איינלעבן זיך מיט די גרופּן אין ספּעציעלע מאָמענטן, איז ער אַ מענטש פון האַלטן זיינע מחשבות פאַר זיך. ער האָט אויסגעטראָגן צוויי פאַרשידענע מענטשן אין זיך און קיינמאָל נישט געלאָזט, איינער זאָל קומען מיטן צווייטן אין באַרירונג.

עס האָט געטראָפן אַמאָל, אַז הענעכן איז אויסגעקומען צו שפּאַצירן אַ שטיקל וועגס מיט אַ מיידל — איז מען געגאַנגען, געשמועסט און געלאַכט פון דער וועלט — און הענעך האָט גענוג געהאַט פון וואָס אָפּצולאַכן! איז ער דאַן געווען פריי און נאָענט, וואָס ווייטער קען שוין נישט זיין. נאָר ווען דאָס מיידל האָט אומפאָרזיכטיק־דרייסט אַ נויג געטון דעם שפּאַס אין אַ זייט אַריין — איז ער אויפאַמאָל טויט־ערנסט געוואָרן, פאַרלוירן דעם גאַנצן הומאָר און זיי האָבן שוין געענדיקט זייער שפּאַציר ווי צוויי באַזונדערע און פרעמדע...

די אחריות, די שטאַרקע פאַראַנטוואָרטונג פאַר זיך האָט אויף אים געלייגט אַ שווערע לאַסט און זיין אייגענער ערנסט איז געוואָרן דער שטרענגסטער שומר צווישן אים און די מיידלעך פון זיין אומקרייז. עס האָט אפילו נישט געהאָלפן דאָס אויסריידן אים פון זיינע שטוביקע, די מוטער אפילו, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט — ער זאָל ווערן אַביסל ווייכער, צוגעלאָזענער... יוייל, וויפל איז דער שיעור אַ מענטש אין די יאָרן זאָל אַזוי זיין? אַזאַ איז ער געבליבן און פאַרטיק.

...ז י ,   פרעדזשע, איז געווען א קינד פון דער נויט, וואס האט געדארפט גיין — לויט אלע נישט-געשריבענע געזעצן פון איר גאס און היים — פארקויפן הייסע בייגל אויף די גאסן אין די פארטאגן. האט אבער א צופאל זי אוועקגעריסן אין דער יידישער שול אריין. איר אויס־נאמקייט, דאס קומען אין דער שול אריין דורך אנשטרענגונגען, האט זי צוגעבונדן צו דער לערע און צו די אלע וואס האבן מיט איר גע־לערנט. זי איז צוגעזאטן געווארן צו דער יידישער שפראך; ליב באקומען אלץ, וואס ווערט אויף דער שפראך געשריבן און א סך אין זיך אריינ־געזאפט. זי האט ליב באקומען די, וואס האבן ליב יידיש, און זי איז איבערגעגעבן געווארן יענער ארגאניזאציע, וואס האט די זארג פאר דער יידישער שפראך אויף זיך גענומען, גענוי ווי זיי וואלטן עס געזארגט פאר  א י ר   און געווען   א י ר   איבערגעגעבן.

דאס לערנען איז איר נישט אנגעקומען שווער. די יידישע שפראך, וועלכע זי האט אלס קינד באקענט דורך זידלערייען און הונגעריקע טע־נער, האט זיך דורך דער ליטעראטור פאר איר באוויזן אן אנדערע, א שיינע און א מילד־פארבענקטע, מיט א סך גלעטן און צוזאגן פאר די קומענדיקע טעג... עס האט איר אויסגעזען ווי א קעלער-קינד וועמען מען האט פלוצים אויסגעפוצט אין שיינע בגדים און אלע מוזן זיך דער־מיט פרייען.

דאס הערן די ערשטע שיינע לידער אין יידיש האט איר געטראפן אין פינטל. די איבערראשונג, וואס זי האט אנגעטראפן אין דער שולע אן אנדער יידיש, האט זי אזוי רייך געמאכט און פארכאפט, פונקט ווי עס וואלט ווער געקומען אין זייער חושך־דירה אויף דער ניזקע גאס און זי ארומגעצירט מיט זייד און לעבעדיקע בלומען. ווי אזוי זשע קען מען אזעלכן נישט ליב האבן?

יידיש איז געווען איר היים און איר געבורט־הייבל. שוין קליינער־הייט האט זי געהאט א גלי צו שענערס. אויף זייער הויף האט מען גע־שאלטן, גערעדט ניבול־פה און געהונגערט אויף יידיש. איר האט עס באנג געטון. זי האט געזוכט, געחלומט וועגן דער טיר, וואס מען זאל עפענען איר היימישער שפראך צו שיינע רייד, שיינע חלומות און הער־

לעבע קלאַנגען. אין דער שול האָט מען איר געגעבן ביכער; די שרייבער האָבן מיט זייערע יושר־זוכנדיקע און שיינקייטס־באַזונגענע מאָטיוון איר אָרעם שפּראַך־געצעלט רייכער געמאַכט און העלער.

געלייענט האָט זי — נישט דערפאַר ווייל מען דאַרף זיך מאַטערן, פאַרלירן צייט, בכדי צו ווערן אינטעליגענטער. זי האָט עס געטון מיט אַ פאַרגעניגן, דערשפּירנדיק די גרויסע גוטסקייט וואָס יענע טוען איר, מיטן אַראָפּקומען אין איר אביונישער סביבה מיט זייער גאַנצן שלל גע־דאַנקען און בילדער־רייכקייט. האָט זי יעדן איינעם געדענקט, נישט ווי אַ נאָמען וועלכן מען מוז חזרן, בכדי צו געדענקען, נאָר ווי פון אַ גוטן און היימישן, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון פון זיך אַליין... האָט זי אַ סך לערער אירע איבעראַשט מיט איר קענען און אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור און יידיש וואָרט. מען האָט זי אפילו, נאָכן ענ־דיקן אַ יידישע פאָלקס־שול, געגומען אין אַ ווייטער שטאָט לערנען אין אַ יידישער גימנאַזיע. מען האָט זי געבילדעט, געלייענט מיט איר און גערופן זי אויף ערנסטע צוזאַמענקונפטן. האָט זי דאָס אַלץ איינגע־זאַפּט אין זיך, אָן דער גרייצטער שטימונג פון אַ שטודירנדיקער, נאָר מיט אַ הנאה, ממש גוטן פאַרגעניגן, פון דעם וואָס זי האָט געלייענט און געהערט.

II

ווען הענעך האָט זי באַגעגנט, איז זי נאָך געווען אַ יונג, שפּרינגענ־דיק ציגעלע. זי האָט צו אַלעמען געהאַט אַ דרייסטן, אָפענעם צונאַנג. אביסל איז איר פאַראויסגעגאַנגען איר איינגעבוירענע טבע, וואָס ביי אַנדערע וואָלט עס געהייסן: חוצפּה... ביי אַ יונג, שיין מיידעלע האָט עס אָבער געהייסן: ליבלעכע היימישקייט, נאָענטע חברשאַפט. מיט אַלע־מען פון דער אָרגאַניזאַציע איז זי געווען אייגן, געזוכט צו רעגירן איבער אַלעמען, אַריינמישן זיך צו יעדן. אין איר בונדישן יוגנט־קרייז האָט זי אַ סך געזען, געהערט און דאָס באַהאַלטן אין זיך. די נויט אין שטוב האָט זי פריער רייף געמאַכט און זעלבסטשטענדיק. אין אַלגעמיין האָט אָבער די יוגנטלעכקייט געהאַט איבער איר די אויבערמאַכט. זי איז

ארומגעלאָפן, געפלאָטערט פריילעך און אומבארעכנט צווישן דער חברה יינגלעך און דערביי אַזוי אָפּן און פאַרשטענדלעך זיך געוויזן מיט אירע דרייסטע שפּילערייען, אַז מען האָט אין דעם מער נישט געזען ווי קינדישע אומשולד.

זי האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקע, רייפע אַמביציע, ארויסגעזען צו ווערן; פאַרבונדן און אויסגעחברט צו זיין מיט אָנגעזעענע מענטשן. זי האָט געקענט ארויסרופן אין זיך נאָך מער קינדישקייט וויפל זי האָט פאַקטיש פאַרמאָגט; דאַן ווען זי האָט געשפּירט, אַז דאָס וועט זי ארויסרוקן, מאַכן ווענדן אַלע בליקן צו איר. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען דאָס נישט איבערצוטרייבן. זי האָט געצוימט די סימולאַציע, זי זאָל זיך נישט ארויסזען. אין יענע מינוטן איז זי געווען אַן עכט קינד, פול מיט אַלע קינדישע שטיפערייען, לאַבערייען און קאַפּריזעלעך. און דאָס נאָך — ביי זעכצן יאָר, ווען זי איז שוין געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן יוגנטלעכקייט און — פרוי. זי האָט אָבער באַוויזן צו באַקענען און פאַרשטיין אַ טייל פון די וועגן, וואָס ליגן אויף ב יי ד ע זייטן גרענעץ. איר פאַרריסן נעזל האָט זי געקענט אַזוי קליגעריש־ברוגזלעך אָנכמורען — ווען אַ חנדלדיק בעסעלע קען העלפן...

איר האָט מען אָנגעהויבן אַלץ מוחל זיין פון פריער אויס. זי האָט געקענט איינעם אָנשטעכן אויפן הינער־אויג פון זיין נשמה און ער זאָל נישט קענען בייז זיין, אפילו ווען ער זאָל עס געוועון וועלן זיין. איר רעדן האָט זיך געדרייט צווישן שטעכיקע, בייסיקע אָנגריף־ווערטער און אַ תיכפדיקן איבערגאַנג צום פּיעשטשען זיך, אָנלענען דעם קאָפּ אויף יענעמס אַקסלען און פאַרשיטן אים מיט אירע הייסע, טוליעדיקע רייד און האָר, וואָס האָבן אויסגעגלעט און פאַרווישט אַלע שפּורן אַרום איר ווייטון. אַז נישט האָט זי גאָר גענומען יענעם ביי די הענט — ס'האָט געמענט זיין ווער עס וויל — און מיט אים גענומען האָפּקען אין מיטן שטוב. עס האָט אויסגעזען אַז, פּונקט ווי אירע יאָרן, מוזן אויך אירע רייד זיין צוויי צווישן גרענעצן, נישט ביים נאָרמאַלן, רואיקן כאַראַקטער־פּונקט. זי איז געוואָרן די אַליין זיך געקרויינטע פּרינצעסין, וואָס קען און מעג אַלץ טון אין איר סביבה. דאָס איז נישט געקומען צוליב

איר באהארצטקייט און אומדירעקטער באוואונדערונג פאר איר, נאר צו־ליבן ארויסרופן איר פריווילעגיע דורך משונהדיקע פירעכצער, אין וועל־כע זי האט עס געזוכט.

זי האט אבער אויך געקענט זיין אנדערש.

דאס איז געשען ווען זי איז געקומען צווישן ערנסטע מענטשן, וואס זענען געווען בציבור פארטון אין עפעס. מיט איר איבערגעשארפטן חוש האט זי באלד פארשטאנען, ווו עס איז נישט נויטיק מער דאס ווייוועדי־קע, שפילעוודיקע קינד. דארט ווו מען שטעלט ארויס קינדער פון יענער זייט טיר, זיי זאלן נישט שטערן די רייד פון די גרויסע, האט פרע־דזשא פון דער ערשטער מינוט אן אנגענומען דעם קאליר און די שטי־מונג פון ערנסט. זי האט אומעטום געוואלט זיין און דערפאר האט איר פנים באלד ארויסגעצויגן אויף זיך יענעם איבערגעטריבן־עלטערן ערנסט, וואס דארף זי בארעכטיקן פארן געפינען זיך אין דער סביבה. זי איז גע־זעסן און איינגעהערט זיך ווענן וואס מען שמועסט, זיך צוגעגרייט — ווען ארייננצוווארפן א ווארט, וועלכעס זאל צוגעפאסט זיין אהער און מען זאל זיך אויך דא צוהערן צו איר. זי האט זיך נישט געוואלט צו־פיל מאטערן — האט זי פאר זיך אפגעקליבן א באגאזש פון ווערטער און געדאנקען, וואס זיי זאלן נישט צו שווער זיין צום טראגן; אבער זיי זאלן זיין זיכערע, קענען טרעפן אין ציל און זי מאכן פאר א גלייכע צווישן יענע. דאס איבריקע קען זי דערגענצן מיט פארטראכטן שווייגן און שטילן אויסהערן. און ווען אפילו אירס א זאג האט נישט ארייננגעפאסט האט מען עס אויך אויפגענומען, דערפאר ווייל איר פנים, צווישן אזוי־פיל הארט-געקנייטשטע און מענערישע פנימער, האט אים שוין פארזיסט און געמאכט פארדייען אינעם אלגעמיינעם שמועס.

דאס האט זי אבער נישט געוואוסט און נישט געוואלט וויסן. זי האט שוין דאן געהאט אלע אייגנשאפטן צו ווערן אן ארטיסטין, א גוטע שפי־לערין פון כאראקטער־ראלן. אבער אויך דאס האט זי זיך דערוווסט ערשט נאר שפעט, אזש אין ווערק צע... דארט האט זי געוואלט מיט איר אויס־שפילן ארומגיין איבער די נאקעטע, נישט־דעקארירטע גאסן; לעבן און ארייננווארפן זיך אין א לאנג, ציענדיק יארן־שפיל. האט זי שנעל באקו־

מען די גויטיקע שפּראַך, דעם וויסן, די מאַניערן, וועלכע זאָלן זי דער־פירן אַהין, אין די רייען פון די, וואָס האָבן שוין דערוואָרבענע פּאָ־זיציעס.

פרעדזשאַ האָט שטענדיק געזוכט צו שפּילן אַ ראָל, וואָס מ׳זאָל אַרויסזען. ניין, זי האָט געוואָלט זיין אַזאַ, וועלכער מען זאָל  אַ ל יי ן איבערגעבן אַזאַ ראָל צו שפּילן. אין די יונג־מיידלישע יאָרן האָט זי זיך שוין אויסגעאַרבעט אַן אַלט־געזעסענעם כאַראַקטער און פּאַרמאָגט יענע איבערגעוואַקסנקייט, מיט וועלכער זי האָט נאָר קאָמבינירט, זי אַנט־פּלעקט און פאַרהוילן, לויט באַדאַרף און אומשטענדן. זי האָט זיך אַריינגעקוקט אין די קרייזן פון די עלטערע, געצויגן זיך אַלץ טיפער אין זייער וועלט אַריין — ווייל  ד אָ  האָט זי זיך באַזונדערס אַרויס־געזען — און ווען עס האָט זיך איר איינגעגעבן, איז זי שפּעטער אַריינ־געשפּרונגען אין דער אַנדערער הויט, אַ פּאַרצי געטון דאָס שמייכעלע און שוין, ווידער איז זי דאָס טאַנצנדיקע מיידעלע פון זיבעצן יאָר!

עס האָט זי געצויגן צום מיטלפּונקט פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זי איז געקומען. דער צענטער אין איר קרייז איז דאַן געווען — הענעך. האָט זי זיך געדרייט מיט אַלע יינגלעך פון קרייז, געלאָזט מיט זיך אַ שטיף טון, אַליין אַ גלעט געטון וועמען — זי האָט אָבער אַלעמאָל זיך באַמיט אויפצוכאַפּן הענעכס בליק. ער האָט זיך אָבער געטראָגן אי־בער אַנדערע וועלטן, געקאָכט זיך אין פּאָליטיק, אין אָרגאַניזאַציע, גע־שריבן אין די פּאַרטיי־אויסגאַבן און רעכט נישט באַמערקט אַזעלכע קליינינקייטן. האָט זי זיך אַרונטערגערוקט אונטער זיין בליק, ממש אויפּ־געצוווּנגען אים, ער זאָל זי דערזען. זי האָט זיך געשטעלט נעבן אים, געלאַכט העכער ווען ער וועט הערן, געזוכט צו רעדן ערנסטער און באַ־טעמטער — גראָד דאַן ווען ער שווייגט און מוז אויסהערן אַלעמענס רייד... זי האָט דערביי צוזאַמענגעשפּינט אַ גאַנצע נעץ פון היימישער דרייסטקייט, וועלכע זי זאָל קענען אויף איין מאָל אַ פּאַרוואָרף געבן אויף אים, זיך פּאַרפּלאָנטערן אין אים אַריין און ער זאָל שוין נישט קענען צוריק, אויב זי וועט עס נישט וועלן...

און נאָענט זענען זיי געוואָרן אויף אַ פּשוטן אופן:

איינמאָל, נאָך אַ פֿאַרזאַמלונג, איז זי צו אים צוגעגאַנגען:
— אין וועלכער זייט אַריין גייסטו, הענעך?

דער שליסל צו אַ סך האַרץ־טויערן איז דאָס אָנהויבן מיטן זאָגן: ד ו. דאָס פֿאַרשפּאָרט אַ סך רייד, איבערקלערענישן, פּרוּוון, וואַקלענישן... מען שפּרינגט אויפֿאַמאָל איבער עטלעכע מויערן און מ'בלייבט שטיין האַרט פֿאַרן הויז. דאָ קען מען אָנטרעפֿן די טיר און באַלד אַריינגיין אָדער, ווען נישט — האָט מען עס געזען תיכּף פֿון דער נאָענט.

פֿון אַ יונג, שיין מיידל — אין אַ פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע דערצו — איז עס זיכער אָנגענעם צו הערן. אויב מען איז ערנסט, וויל מען זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון פֿאַרוואָס מען איז דערפֿון צופֿרידן. טייטשט מען זיך עס אָפּ: ס'איז אַזוי האַרציק־איינפֿאַך, אַזוי פּשוט־חבריש, אַזוי רירנדיק־שיין... איז הענעך יענעם אָוונט מיט איר געגאַנגען. דערנאָך זענען געקומען אַ ריי ווייטערדיקע. פֿרעדזשע האָט אין זיינען געהאַט צו גיין מיט אים — אַז אַלע זאָלן עס זען. ער דערפֿאַר, האָט עס אַפּילו נישט באַמערקט, ווי זי פֿירט אים און פֿאַר וועלכע אויגן זי וויל דערמיט דעמאָנסטרירן. ער איז געגאַנגען מיט א י ר, דערפֿאַר וויילזי האָט ער נישט באַדאַרפֿט צו זוכן; זי האָט זיך אַליין צוגעשטעלט אין זיין זייט אַריין, ווי אַ צווייטע צו אים. ווען זי איז אָבער צוגעקומען, האָט ער זי דערזען, געשמועסט מיט איר, געגאַנגען און זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו איר. מיט אים האָט קיינער קיין שפּאַס פֿון פּערזענלעכן כאַראַקטער נישט געמאַכט און ווען מען האָט אַמאָל געגעבן אָנצוהערן פֿאַר איר וועגן זייער ביידנס פֿריינטשאַפֿט האָט זי געקוואָלן דערפֿון און געוואָלט, אַז אַזעלכע רייד וועגן זיי זאָלן זיין וואָס מער און זיי זאָלן אומעטום זיך צעטראָגן...

ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן אַריינקומען אין זיין האַרץ אַלץ טיפֿער און טיפֿער. צו דער גאַנצער דערנענטערונג האָט ער גאָרנישט אָנגעשטרענגט זיך, נים געטון גאָרנישט דערצו. זי האָט אַלץ געמאַכט און צוגעגרייט. אַפּילו זיין פֿאַרליבן זיך אין איר איז נישט געווען קיין שפּראָץ פֿון אים, נאָר אַן אַריינדרינגען פֿון איר אין זיינע געפֿילן אַריין, אַזוי ווי אַ פֿלאַנץ וואָס זי האָט דאָרט פֿאַרזעצט — ווייל אַזוי האָט ז י געוואָלט.

אַלע האָבן עס מיט דער צייט געוווּסט און צו שעמען זיך איז פּאַקטיש נישט געווען מיט וואָס: ער איז אַ מענטש, אַן איינזאַמער. זי איז אַ חברטע, אַ באַוווּסטזיניקע — זי וועט אים זיכער פאַרשטיין, ווייל זי האָט געוווּסט ווי אַזוי מיט אים נאָענט צו ווערן... טאָ וואָס פאַר אַ נישטנאַטירלעכס קען דאָ זיין אין דעם?

ער האָט אַפילו געהאַט אַ מוטער, הענעך. זי האָט זיך פאַרנומען איינצולייגן וועלטן און נישט דערלאָזן דערצו: קינדערלעך, האָט זי געשריגן, עס ט ו י ג נ י ש ט! געוואַלד, עס איז נישט קיין פּאָר! פאַרוואָס „עס טויג נישט", האָט זי אַליין נישט געוווּסט... נאָר דאָס האַרץ — האָט זי געטענהט — ביי אַ מאַמען איז מער באַגלויבט ווי אַלע אַנדערע גוטע ריידעלעך... עס איז אָבער שוין געווען צו־שפּעט. מען האָט ביי אים נאָר געפּועלט אַריינצוגיין צו אַ רב און מאַכן אַ יידישע חתונה. פרעדזשע האָט עס געפּועלט. זי דאַרף עס נישט — האָט זי געזאָגט — נאָר פאַר דער מוטער זיינער... פאַרוואָס איר אָנטון צער?

דערנאָך זענען זיי אַוועק וווינען צוזאַמען און צוזאַמענגעגאָסן ביידע לעבנס אין איינעם. זי איז מיטגעגאַנגען אויף זיינע זיצונגען, באַהאַוונט געוואָרן אין אַלע זיינע מינוטן פון טאָג און ער איז אַמאָל מיטגעריסן געוואָרן אויף יענע וועגן, וואָס זי האָט אים געפירט.

הענעך האָט נישט ליב געהאַט קיין ביליק טעאַטער, ווו מען שמירט זיך און מ'צירט זיך אויס אין אַלערליי קאָלירן. דאָרט קושט מען זיך הויך, מען לאַכט — ווי עס וואָלט געדונערט און מ'וויינט אַזוי, ווי מען וואָלט וועלן רירן שטיינער פון אָרט... שוין אָפּגערעדט דערפון — פון וואָס מען לאַכט! ער איז אָבער טיילמאָל אַהין געגאַנגען, ווייל פרעדזשא האָט געוואָלט; זי, ווייטער, איז געגאַנגען ווייל — אַ מענטש דאַרף אַלץ זען, ווייל מען דאַרף זיך אויסרוען דעם געדאַנק, זען אַזעלכעס ביי וועלכן י ע נ ע ר אַרבעט אַרום און דו דאַרפסט אַפילו מיטן מוח נישט אַ ריר טון... זי איז געזעסן גלייך ווי אַלע אויף די בענק, הויך געלאַכט און הנאה געהאַט. ער איז דערביי געזעסן און אַפילו נישט געקוקט אויף דער סצענע. ס'האָט אים נישט אינטערעסירט. האָט ער געוואָלט פון עפּעס טראַכטן און דער טומל אַרום האָט עס אים נישט דערלאָזט. אַן איבלקייט

אזא האט אים מיד געמאכט און געשלאגן צום הארץ. זיי זענען אבער צו־זאמען, זיי זענען שוין איינס און ער קען נישט אנדערש מאכן, אויסמיידן די קליינינקייטן. דערביי פארקעט אים פרעדזשא אלעמאל אין דער זייט:

— הענעך, זע נאר איר רעדנסארט, אירע קונצן! און דער גולם גלייבט איר נאך!

הענעך טראכט א סך; ער ווייסט און פארשטייט אז נישט איינמאל פילט זיך אויך פרעדזשא אין ז יי ן איצטיקער הויט. אויך זי קען נישט אלץ מיטמאכן מיט אים צוגלייך און דאך... זי טראגט אויס גע־דולדיק זייער צוזאמענזיין, איז צופרידן דערמיט — מוז שוין דאס גע־מיינזאמע לעבן זיין געבויט אויף קאמפראמיסן און פארשטענדיקער טא־לעראנץ.

דערצו איז ער א פארביסענער, א געצוימטער אין זיך — האלט ער אוים, צאלט ער איר זיין צייט־שטייער מיט געדולד, מיט קאפ און מיט א קלוגן שמייכל אויף די ליפן. ער ווייסט אז באלד וועט קומען א וועזן, וואס האט זיין אור־שפראץ געהאט אין אים, מיט איינגעלייגט־געפרענג־טע שטריכן, וואס וויקלען זיך אויס אין איר. פון איר בלוט גייען זיי אויף אין אויסגעשטערקטע אברים, וואס וועלן קומען אמאל מיט א געשריי פון א ניי לעבן. זי טראגט עס און וועט עס אים ברענגען, א גרייטס אויפ־צונעמען די גאנצע וועלט — און אויך אים, ווי א פאטער. שווייגט ער, הענעך, און איז צופרידן. מוז ער אדער וויל ער זיין צופרידן? אויף דעם וויל ער שוין קיין ענטפער נישט געפינען; זי וויטער זוכט באלד נישט די פראגע זיך צו שטעלן. פאראן זאכן, פאר וועלכע דער מענטש וועט שטענדיק זוכן א טונקעלן נעפל, בכדי זיי זאלן פאר אים נישט קלאר ווערן, ווי לאנג עס איז נאר מעגלעך.

## III

אז דאס קינד איז שוין דא און ער איז ביי אלעמען שוין איינגע־רעמט ארום איר, ווי א שיינע, בכבודיקע ראם ארום א בילד — אינטע־רעסירט עס זי שוין נישט מער. שוין אפגעצירט זיך, אפישירט זיך דער־

מיט אין אַלעמענס אויגן און געדאַנק, הערט עס אויף צו זיין אַ נייעס פאַר וועמען. פאַר איר אויך. ס'איז שוין אַריין אין דער געוועגלעכקייט אַריין, ביז מען באַמערקט עס נישט מער. און זי האָט געזוכט דעם שטענדיקן אויפציטער פון שטאָלץ ביים זיין אין צענטער, מיטן ווערן אַ טייל פון אים און זיין אָנזען...

הענעך איז אַ שטילער, אַן איידעלער. זי איז געוואָרן זיין ס ך - ה כ ל, וואָס ער האָט באַדאַרפט צו מאַכן מיט דער פרויען־וועלט. קיין צווייטן חשבון אָנצוהייבן פון אָנהייב, אָדער אַרויסכאַפּן אַ ציפער, פון עפּעס אַ מיטן, קען ער נישט. ביי פרעדזשען איז עס אָבער נאָר געווען ק אַ פּ ר י ז, דער ערשטער שריט פון אַן אָנהייב, וועלכן זי האָט געוואָלט ציען לאַנג, גאָר לאַנג. ביי אירע נייַנצן יאָר קען זי נאָך טראַכטן דערפון: האָט זי אים אַמאָל ליב געהאַט? ערשט אין ווערק צע איז זי גענוג רייף געווען, בכדי צו קענען פעסטשטעלן אַז נ י ש ט, קיינמאָל נישט... יאָ, דאַן האָט פאַר איר אַ גלאַנץ געטון זיין אָנגעזעענקייט, דאָס וואָס אומעטום, אַרום אים, האָט זיין וואָרט אַ וואָג, ציט ער צו די אויפמערקזאַמקייט און עס האָט זי אַ צי געטון צ ו ם ד ר ך - א ר ץ, וואָס פּאַליעט זיך איבער אים... ער אַליין? זי האָט צומערשט זיך נישט אומגעקוקט דערויף, נאָר עס שפּעטער ערשט דערזען: אַ בלאַסער, קרענקלעכער בחור... אפילו זיינע גרויסע אויגן שטעכן מער ווי זיי גלעטן! נעם אים אַוועק פון אָט די דרך־ארצדיקע בליקן און שטעל אים אַוועק באַזונדער, גאָר ווייט פון דאָרט; אַהין ווו אַ שאָטן אפילו פון אָט די בליקן זאָל נישט קענען מער דערגרייכן; נישט נאָכטראָגן אויף אַ זיידן, לופטיק קישעלע דעם אָרעאָל זיינעם — וואָס וועט פון אים בלייבן פ אַ ר א י ר ?

דאָרט אין לאָקאַל שוועבערט זיך זיין טשופּרינע, מיט די דאַרע, אויסגעמאַטערט־פאַרמוחטע האָר אַזוי קאַמפּסלוסטיק, אַזוי לערעריש און פירנדיק — אַז זיי רופן צו עפּעס, סימבאָליזירן וועמען. דאָרט, אין צענטער פון חברים־גרופּן, איז זיין מאָגער געשטאַלט אַזאַ — וועלכן אַלע זוכן, דאַרפן האָבן צום פרעגן וואָס, צום זען אים צווישן זיך... דאָרט שטייט ער אויפן בארג פון זייער פאַרערונג. דערפאַר איז ער ה ע כ ע ר,

אויפגעהויבענער און עס איז גוט זיך אוועקצושטעלן נעבן אים און פילן אז אַט־אָ־דעם ה אָ ס ט ו, דו! און ער איז דיינער. דו קענסט אים אוועקנעמען, גיין מיט אים און אוועקפירן, ווו דו ווילסט. קענסט זיך אויך אוועקשטעלן אויף דעם אויסגעבעטן באַרג דרך־ארץ וואָס ליגט אויסגע־שפּרייט פאַר זייגעטוועגן... טאָ זאָלן זיי עס וויסן! זאָלן זיי דיך זען ווי זיינס אַ טייל, באַוווּנדערן דיך אויך און דיך אָנזען מיט אים צוזאַמען.

האָט זי ליב געהאַט דאָס וואָס ווייעט אַרום אים. דאָן האָט זי אויך קיין ליגנט נישט געזאָגט, ווען זי האָט פאַר אַלעמען אונטערגעשטראָכן, אַז זי האָט אים ליב, ווייל זי האָט באַגערט, ליב געהאַט אים — צוזאַמען מיט די אַלע שטיקער פון אים וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין די גע־דאַנקען פון די חברים, אין דער פאָרשטעלונג וואָס זיי האָבן געהאַט וועגן אים. דעם דאָזיקן הענער צוזאַמען מיט די אַלע אָפּשפּיגלונגען זיינע אין די מוחות פון באַקאַנטע. ה אָ ט ז י ליב געהאַט אויף זיכער. ד ע ר הענעך האָט זי פאַרכאַפּט און אימפּאָנירט. נעמסטו אָבער אוועק אַלע חברים זיינע — די אַלע מענטשן, מיט וועלכע עס קומט אויס זיך צו באַגעגענען און שטעלסט אים אוועק אין אַ מדבר ערגעץ, איינזאַם און פאַרוואָרפן... און דאַן — נעם און שטעל זיך נעבן אים, קוק אים און זיך דאַן אָן און טו דערביי אַ פרעג דיין האַרץ, אויב עס האָט עפּעס פאַר אים, פאַר אים אַ ל יי ן! וועט עס אויך דאַן אַ ציטער טון, אַ שלאָג טון פאַר זיינעטוועגן?

דאָס האָט זי זיך אָבער דאַן נישט געפרעגט, פרעדזשאַ... זי האָט גענומען דאָס לעבן אַן אויסצוטיילן דעם יאָדער פון דער שאָל. זי האָט געזען הענעכן מיט דער גאַנצער אַטמאָספערע צוזאַמען, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. צו דעם הענעך האָט זי געצויגן און זי האָט געמיינט אָדער גענאַרט זיך בכיוון אַז דאָס מיינט מען ל י ב ע. די מענטשן אַרום האָבן אויך געמיינט דאָס זעלבע. און ליב געהאַט האָט זי דאָך טאַקע! זי איז אַזוי גליקלעך געווען אים צו זען שטיין און פלאַמען זיך אין אַ קרייז, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן. עס האָט זי אַזוי מחיהדיק געגלעט, ווען זיינע האָר האָבן זיך אַזוי־צאָרניק און אימפּעטיק געטרייסלט אין

דעמפּיקן חלל פֿון חדר און אַלע האָר־שויבערס אויף די קעפּ האָבן איבער־געצייגט זיך מיטגעשאָקלט... אוודאי האָט זי ד אָ ס ליב געהאַט.

און אויב דאָס שטיקל גוף, וואָס איז געווען אַ טייל פֿון איר באַ־גערטן הענעך, איז דאַן אויך געווען אין אָט דעם גאַנצן, אַרומנעמענדיקן ליבע־געפֿיל ביי איר, האָט זי דעם קליינעם בלויז נישט געקענט באַמערקן. זי האָט נישט געזוכט דאַן צו באַטראַכטן איר געפֿיל אויף יענעם קליינעם פֿינגטעלע — וואָס האָט געבילדעט א י ם אַליין — ליידיקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטשירעט פֿון איר באַגייסטערונג אַרויס. אויך הענעך האָט נישט געזוכט און נישט געוואָלט קענען קיין דעטיילן פֿונעם חשבון. זיי האָבן ביידע אין זייערע געפֿילן געזוכט די אַלגעמיינע, ברייטע סומע און די קליינע ברוכשטיקלעך אין זייער ווען האָבן זיי קיין אויפֿמערקזאַמ־קייט נישט געשענקט.

IV

פֿרעדזשאַ האָט פֿון הענעכן גענומען נאָר דאָס וואָס זי האָט געקענט. און געבן האָט ער איר נאָר געקענט איינע פֿון אירע באַגערטע זוכענישן. זי האָט געזוכט דאָס לעבן, אַרונטערצובליקן אונטער אַלע זאַכן פֿון לעבן און נעמען אַלץ וואָס עס איז פֿאַראַן אין אַ פֿולער גאַב. אָבער אַ סך פֿון אירע גירן האָט זי געקענט געפֿינען גראָד אין די נישט־באַמערקטע ווינק־לען פֿון לאָקאַל. דאָרט האָט זי געזוכט חברים וואָס האָבן גערייצט, צוגע־צויגן צו זיך מיט זייער אַ ל יי נ ק יי ט, דווקא וואָס נעבן זייער בלוט און מילך קאָליר איז ק יי נ ע ר נ י ש ט אָ... זיי האָבן געהאַט גע־שיקטקייט, פֿריילעכע יונגקייט און פֿאַררויטלטן געזונט. איז זי געגאַנגען און גענומען, ווו עס האָט זיך געלאָזט. זי האָט עס געטון אָן שום שרעק פֿאַר זיך, אָן חרטה אָדער געפֿיל פֿון זינדיקייט. זי האָט נישט געהאַט בדעה צו דערשטיקן דעם יערנדיקן אויפֿרייז אין זיך, אָפּלעשן דעם זודיקן קאָך מיט יענעם קאַלטן שיין, וואָס מענטשן האָבן דערצו אויסגעזוכט אַזעלכע נעמען ווי: געטריישאַפֿט, פֿאַמיליע־פֿליכט... זי האָט עס אָבער נישט געטון אָפֿן. זאָל עס אים נישט ווי טון. ניין, ווי טון האָט זי אים קיינמאָל נישט געוואָלט! דאַן — אוודאי נישט... זי האָט אפילו פֿאַר אים

געהאַט אַ סך דאַנקבאַרקייט. אַפּרייסן זיך פון אים האָט זי אויך נישט געקלערט. עס האָט זי געבונדן צו אים יענע ערשטע געפיל וואָס האָט זיי דערנענטערט. איצט איז עס נאָר ביי איר געוואָרן אויס סוד, אויס זאַך צו וועלכן עס ציט און מ'דאַרף עס ערשט דערגרייכן מיט אַלע אָנשטרענגונגען. איבריקנס האָט זי נישט געזוכט אומעטום דעם קלאָרן חשבון. זי האָט בלויז געוווּסט אַז זי דאַרף, אפשר מוז זי זיין מיט העניכן, ווייטער גיין געפּאָרט מיט אים; דאָס קען אָבער נישט זיין איר גאַנץ לעבנס־פּאַרמעגן, איר אַלצדינג... איז זי געגאַנגען זוכן אויך דאָס אַנדערע. און זי האָט שנעל געפונען די וועגן, וווּ עס אויסצו־זוכן און שלייכן זיך אַהין מיט אירע פאַרשלייערט־קעצישע טריט. די וואָס האָבן באַדאַרפט — האָבן שוין געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אין איר יענער אָפענער אויפברוך און זי האָט נישט באַדאַרפט זיך אָנשטרענ־גען, אויפצוקלערן עס, ווען זי וויל, דורך סיגנאַל־ווינקען און שמייכלען מיט גנבהשן אָנדייט, וואָס פירט לאַנג ביז צום ציל. אַלץ איז געקומען אויף פרייע, שנעלע ווינטן, זי אַרויסגעהויבן פון פלאַץ און שפּעטער זי צוריקגעשטעלט אויף איר אָרט...

שטאַרק געהיטן זיך פאַר העניכן האָט זי אויך נישט. זי האָט נאָר נישט געוואָלט אַז עס זאָל זיין צו־אָפן, צו־שרייאיק. דאָס קען זיך אין אים איינעסן מיט באַליידיקונג, מיט שאַרפן ווייטיק. אַמאָל האָט זי געטראַכט אַפילו, אַז עס וואָלט גוט געווען — ווען ער ווערט עס געוווירר אויף שטי־לע וועגן. אַליין זאָגן וועט זי אים נישט. ער אָבער דאַרף עס וויסן. אַז ער איז נישט איר גאַנצע וועלט און אַלץ וואָס פולט זי אויס. זאָל ער בע־סער האָבן אַן אָנונג דערפון, ווייל אַמאָל קען קומען דער אויסברוך מיט אַ צו־שטאַרקן, אומגעריכטן הילך.

זאָל ער זשע אָנהייבן פאַרשטיין, אַז זי איז פריי אין אירע האַנד־לונגען, אַז זי איז פול מיט באַגערן, וועלכע זי מוז זוכן צו דערגרענצן דאָ און דאָרט... אויב ער וועט פרעגן — וועט זי אים זאָגן דעם אמת, אַז זי האָט נישט בדעה זיך אָפּצוזאָגן פון דעם קלענסטן וואָס זי וויל און קען דערגרייכן. דאָס לעבן האָט נאָר פאַר איר אַ זין, ווען זי קען דערפון נעמען. זיך קוועלן, אָפּזאָגן זיך און צוימען, שטיקן אין זיך די

דראנגנען צו הנאות און אוועקגעבן פון זיך א סך רו — ווייל זי נישט. זי קען איבערהויפט נישט פארשטיין צוליב וואס מען דארף עס, וועלכע פאראורטיילן האבן עס א רעכט אזוי צו פארלאנגען פון א לעבעדיקן מענטש... זי מוז ער נעמען אזוי ווי זי איז, מיט אלע חסרונות און מע־לות, אויב ער דערזעט זיי און עס בינדט אים דאך צו איר!

זי האט אבער ביי אים קיינמאל נישט געקענט וויסן, אויב ער ווייסט עפעס אדער נישט. געווען מאמענטן, ווען דאס הארץ האט ביי איר געקלאפט: נאך דעם הײנטיקן ווערט ער זיכער וויסן... ווייסט ער שוין פון אלץ! פאר דעם ערשטן באגעגענען זיך מיט זיין וויסן האט זי זיך פונדעסטוועגן געשראקן, זיך טויזנט מאל צוגעג־גרייט די רייד דערצו, געזוכט די אויסדריקן — ווי אזוי עס צו מאכן מילדער, ווייכער... הענעך איז אבער שטענדיק געווען דער זעלבער. ער האט אפטמאל געשוויגן ביז צום משוגע מאכן, אדער ער האט גערעדט אזוי, פון דער זייט, אז דאס הארץ איז ביי איר ארויסגעשפרונגען: אזוי קען נאר רעדן א מענטש וואס ווייסט אלץ! אט איז יעדעס ווארט זיינס א שפיציקער שטיין, באגאסן מיט גרינלעכן אויגן־חשד, מיט אלערליי צוגעדעקטע, באהאלטענע פארדאכטן, וואס שפארן זיך ארויס פון אונטער יעדן קלאנג זיינעם אפער... זי איז שוין געווארן אזוי גע־שפאנט און אנגעצויגן, אז זי האט געוואלט ארויספלאצן:

— נו, זאג, דערזאג ביזן סוף! רעד אפן און קלאר...

ער פלעגט אבער שטענדיק אין אזא מאמענט א בליק טון אויף איר, באנעמען אויף אמאל עפעס אזוינס, וואס ער האט ביז איצט פאר־זען און אוועקפירן פלוצים דעם שמועס אויף אנדערע וועגן. אפשר האט ער זי גראד מיט דעם געוואלט פייניקן, נעמען נקמה אין איר — דער־מיט וואס זי זאל קיינמאל נישט וויסן, צי ער ווייסט יא אדער נישט? נישט מעגלעך געווען פאר איר עס צו דערגיין. אז אין מיטן רעדן מיט גאל האט זיין קול פון אינעווייניק ארויס אנגעהויבן ארויסקומען מילדער, צארטער... איינגאנצן אן אנדערער, אזוי ווי אויך מענטשלעכע קולות קען מען דארט אינעווייניק איבערבייטן. איז ביי איר אויפגעקור־

מען א פּלוצלימער רחמנות צו אים, אַזאַ וואָרעם געפיל וואָס האָט זי געשלאָגן מער ווי די האַרבסטע רייד:

— ער האָט דאָך מיך נאָך ליב! אַך, נאָך ווי אַזוי ליב!

זיין געענדערטער טאָן האָט זי אַנטוואָפנט, קליין געמאַכט, נישטיק. זי האָט זיך ערשט אין יענע מאָמענטן דערפילט ווי אַ זינדיקע... דאַן האָט זי אויך ערלעך געגלעט זיין טשופּרינע, געקושט זיינע דאַרע באַקן און איז גרייט געווען פאַר אים אַלץ צו טון. דאָס אָבער וואָלט זי אויך נאָר געטון צוליב זיך. זי האָט דערמיט אויסגעקויפט און איינגעשלעפערט די אייגענע פאָרוווּרפן; זי האָט זיך דערמיט געשיצט קעגן די בייזע ווידערגעפילן, וואָס האָבן זיך אַזוי בייסיק צעראַיעט אין האַרץ און אין מח ביי איר...

אַזעלכע איבערברוכס־שעהען האָבן ביי איר אויסגענאָגט אַלע שטיקער חרטה און געפאַלנקייט. זי האָט זיך צערטלעך באַצויגן צו אים און ממש בחוש געשפּירט, ווי זי גלעט דערמיט אויס אַזאַ צעוואָרפענעם וויטיק, וואָס לויפט אַרום אין איר, רייסן די מחשבות. זיי היילן זיך אויס מיט יעדער מינוט, וואָס זי דריקט אים־צו צו זיך... האָט זי געהאַט אַ ספּעציעלע כוונה זיך אויסצוקויפן דערמיט? יאָ, געפילט אַזוי האָט זי; נאָר אפילו אין די מינוטן פון ווידוי וויל נאָך אַלץ פּרעדזשע נישט מודה זיין, אַז דאָס האָט זי געוואָלט זיך אַליין אָפּנאַרן דערמיט, אויסקויפן זיך פאַר מעשים וואָס זי האָט געהאַלטן פון אינדיווידועלן זיין פאַר געדעכטע. עס איז בלויז געווען אַ פאַקט מיט וועלכן זי האָט זיך געדאַרפט רעכענען, אַז אין די מינוטן האָט איר געדראָט אַ סכנה פון אַ שוואַכקייט, פון אַ קראַנקייט קען מען זאָגן, ווען זי שפּירט, אַז מיט זיך אַליין איז זי אין אָרדענונג נאָר צוזאַמען מיט אים — איז זי, ווי אַ פאַרלוירענע... זענען יענע צווייטע שעהען מיט העכבן געוואָרן איר רעטונגס־פּונקט, אין וועלכן זי האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון די לאַסטן וואָס האָבן אויף איר געהויערט. פּונקט ווי יעדער אומגליק וואָס קען טרעפן מיט יעדן אומשולדיקן מענטש, האָבן זיך אויף איר אָנגעזעצט טראַכטענישן אַזעלכע און — וויטער גאָרנישט. איז ער געוואָרן איר טייך, צו וועלכן זי איז געלאָפן אַראָפּוואַרפן אירע שטיינער,

זיי זאָלן פאַרזינקען אין די טיפענישן... שפּעטער האָט זי געקענט, ווי אַ באַנייטע, ווייטער טון דאָס, וואָס האָט זי געצויגן און גערופן.

אין פאַרלויף פון די יאָרן, וואָס זי האָט צוזאַמענגעלעבט מיט הע־נעכן, איז זי געוואָרן רייף און דערפאַרן. ס'האָט זיך ביי איר אויסגעביל־דעט צו אים אַזאַ צווישן־געפיל, וואָס האָט געקענט הייסן ט ר יי־ש אַ פ ט , אַ ניצוץ פון אַ חוב צו היטן אין אים עפּעס אייגנס און נאָענטס, א י ר ס . אין ד ע ם געפיל איז זי געווען ערלעך; די דאָזיקע ערלעכקייט האָט זיך אָבער ביי איר אויסגעאַרבעט און אַנט־וויקלט אויף אַ גאַנץ באַזונדערן שטייגער. ער איז אירער — דאָס האָט זי געוווּסט און באַגריפן, זי האָט אָבער קיינמאָל דערפון נישט געטראַכט אַז זי איז אויך ז יי נ ע , איינגאַנצן זיינע...

זי האָט אויפגענומען אַלע באַגעגענישן אירע, איבער דער גאַנצער צייט, פון זיך אויס — ווי זי האָט עס געפילט; קיינמאָל האָט זי אָבער נישט געוואָלט זען די זעלבע אינטערעסן פון אַ צווייטנס אויסבליק אַרויס. די גאַנצע וועלט איז איבערהויפּט געווען אירע און זי מעג צו־גיין נעמען וואָס און ווען עס ווילט זיך איר. ווען זי האָט אַמאָל געהאַט אַ דורכפאַל, עס האָט זי ווער באַליידיקט, נישט אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אירס אַ שמייכלענדיקן אַרויסרוף — איז זי געווען גענייגט צו וויינען. זי איז געוואָרן שרעקלעך באַליידיקט און בייז, אַזוי ווי יענער וואָלט שוין גאָר קיין רעכט נישט געהאַט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג אָדער נייגונג. זי וואָלט אפילו — ווען זי קען עס באַווייזן — יענעם געהייסן אַמשאַרפסטן באַשטראָפן, זיך נוקם געווען מיט אַ רואיק גע־מיט, ווי אין איינעם, וואָס האָט צוגענומען אַ זאַך וואָס געהערט רעכט־לעך צו איר. עס האָט זי אפילו געוווּנדערט אויך: ווי קען מען עס איר אָפּזאָגן, ווען זי וויל עס!?

וואָס וואָלט געווען, ווען הענעך זוכט דאָן אויס אַ צווייטע, פאַר־ברענגט מיט איר און ווייזט איר אַרויס אָפענע אויפמערקזאַמקייט, פאַר גלעמען אין די אויגן? זי האָט דערפון קיינמאָל נישט געטראַכט. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו זיין אַזוי נאָענט מיט הענעכן און ד אָ ס זאָל קומען אויפן געדאַנק. ער איז אין זיין גאַנץ וועזן אַזוי ווייט געווען

דערפון, אז ס׳וואָלט געווען נאָר לעבערלעך דאָס צוצולאָזן צום זינען. זי האָט אים פאַרפאַנצערט, אַרומגעגאַרטלט מיט זיך, אַז ער האָט פון איר מחיצה נישט געקענט אַרויס. ווי אַן איינגעשלאָסענער. אומעטום איז זי אויך געווען מיט אים און דאָס האָט אוממעגלעך געמאַכט יעדן פּרווו זיך צו אים צו דערנענטערן...

ווען דאָס וואָלט פּאַסירט? אַ, זי וואָלט עס זיכער אים קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין! זי וואָלט אפשר יענע צעשלאָגן, אָפּגעטריבן מיט די פויסטן. א י ם וואָלט זי אפשר געריסן ביי די האָר, געזידלט און באַהאַנדלט ווי איינעם, וואָס טראָגט אוועק אירם אַ זאַך אין אַ פרעמדער שטוב אַריין. נאָר, וואָס קען זי איצט וויסן? אפשר וואָלט עס איר גאָר ניחא געווען? עס וואָלט איר לייכטער געווען אָקעגנצושטעלן זיין מינדסטע זינד אַקעגן אירע. זי וואָלט נישט באַדאַרפט זיך פילן טיילמאָל, נעבן אים, ווי אַ געשלאָגענער, פאַרטריבענער הונט, וועלכער וואָרט, מען זאָל אים מיט רעכט אַרויסטרייבן... ניין זי האָט ווענן דעם נישט געקלערט, ווייסט זי טאַקע נישט!

זי איז נישט געווען פאַלש, נישט אויסגעלאַסן. ס׳איז ביי איר נאָר געווען אַ מין געטריי און ערלעך אַרומגיין אַרום זיך אַליין. מיט דער צייט האָט זיך נאָר ביי איר אויסגעשליפן יענער ראַפינירטער מעטאָד, ווי אַזוי צו באַקומען דאָס וואָס איר ווילט זיך, ווי אַזוי צו קענען באַגערן, דעם באַגער אויסצודריקן פאַר ווען מען דאַרף און אים אין דער גלייכער צייט אויך פאַרשלייערן; מען זאָל אים באַמערקן און דאָך נישט אָנטאַפּן געגוי מיטן פאַרשטאַנד, נישט דערזען נאַקעט און געגוי. וועט אים יענער וועלן אָנכאַפּן — זאָל ער אים דערקענען. וועט ער נישט ווען — מוז עס אַזוי אַרויסקומען, ער זאָל מיינען אַז דאָס האָט ער אַ טעות געהאַט. שטענדיק אָבער האָט זי אויף איר אופן געטראָפן נאָר צו דעם וואָס זי האָט געמיינט. פאַר זייטיקע אויגן איז עס געבליבן פאַרחתמעט אונטער זיבן שווערע שטיינער...

די יאָרן פון זיין צוזאַמען מיט הענעכן האָבן אין איר אויך אויסגעפיילט אַ פאַרשטאַנד, אַ ליבע צום שיינעם און ריינעם פון יידישער שאַפונג, פון יידישן קאַמף פאַר בעסערס און גערעכטיקס.

צוזאַמען מיטן הפקר־געוואָרענעם — און פאַר זיך האָט זי גאָר־נישט מפקיר געווען, נאָר דערגרייכט דאָס און נאָר דאָס וואָס זי האָט געוואָלט! — איז אויך אין איר אויפגעקומען, אַרויסאַנטוויקלט זיך — פון דעם וואָס איז אין איר איינגעבוירן געווען, עפּעס אַזאַ סובטע־לער ציטער. ס'איז געווען אַזאַ איידלקייט ביזן סאַמע פאַרלירן זיך, וואָס האָט מיטגעריסן, צוגעהאַלטן און נישט דערלאָזט אַז דאָס צעלאָזן־אָפּ־שטויסנדיקע זאָל אַרויסקומען  ב ו ל ט ,  מיט שאַרפע וואָרעניש־ריי־טער, ביים דערנענטערן זיך צו איר...

האָט  ע ר  געוווּסט פון איר שטייגער לעבן, אונטער איר צווייטן געשטאַלט מיט אים? ביי אַזאַ שטאַרקן כאַראַקטער ווי זיינעם, איז זי נישט בכח געווען זיך עס קלאָר צו מאַכן. מיט דער צייט האָט עס זי אויך אויפגעהערט צו אינטערעסירן. זי האָט זיך אויפגעהערט צו מאַכן אַ וועזן פון הענעבכס שווייגן, וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט אָט דער פראַגע. ער אַליין? אפשר האָט אים צוגעבונדן איר צווייטע, נאַ־איוו־ריינע זייט, און אפשר האָט ער סתם נישט געוואָלט מאַכן קיין סקאַנדאַלן, אויפמאַכן אַ ברייטן ריס, וואָס זאָל אַריינשרייען יעדן אין די אויגן אַריין? ער האָט געקאָנט שווייגן, טיף איבערשווייגן אויך דאָס וואָס שרייט אַרויס פון אַ  ס ת ם - פאַרשווייגן, אין וועלכן מען קען אויבנאויף דערקענען  ט ר אַ ג ע ד י ע ,  איבערלעבונג... ער האָט, אגב, געהאַט גענוג אויפגאַבן אין וועלכע מען קען אַריינזינקען, אַריינ־קריכן אַהין אַן אויסגעטועניער פון אַלץ אַרום, אפילו פון יענע באַגלייטונ־גען אין לעבן, וואָס שטעקן טיף, אין סאַמע מיטן האַרץ.

דערציילן זיינע מחשבות וועט אַזאַ הענעך זיכער נישט...

# קאַפּיטל עלף

## I

מיטן אויסברוך פון קריג זענען זיי ביידע אַריין אין אַ נייער ווירק־לעכקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די איבל-טעג פון פחד, פון זוכן אַן

אָרט צום לויפן, פון וואַקלען זיך, אויב מען דאַרף לויפן אויף יענער זייט גרענעץ, ווו די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען אָדער נישט. בעת דער גרויסער בהלה פון די וואַרשעווער טעג, פון באָמבאַרדירונג, ווען מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע פון שטוב, געמיינט אַז זיי וועלן באַלד צוריק אַריינקומען און אויף דער גאַס פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער מאַסן־פּאַניק, לויפנדיק צו דער גרענעץ; אין יענע טעג איז אויך העניעך אַוועק פּלוצים. ער איז געגאַנגען צו אַ חבר, אויפן וועג באַגעגנט איין נאָענטן, נאָך איינעם און אַזוי איז ער געלאָפן מיט אַ גרופּע, נישט־אָנזאָגנדיק אפילו פרעדזשען. דאָן איז עס געשען אַזוי מיט טויזנטער, נאָר ביי איר האָט עס — אין מיטן דער גאָר־גרויסער שרעק — אויך אַ שטילן קלאַפּ געטון אין האַרץ מיט חשד: אַהאַ, ער האָט געוואַרט, געוואַרט מיט זיין נקמה ביז אַ פּאַסיקן מאָמענט, ווען די נקמה זאָל ווערט זיין די ליידן... איצט, ווען דער עלנט און די משוגעת האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט און זי איז הילפלאָז און איינזאַם — זאָל זי וויסן, אַז זי האָט פאַרטריבן פון זיך דעם נאָענטסטן...

צו זיין געבליבענער פאַמיליע איז איר שווער געווען צו גיין. זיי האָבן געוווסט, אויב נישט **אַלץ** — איז עפּעס... איבריקנס האָבן זיי זי קיינמאָל נישט גערן געהאַט... דאָן האָט זי אַ סך געטראַכט, אַריינגעקלערט אין דעם, ווי אַזוי פריערדיקע מעשים קענען גאָר־גאָר שפּעטער באַשטראָפן. און דאָ איז זי אין גרויסן, כאַאָטישן וואַרשעווער קעסל איינינקע אַליין, מיט אַ **קינד**...

אָבער העניעך איז געבליבן **הענעך**. אויפן וועג, נישט ווייט פון דער פּראָוויזאָרישער גרענעץ, צווישן די דייטשן און סאָוויעטן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון:

— איך גיי צוריק קיין וואַרשע...

אַלע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם. אויף **אַזאַ** וועג האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז אפילו אַזאַ קלאָרער קאָפּ ווי הע־נעכס זאָל פאַרדרייט ווערן. ער האָט אָבער אַזוי רואיק־קלאָר געשוויגן, נאָכן אָפּזאָגן זיינס, אַז עס איז אומזיניק געווען זיך צו שטעלן אויף אַזאַ

סכנה־וועג מיט אים דיסקוטירן. אגב, האָט זיינס אַ קורצער זאַץ אַלץ זיי אויפגעקלערט:

— ד אָ ס   ק י נ ד ...

אַלע ווייטערדיקע ווערטער זענען איבריק געוואָרן. האָט מען זיך שטום געזעגנט. נאָר די טרערן אין טייל אויגן האָבן זיך צעיאָמערט אויף זייער שטייגער. קיינער האָט נישט געוואָלט פרעגן אים   וו אָ ס   עס האָט אים אַוועקגעריסן און וואָס עס טרייבט אים צוריק. מסתמא האָט ער אַליין געגנג זיך אויסגעראַנגלט מיט זיינע טראַכטעניש. צוריקגעקומען איז ער אַן אָפּגעריסענער, אַ חושכער. נאָר ווען זי האָט אים געזען, איז זי אויף אים אַרויפגעפאַלן און געיאָמערט מיט אַזאַ גליק, וואָס קיינער קען שוין מיט קיין האָר נישט מינדערן. מער איז ער נישט געלאָפן. פון וועג איז ער צוריקגעקומען אַן איבערגעביטענער, אַ נייער... און אויך זי האָט זיך געפילט ווי עפּעס אין גאַנצן אַן אַנדערע.

מיט „יענער” זייט גרענעץ האָט ער געהאַט אַ גאַנץ צעטל פאַרטייאישע חשבונות, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן זיינע, פּערזענלעכע. און אויב אַנדערע זענען געלאָפן טראָץ די אַלע חשבונות האָט ער עס מער נישט געקענט. דעם פיבער האָט ער מיטן ערשטן מאָל געלאָזט אין וועג. די גאַנצע באַוועגונג, די חברים, אַרום וועלכע ער האָט זיך געוואָרעמט און געשפּירט זיין לעבנס־אינהאַלט נאָר צוזאַמען מיט זיי — דאָס אַלץ איז פאַרשוואונדן, צעשוואומען. ווער עס איז אַוועק אין בהלה, מיט געוויין צו דער גרענעץ, ווער — אין געיעג נאָך אַ ניי שטיקל אָרט דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און ווער — נאָך אַ שטיקל ברויט פאַרן טאָג.

אַרום זיי איז געוואָרן שרעקיק, קאַלט און פּוסט. פון אַלע שייכקייטן, וואָס די קרייזן און די מענטשן אין זיי האָבן איר געגעבן, איז געבליבן אַ הוילער אָפּקלאַנג, וואָס האָט זיך געוויגט אין מיטן אַ צעווילדעטן און צעריסענעם שטורעם. ביידע האָבן זיך אויפּאַמאָל דערפילט פאַרלאָזענע און עלנטע. האָט פרעדזשע פאַרגעסן, ווי אַזוי אין נאָרמאַלן לעבן האָט זי אַלץ געררייצט, אַמוזירט און תענוג פאַרשאַפט. זי איז אין יענע טעג אויף טאָפּלט עלטער געוואָרן. עס איז זיך בלויז אויסגעקומען צו קלאַמערן איינס אָנעם צווייטן, ווי אין די לעצטע סלופּעס פון אַן

אריבערגעפאָרענער גרענעץ, בעת מען האָט נאָך היים־ווייען. ערשט איצט האָט זי דערזען, אַז אייגנטלעך האָט זי אויף אַ סטאַביל׳ן אמת, אין דער גאַנצער רעאַלקייט, נ אָ ר א י ם. דאָס איז אירס, דאָ קען זי זיך קלאַמערן ווי אין אַ שוץ קעגן דער הפקרדיקער אַליינקייט. ער איז איר באַגלייטער אין דער דאָזיקער איינגעפינצטערטער וואַרשע־וועלט, וווּ עס עקזיסטירט גאָרנישט פריי, אויסער די גרין־מונדירטע חיות.

יאָ, א ו י ך דאָס קינד! דאָס ערשטע מאָל האָט זי עס אפשר ערשט ד אַ ן דערזען; אַזוי שאַרף און פריידיק דערשפּירט, אַז עס איז איר נאָך עפּעס פאַרבליבן, גאָר אַ סך פאַרבליבן. זי האָט עס און ס׳קען ווערן איר אינהאַלט און טרייסט. זי איז פּלוצים באַרייכערט גע־וואָרן מיט נאָך אַ שטיק לייב אירס, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט גע־האַט קיין צייט אַזוי שטאַרק צו באַמערקן. זי האָט עס שטענדיק געהאַט געגעבן זיך, מסתמא האָט זי עס אויך דאַן געגלעט, געצערטלט. דער גע־רויש אָבער, וואָס איז מיט איר שטענדיק מיטגעקומען און געווען ביי איר אַפילו אין די שטילסטע ווינקעלעך, האָט זי אַפילו אין יענע מ ו־ ט ע ר־ מ י נ ו ט ן אָפּגעצויגן שטיקערווייז ערגעץ אַנדערשווו. האָט זי עס געזען און נישט געזען, געהאַט און נישט געהאַט. עס איז געווען אירס, זי האָט אָבער געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן: נאָענטע, חברים, שפּיל, ווינקלען, געזעלשאַפט... אַ וועלט! איצט, ווען אַלץ איז זיך צע־פלויגן, האָט זיך איר בליק געמוזט איינשמעלערן צו דעם, וואָס עס איז פאַראַן — און ווו די בליקן זענען נישט געפאַלן אין דער אָפּגעשלאָסע־נער שטוב, האָט דאָס קינד אַרויסגעשיינט...

הענעך און דאָס קינד. און אינעם קינד האָט ער אַ גלייכן חלק. ער און זי — באַזונדער האָט יעדער פון זיי גאָרנישט, זיך אַליין אַפילו נישט. צוזאַמען אָבער האָבן זיי איינער דעם צווייטן און דערצו האָבן זיי אַ ליכטיק מיידעלע, וואָס ווייסט נישט און וויל נישט וויסן, וואָס דאָרט אויף דער גאַס קומט פאָר, אויב מען מאַכט חרוב די ערד און מענטשן גייען און פאַלן... עס שמייכלט, לאַכט; דאַרף מען ווערן איינס, בכדי מיטצולאַכן, מיטשמייכלען און האָבן דעם אייגן־פאַרלוירענעם

שמייכל באהאלטן און איינגעגראבן, ווי א ירושה־אוצר, אין דעם קינדס ליפעלעך...

שפעטער זענען געקומען שווערע טעג, שווערע וואכן און יארן. יא, יארן אין ווארשעווער געטא לאזן זיך נישט אזוי לייכט איבערדערציילן, בפרט יארן פאר העגעכן און פרעדזשאן, מיט זארגן פאר א קינד אין געטא. העגעך איז געווארן נאך ערנסטער און פארטראכטער. אויך זי איז אדורכגעגומען געווארן מיט שווערע, ערנסטע פליכטן. זי האט גע־זוכט מילך פארן קינד, פראדוקטן. אויף וועלכע וועגן איז זי דען נישט געגאנגען!? עס האט זיך אויך צוריק געמאכט א שטיקל קאנטאקט מיט חברים, מען איז זיך צוזאמענגעקומען און אויסגעטראגן בציבור די שווערע שטיקער צייט, אויסגערעדט זיך. נאר אז ס'איז געקומען דער טאג ווען מ'איז ארויף צום אומשלאגס־פלאץ, האט די פאניק איר פאראַ־ליזשירט די הענט. עס זענען אוועק טעג פון משוגענע באהעלטענישן, ארויסדרייען זיך און ציטערן פאר יעדן שיין און שארך, ביז צום אריינ־פאלן.

...געגאנגען איז זי אהין אן העגעכן. ער איז פונקט ערגעץ אוועק און נישט באוויזן צוריקצוקומען, ביז דער געווירבל פון כאפענישן האט זיך ווידער אנגעהויבן. א מאדנע גורל אזא ביי זיי, וואס זיי מוזן זיך אלעמאל צעשיידן און זיך ווידער טרעפן. זיך טרעפן און ווידער שיידן, פונקט ווי די אינערלעכע, געמישטע געפילן וואלטן זיך אויסגעווירקט אויף דער געהיימער פאטאליטעט פון גורל... איז זי געגאנגען און מיט געפרוירן־שטייפע פינגער אנגעהאלטן דאס קינד, ביז צווישן די טויזנ־טער אנגעזאמלטע צום אוועקשיקן. ערשט דארט האט זי באגריפן דאס גרויזאמע פון דער סיטואציע:

— פון דאנעט ווערט מען אוועקגעפירט צום טויט! ווען עס זאל זי נישט באַרירן, איר אייגענע הויט, וואלט זי אויף זיכער געוועזן ארויס־געלאכט אין מיטן פלאץ, צוליב אט דער מאדנער משונהדיקייט: עס זיצן דא מענטשן, יונגע און געזונטע, מיט פרישע קאלירן אין פנים און דאך — וועלן זיי באלד אלע ט ו י ט זיין! היינט אדער מארגן? עס איז נישט קיין אונטערשיד... און — אויך ז י ...

זי האָט נישט איינמאָל געטראַכט אין אירע יונגע יאָרן, ווי אַזוי מענטשן שטאַרבן. זי האָט זיך געשראָקן פון שטענדיק אָן פאַרן טויט. דערפאַר האָט זי געטראַכט פון אים, געוואָלט דורכן טראַכטן און אויסמאָלן אים פאַר זיך, אים אָפּצושטופּן און דערווייטערן אויף אַ לענגערע צייט. אַלנפאַלס די שרעק פאַר אים צו מילדערן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי מען ווערט אַלט און מיד; די אברים זאָגן זיך ביסלעכווייז אָפּ צו געהאָרכן, מען ווערט קראַנק, אַלע גלידער טוען וויי, אומעטום ברעכט, קראַכט... ווי שרעקלעך עס טוט דאַן וויי! און ווען די גלידער לעשן אין זיך אײַן דעם ברען, עס רינען אויס די לעצטע כוחות, הייבט מען אָן צאַנקען, פאַרגייט מען, מ׳טונקלט איין ביז — מען שטאַרבט!...

אָבער זי איז ערשט אַלט 22 יאָר! אַלע אברים אין איר זענען אָנגעגאָסן מיט פרישן, אביסל נאָר-פאַרמאַטערטן געזונט. גאַרנישט טוט וויי — טאָ ווי אַזוי קען עס זיין? ווי אַזוי קען זי עס גיין צום טויט? איז עס דען מעגלעך? שטענדיק, נאָכן אַריינטראַכטן, האָט זי זיך געזען אַזוי ווייט פון שטאַרבנדיקן צושטאַנד, אַז אויך איצט קומט עס איר פאָר ווי אַ בייזער ליגנט... אויב אפילו ס׳זאָל וואָר זיין — קען זי עס אָפּלייקענען! זי מוז עס מאַכן! דער טויט ליגט נישט אין איר, איז נישט איינגעגראָבן אין אירע גלידער, מ׳זאָל אים מער נישט אַרויסטרייבן. ער שוועבט נאָך דערווייל אַרום אין דער לופט, ווייט און אָפּגעזונדערט... ביז דער לעצטער מינוט האָט ער נישט די חוצפּה זיך צו באַזעצן אין אַזעלכע געזונטע כוחות און אָנהייבן זיינע פאַרשפּילן פון עקלדיקן אָפּשוואַכן... פון אַזאַ טויט קען מען נאָך אַנטלויפן צו אירע ווייטערדיקע, געזונטע יאָרן! דאָס איז אַזאַ מין שטאַרבן וואָס, אָדער עס איז גענצלעך נישטאָ אין דיר קיין שום שפּור פון אים — אָדער ער גיט אַ קורצן ברען אַריין אין דיר און — שוין, אַלץ איז פאַרלוירן!

זי האָט דאַן געשוידערט. קען דען דער טויט זיין אַזוי נאָענט פון איר? אַז זי זעט נישט, שפּירט נישט אפילו זיין מינדסטן באַריר אויף איר הויט — סיידן די אימה — וואָס ווייעט פון אים און כאַפּט זי

אָרום, ביז פיזישער שפּירעוודיקייט! יאָ, דאָ מוז זי עפּעס טון. דאָס וואָרט, דער געדאַנק אַז זי מוז, פאַרכאַפּט זי אין גאַנצן. עפּעס שפּאַלט זיך איר געדאַנק אין צווייען: אַ העלפט איז משוגע, צעיאָכמערט און אָן קאָנטראָל און אַ צווייטע העלפט וואָס זוכט, קלערט, טראַכט וועגן אַן אויסגאַנג... זי שאַרפט איר שכל, אָבער אין דער דאָזיקער ריכטונג ביזן פאַרלירן די אַנדערע שכל־רעזערוון אויף אַנדערע פּונקטן, ביזן לויפן סטיכיש, ווי אַ צעדולטע איבערן פּלאַץ, זוכן אַ רעטונג, בעטן זיך ביי דער פּאָליציי און קושן זיי די שטיוול און הענט... ביי וועמען וואָלט זי דען נישט געבעטן אין אַזעלכע מינוטן? אַז מען קען דאָ אויסבעטן אַ לעבן, וואָס קען זיך נאָך ציען לאַנג, אַזוי לאַנג! זי האָט דאָך ערשט דאָרט באַגריפן — צווישן אָט די אַלע מענטשן, וואָס וויינען שוין מיט קאַלטע, פאַרגליווערטע טרערן, וועלכע זענען גלייכגילטיק־פאַר־שטאַרט געוואָרן גראָד צוליבן שטאַרקן חשק צו לעבן — אַז דאָס האָט זייער לעבנס־ווילן זיי פאַרשפּאַרט דעם לעצטן וועג צום רירן מיט אַן אבר... האָט אין זיי אַלץ אָנגעגאָסן, איבערגעגאָסן דעם חשק ביז אוממעגלעכקייט ...זי איז נישט געווען אַזוי ווייט אַוועק — האָט זי נאָך געזען זייער פאַרכאַפּטקייט מיט דער לוסט, וואָס מאַכט נישט גלויבן, אַז אַזאַ טייערע זאך וועט זיי נאָך גענומען ווערן! זי אָבער באַגרייפט נאָך דאָס איינע, וואָס עס הייסט: לעבן אָדער נישט לעבן... איז זי געלאָפן, געריסן, געשריגן, געבעטן — אָן דער מינדסטער באַרעכענונג אויסער דעם; אָן צו וויסן קלאָר וואָס עס טוט זיך מיט איר און די אַרומיקע, וויפל מען וועט קלויבן און ווער עס וועט דאָ בלייבן...

ביז אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומזיסט. די פאַרצווייפלונג האָט ערשט דאַן אַרויסגעשפּאַרט פון איר מיט אַלע כוחות און זיך אויס־געצאָרנט ביזן גאַנצן. איז נאָך דעם געקומען אַ קאַלטע, בלאַסע ניכטערנ־קייט פון אַ נאָך אַלעם. האָבן די אויגן אָנגעהויבן זען, אַז זיי זעען טאַקע. דאָס געזעענע האָט גענומען אַדורכדרינגען ביז צום מח און זי האָט אַרומגעקוקט זיך אַז זי גייט, זי גייט מיט אַלעמען אין די וואַגאָנען... און גיין — גייט זי אַליין ... דאָס קינד? זי

האָט אפילו נישט געוווסט, אויף וועלכן אָרט זי האָט עס געלאָזט, ווו עס איז געבליבן און וויפל צייט זי האָט עס שוין נישט געבן זיך...

שפעטער האָט זי זיך דערוווסט, אז העניך איז געווען אויפן זעלבן פלאַץ וואָס זי... זי ווייסט נישט, נאָר זי איז חושד אז ער, דער קלוגער שוויגער, האָט זי אפשר געזען ווי זי לויפט אדורך, רייסט זיך, שפאַרט זיך צו א ברעקל שיין פון רעטונג... האָט ער זי אפשר נישט געוואָלט אָפּהאַלטן? זאָל זי זיין אַליין, קיינער זאָל זי אין אַזעלכע מינוטן נישט בינדן מיט זיך! מיט זיין פילאָזאָפיש־בייזן שמייכל, גראָד אין די אומ־גליקלעכסטע מינוטן, האָט ער אפשר געוואָלט פאַרשטיין איר אימפּולס, דעם דראַנג אירן לעבן צו בלייבן: מילאָ, זאָל ז י זיך ראַטעווען! און געגאַנגען איז ער צום טויטן־צוג באַזונדער אַזוי ווי זי; אין דער זעלבער מינוט, אפשר, וואָס זי... דאָס האָט ער איר שפעטער אויך נישט געזאָגט.

...אין מאַידאַנעק, ווען מ'האָט זי אריינגעגעבן אין פרויען־פעלד אריין, האָט זי אפילו באַהערשט אַזאַ מין הפקרדיקע פרייקייט. זי איז גע־גאַנגען אין א דין קליידל, מיט נאַקעטע פיס אין שיכלעך. עס זענען אַנ־געלאָפן אַזויפיל געשעענישן, וואָס האָבן זיך אריינגעשפּאַרט אין יעדער מינוט אריין, איינע האָט זיך אריבערגעריסן איבער דער צווייטערס נישט־דערענדיקטן ג ע ש ע ן , אז מען האָט געקענט פאַרגעסן לאַנ־גע יאָרן פון פריערדיקע לעבן...

האָט זי אַמאָל געהאַט א מאַן, א העניך, מיט א קינד? ניין דאָס האָט שוין געמוזט זיין זייער לאַנג, פאַר א ז ו י פ י ל, אַזויפיל געשעענישן! און אפשר איז עס גאָר געווען א בלויזער חלום, א ווייטער און פאַרנעפּלטער, פון רו־צייטן און א זאַט לעבן? ווייל, אויב עס איז געווען אַמאָל, מיט לאַנגע צייטן פריער — טאָ ווי אַזוי זשע איז זי איצט אַזוי יונג? א מיידעלע איז זי דאָך נאָך, מיט א שמאָלער טאַליע און א ל יי ן ... מסתמא לעבט זי אַזוי גאָר שטענדיק אין מאַידאַנעקער קאַשמאַר און ס'איז ביי איר קיינמאָל נישט אַנדערש געווען. זי קען דאָ נאָר אַרויסגנבענען, פון טויטס מאַגאַזינען, נאָך א טאָג לעבן, נאָך א טאָג... און אין די פרייע מינוטן פלאָנטערן זיך אריין אין קאָפּ ברעקלעך

פון פאַנטאַזיעס וועגן אַ לעבן, איבער וועלכן ס'האָט איר וועד דאָ דער־ציילט... די פאַנטאַזיע־שטיקלעך קלאַפּן זיך צונויף, ווערן שטיקער גאַנצ־קייט און וועבן זיך אויס אין מחשבה ווי אַן אייגן לעבן, וואָס זאָל אין איר האָבן געווען...

די טעג דאָ רייסט זי אַרויס, גנבעט זייער לעבן פאַר זיך און בלויז פאַר זיך. מער האָט זי פאַר קיינעם נישט צו גנבענען. זי האָט אויך קיינ־מאָל נישט געהאַט פאַר וועמען... נישט געהאַט? אוודאי נישט! ווייל, ווי אַזוי איז דען דאָס מעגלעך אַז זי, דאָס יונגע, שלאַנקע מיידל זאָל האָבן אָפּגעלעבט יאָרן מיט אַ מאַן, אַז פון אירע אַבֿרים אַרויס זאָל שוין האָבן זיך אָפּגעבראָכן און אַרויסגעוואַקסן אַ ניי לעבן, אַ קינד פון בלוט, פליש און רייד? פאַרוואָס דערקענט מען עס אין איר גאָר־נישט?

...אָט די האַלוצינאַציעס פון אָפּטרייסלען איר וואָך לעבן פון פריער און ווערן די יונגע, נאָר אַליין - געפאַנגענע; דאָס פאַרלירן די שאַרפע קאָנטורן פון באַוווסטזיין די ערשטע טעג, האָבן זי אפשר גע־ראַטעוועט... ווי וואָלט געווען, ווען זי איז ביים גאָר־קלאָרן געדאַנק, די ערשטע מינוטן נאָכן אַריינפאַלן אין לעבעדיקן גיהנום? זי ווייסט נישט? אַז יאָ — ווייל זי אויך נישט וויסן... ס'איז דאָס איינ־ציקע, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך שעמען! אַלע דאַרפן זיך שע־מען, וואָס זיי זענען אַזוי אָרום באַשאַפן... דאַן אָבער האָט זיך איר גע־דאַנק אויף אַנדערע פליגלען געטראָגן:

— אַ קינד? דאָס מוז זי חלומען! ווען נישט — פאַרוואָס איז עס נעבן איר נישטאָ? עפּעס געדענקט זי יאָ, אַז זי האָט עמיצן געהאַלטן פאַר אַ האַנט, ביי די פינגער פון אַ ווייך הענטל האָט זי געהאַלטן... דוכט זיך, האַ? אָבער ניין, זי וואָלט עס זיכער נישט געווען אָפּגע־לאָזט! ווי מיט אַ צוואַנג וואָלט זי עס געווען צוגעקלאַמערט צו זיך, נישט אַוועקגעוואָרפן... נישט נאָר איר קינד, נאָר אפילו סתם אַ וואַ־רעם און צוטרוילעך קינדיש הענטל... און אין וואָגאָן געדענקט זי שוין, איז זי אַריינגעגאַנגען אַליין, זי געדענקט עס אויף זיכער! קען מען דאָך משוגע ווערן צווישן די וואָרע זכרונות און אַריינגעפּלאָנטערטע האַלוצי־

נאַציעס! מוז מען נעמען די וואָר לויט דעם ווי עס איז א י צ ט ... דאָס איז בעסער און לייכטער איבערצוטראָגן — ווי שרעקלעך אָט די וואָר זאָל נישט זיין...

...משוגע אין די ערשטע טעג פון מאַידאַנעק איז זי נישט געווען! עס איז נאָר געווען אַן אַטראָפּירונג און אויסגעמיש פון אַ טייל אין איר זכרון. און עטוואָס איז זי — מיט איר פולשטענדיק-געזונטן טייל מאַרך, וועלכער האָט נישט געלאָזט אינגאַנצן פאַרגעסן נאָר געוועקט די ספּי־קות — געווען צופרידן דערפון וואָס זי איז אַליין. דאָ איז עס בעסער. אין מאַידאַנעק, אויב עס איז שוין אַזוי. ווער שמועסט אַז מען קען זיך איינבילדן אַז עס איז שטענדיק אַזוי געווען... זי איז צו קיינעם נישט צוגעבונדן — וועט זי זיך קענען אַליין אַדורכשלאָגן דורכן לעבן; ווען נישט — וועט זי פאַר קיינעם נישט פאַרלוירן גיין און נישט בלייבן שטעקן אין עמעצנס צער און זאָרגן...

און שפּעטער, אפילו אין פולשטענדיקסטן באַוווסטזיין, האָט זי זיך באמת אין דער ריכטונג צו קלערן, צו דענקען... נישט קיין זינד פון פריער, נישט קיין פרייד פון אַמאָל... זי איז אַליין, פאַר זיך, פאַר זיך — — —

...בלויז דאָ, אין ווערק צע, האָבן איר דעם צווייטן טאָג פון געפּי־נען זיך דאָ, אַ ברי געטון אַ פּאָר אויגן, מיט שאַרפער בייזקייט, ליבע און — איר האָט זיך אפשר געדוכט — איראָניע... אַ ווייטע פאַרגעסנ־קייט האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטון מיט ליבס און פרעמדס, מיט שרעקלעכער פרייד און אַ ווידערוויל ווידער צו ווערן די פריערדיקע... נאָר אַ געשריי רייסט זיך אַרויס אין באַטראַכטונגען:

— ה ע נ ע ך ! ! !

II

דער ערשטער אויסדרוק אירער איז געווען אַ שאַרפער, אַן איני־סטינקטיוו-פריידיקער. נישט זי האָט עס אַ געשריי געטון, גיכער האָט פון איר אַרויסגעשריגן די איבעראַשונג. די איבערלעבונג האָט דאָ אָבער געהאַט מער אָרט ווי די פרייד. שפּעטער זענען געקומען טעג, ווען

עס איז איר סתם גוט געווען דערמיט, וואָס זי האָט אין דעם פּרעמדן מענטשן־ים — אין וועלכן זי דאַרף קומען יעדן פאַרנאַכט פון דער פאַב־ריק — אַן אייגענעם מענטש, וועלכן זי קען שוין אַזוי לאַנג... מער נישט, נאָר: אַ מענטש וואָס זי קען שוין פון פריער... דאָס איבריקע געדענקט זי שוין נישט און זי וויל זיך עס קלאָר נישט דערמאָנען... ניין, עס טאָר גאָרנישט זיין אַזוי, אַז אָט דער אַזוי־אויסגעדאַרטער, מיטן איינגעצוי־גענעם, שרעקלעכן פּנים זאָל האָבן געווען מיט איר אַזוי נאָענט, זאָל האָבן געווען א יי נ ס מיט איר. אויב יאָ — דאַרף זי זיך איצט, צוזאַמען מיט אים, פילן ווי אַ סקעלעט... און דאָס קען זי נישט וועלן! ווי אַזוי וואָלט זי עס געקענט פילן, אַן אַ ווידערווילן, דעם באַריר און די צערטלעכקייט פון אַזעלכע שוואַרצע ביינער־פינגער אויף איר לייב און נישט אויסצושרייען דערבײַ? זענען טאַקע אַמאָל געווען אַזעלכע צייטן, יאָרן גאַנצע? דאָס איז דאָך אַ ליגנט, וואָס זי מוז זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַפילו ווען עס איז א מ ת געווען אין אַנדערע, פאַרנעפּלטע צייטן! קיינער טאָר דערפון נישט וויסן, זי אַליין אויך נישט. דאָס קען וואַרפן אויף איר אַ נמאסקייט ביי אַנדערע אין די אויגן און זי אַליין וועט אָנהייבן פילן אַן אָפּשטויסנדיק געפיל צו אירע גלידער, וואָס האָבן זיך גענומען אויפסניי דאָ אויסטאָקן און שיין ווערן... ווײַ, וואָס פאַר אַ מראה דער מענטש האָט עס דאָ באַקומען!...

נאָר טרעפן זיך מיט אים וועט זי, מוז זי זיך. ער איז פאַר איר ווייטער ע פּ ע ס געבליבן. יאָ, ער איז דער איינציקער, וועלכער ווייסט אַזוי צו פרעגן מיט זיין שוואַכער, שטיל־איינגעבראָכענער שטים פון אַ זקן:

— דו געדענקסט, פרעדזשע, ווי אַזוי מיר זענען געזעסן דעם ערשטן מאַי ביינאַכט — אין וועלכן יאָר איז עס געווען? — און מ'האָט געזונגען? אַזוי שיין געזונגען האָט מען דעמאָלטס! דו האָסט דעקלאַ־מירט לייוויקן, רייזענען... אמשענסטן האָסטו געזונגען „הוליעט, הו־ליעט, בייזע ווינטן...״

ס'איז איר וואַרעם געוואָרן און ענג... טרערן האָט עס ביי איר אַרויסגערופן. איז זי אַלע פאַרנאַכט צוגעקומען צו זיין באַראַק. שוין

באַלד די ערשטע טעג האָט זי באַוויזן צו ברענגען פאַר אים אַ שטיקל ברויט פון פאַבריק. ער האָט עס צוגענומען מיט דער אויסגעדאַרטער האַנט און עס לאַנג־לאַנג געקייט, מיט די עטלעכע שוואַרצלעכע ציין, וואָס זענען אים געבליבן... ברענגט זי אים אַזוי יעדן טאָג.

עס ווערט איר אַפילו שטאַרק גוט דערפון, וואָס זי קען אים געבן ברויט, צוקוקנדיק זיך, ווי אַזוי ער נעמט אויף יעדעס ברעקל אין מויל, און ווי אַזוי דער ביינערדיקער קנאַפּ אין האַלדז וואַרפט זיך ביי אים, מיט צופרידענעם אומרו, ווען די ביסנס לויפן דאָרט אַדורך, פאַרהאַלטן זיך אַ ווייל און ווערן פאַרפאַלן אין דער נידער... ס'איז אַ צופרידנקייט, פאַר וועלכער איר איז כדאי געווען אונטערצוהונגערן און האָבן דאָס שטיקל ברויט אים צו ברענגען און אויך האָבן די הנאה פון צוזען זיין קיי־גליק... אָט אַזוי האָט אוודאי געפילט יענע מיידל אין סדום, ביים ברענגען דעם אָרעמאַן איר שטיק ברויט צוגעדעקט אין אַ קריג! ס'איז אַזאַ מין פאַרגעניגן, פאַר וועלכן מ'קען זיך אַמאָל אויסשטעלן אויף סכנות...

ווען ער נעמט דאָס ברויט — ציטערן ביי אים אַביסל די הענט... איז עס פון אויפרעגונג! אָדער אפשר איז עס פון אַ פרי־געקומענער עלטער? און אפשר פון איבערראַשטן גליק ביים דערזען ב ר ו י ט פאַר זיך? זע־זע ווי געדונצלט ער איז! און ער איז דאָך נאָך ווייט פון פערציק. זי האָט זיך איצט מורא צו דערמאָנען ווי אַלט ער איז. ניין, זי געדענקט נישט אויף געניי... זי וויל אָוועקשאַרן די צו־שאַרפע קאַנטשאַפט מיט אים. זי וויל, עס זאָל זיך איר דוכטן, אַז דאָ שטייט פאַר איר אַן אויסגעהונגערטער זקן, וועמען זי האָט געגעבן אַ שטיק ברויט, ווי אַ נדבה און ער קייט עס ציינלאָז; קייט און גיט איר דערביי אַ שטומע ברכה פאַר איר גוט הארץ... ווייטער גאָרנישט. פונקט ווי אַמאָל פלעגט זיך איר עס טרעפן, אויף איינעם פון די שמוציקע וואַרשעווער הייף. און אַז עס האָט איר אין מיטן עפּעס געגעבן אַ שוועב־אויף אין זכרון, האָט עס זי אויפגעשוידערט. זי האָט אויך, מיט אַ נישט־איינגאַנצן באַגריפענער מורא, געטראַכט אַז עס איז נאָך גוט, וואָס אָט דער אויסגעמאַגערטער שוואַכער מענטש מוז דאָ גיין נעכטיקן אין אַ באַזונדערן

באַראַק און זי מוז אויך גיין, באַלד נאָכן אַרייַנטרייבן די מענטשן, צו זיך — ווו זי איז צוזאַמען מיט אַזויפיל מיידלעך... וואָס וואָלט זי געטון, ווען דאָ איז אַנדערש? ווען דאָ דאַרף זיין ווי אַמאָל, העט־ווייט אַמאָל? אַז אפילו אויפן געלעגער הויבט זיך איר אָן צו דוכטן, אַז צו איר רוקט זיך, עס גייט אויף איר אַזאַ שוואַרצער, בלייכער שאָטן... זי ציטערט פאַר שוידער, קלאַפּט אָן מיט שרעק אין דער שכנטעס זייט מיטן עלנ־בויגן און אַמאָל שרייט זי אויף פון שלאָף!

הענעך איז דאָ איצט אַליין. אין זיינע אָפּגעריסענע שטיקלעך מל־בושים זינקט ער איין צווישן די פּריטשן פון פרידלאַנדס באַראַק. קיי־נער באַמערקט אים נישט, זעט אים נישט, קוקט אפילו נישט אויף אים. טאָמער גיט ער זיך נאָר אַ קליינעם רוק אַרויס פון דער ריי, נעמט באַלד אויף אים האָגלען מיט קלעפּ פון אַ פּאָליציייאיש גומקעלע. וואָס זשע איז ער דאָ? ווער קען אים דאָ דען באַשיינען, מאַכן אינטערעסאַנטער? ער אַרבעט בייטאָג ביים טראַטיל, ווי אַלע אָן מזל דאָ, און זיין פּנים ווערט אויפגעפּרעסן, איינגעטריקנט. די ביינער זיינע הייבן זיך אָן אַרויסצו־זען אַלץ מער און מער. בלויז זיי, די אויגן זיינע, צווישן דעם ביינער־געק־קנופּ, איינגעקלאַמערט אין געלע קלאַמערן פון ביין, רוקן זיך איצט אַרויס אַזוי־מאַוויימדיק און אָפּשטויסנדיק... וואָסזשע קוקן זיי נאָך אַ ז ו י אויף איר, אויף פרעדזשען? זי ברענגט אים ברויט, שטייט נעבן אים. אָבער איטלעכס מאָל וואָס זי ברענגט אים עטוואָס — וואַקסט זי אויף נאָך העכער איבער אים און זיין טרויעריקן אויסזען. דאָס איז אַ מענטש, וואָס רופט מיט זיין געבראָכענעם גוף, מען זאָל אים שענקען מיטלייד! אויב נישט — וועט ער בייז זיין, פרעסן אַלעמען מיט דעם זשאַווער אין זיין בליק... אויך זי האָט אויף אים רחמנות. זי הונגערט אונטער, בכדי מיט עפּעס איינצושטילן אין זיך דאָס רחמנות־געפיל, עס באַרואיקן. דאָס גיט איר אָבער אַ שטאַרקייט איבער אים, אַן אָפּציענדיקע דערוווייטערט־קייט. קען זיין, אַז דאָס ברענגט זי אים דאָס ברויט, בכדי זי זאָל זיך קענען אָנ ז ע ט י ק ן מיט זיין נ ע ב ע כ ד י ק י י ט. דאָס וועט מסתמא, אין פאַרלויף פון אַ שטיקל צייט, דערשטיקן אין איר יע־נעם בינדונגס־רוף, וואָס ברענגט זי אַלע פאַרנאַכט כמעט־בגוואַלט אַהער...

עס ווערט איר אומאַנגענעם. זי קלערט שוין אפילו, אַז זי דאַרף נישט קומען אַזויפיל! יאָ, זי קען עס אים צושיקן מיט וועמען! ווען זי אַליין קומט — טענהט ער אַריין אַזויפיל אין איר, בפרט די לעצטע טעג! און זי שרעקט זיך פאַר זיינע רייד. עס מאַנט אין זיי עפּעס ביי איר, פאַרלאַנגט עס אָן קלאָרע רייד... און אויך זיין קול, וואָס ווערט געדעמפּט, הייזעריק און אונטער־נאַזיק, ווערט איר איבערדריסיק, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אויף איר אַרויפגעלייגט און געזויגן דאָס וואַרעמקייט פון איר פלייש אַרויס... פאַרוואָס זשע קומט זי טאַקע אַלעמאָל אַהער, האַ?

ווייל זי וויל זיך נישט מודה זיין, אַז דאָס וויל זי אויסמיידן אַ פאַרבינדונג, אַ רינג, וואָס ליגט אויף איר יעדע רגע און הגם קיינער זעט נישט איר פאַרקייטלונג מיט אים — קומט זי! זי קרישלט אָפּ איר פאַרגאַנגענהייט מיט די שטיקלעך ברויט, ווי מען צאָלט אויס אַ חוב, וואָס מען ווייסט נישט, ווי אַזוי מ׳איז אין אים פאַרוויקלט געוואָרן... נישט קומען? וועט זי גאָרנישט אויסלאָדן פון זיך און די גאַנצע לאַסט, מיט איר פולער שווערקייט וועט הויערן אויף אירע מחשבות! עס ווערט איר לייכטער מיט יעדן טאָג, וואָס זי זעט אים, הגם עס איז איר גלייכצייטיק שווער. זי ווייסט דאָך, אַז זי קומט אים עפּעס. מיט יעדן טאָג וואָס זי שענקט אים אַ טראָפּן דערנענטערונג, וואַרעמקייט — אפילו נאָר ווען ער מיינט אַז דאָס איז וואַרעמקייט פאַר אים, ווען זיין אילוזיע מאַכט עס אים גרעסער און פאַרמעגנדיקער — ווערט איר חוב וויניקער און פאַרשמעלערט. וואָס מער זי קומט איצט — אַלץ אָרעמער ווערט זיין טייל אין איר. זי קומט, ווייל זי וויל נישט קומען. עס טריפט פון איר אַרויס טראָפּן נאָך טראָפּן. זי ווייסט עס — דערפאַר זעט זי אים יעדן פאַרנאַכט ביז זי וועט קענען איבעררייסן.

## III

זי האָט געהאַט אַ שווערע, אָרעמע יוגנט. אין שטוב האָט זי נישט געקענט חלומען פון אַ וועלכער עס איז פרייד און פאַרגעניגן. ווען זי איז

עלטער געוואָרן, האָט זי פאַרשטאַנען ווו מ'קען געפינען פרייד, גליק — אפילו אין דער גרעסטער נויט: מען קען ליב האָבן און געליבט זיין. צו דעם קען מען דערגרייכן אין די אָרעמסטע ווינקלען, גענוי ווי אין דער גרעסטער עשירות. זי האָט עס נישט איינמאָל אָנגעטראָפן, ווען עס האָט אויף איר אַ פּאָך געטון מיט די פליגל אין אַ פאַררויכערטן, אָרעמען לאָקאַל. זי האָט עס דערזען און דערשפּירט. מען דאַרף בלויז זען, אַז אַלערליי גליק־שטיקלעך זאָלן נישט זיין בלינד און האָבן די אויגן אָנגעשטעלט אויף איר. דאָס איז געווען אַמנאָענטסטן צו איר און דערגרייכבאַר — דערפאַר איז עס געוואָרן איר ל יי ד נ ש אַ פ ט.

הענעך איז געוואָרן דער שליסל זי אַריינצופירן, געבן איר מער מעגלעכקייטן פון ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. יענע טיר אָבער, צו וועלכער ע ר איז געווען דער שליסל, איז שוין אויפגעבראָכן און אין חדר איז פּוסט און חרוב. ווי אַזוי זשע קען עס זי נאָך צוהאַלטן? דער קנופּ פון יאָרן אפשר, צווישן וועלכע עס האָט זיך שוין פאַרלייגט אַ טייך אין מיטן — און עס איז נישט מעגלעך מיט קליינע געוויינטשאַפטס־ל ע פּ ע ל ע ך אים אויסצושעפּן?

זי וואָלט זיכער אויפגעהאַלטן צו אים דאָס וואַרעמע געפיל, פון אַ נאָענטן צ ו אַ היימישן. עס וואָלט זיכער לאַנג געדויערט ביז ס'וואָלט דערפון זיך עפּעס אָפּגעריבן. האָט ער זי אָבער צו אָפּט געזען, געשמועסט מיט איר און פון יעדן וואָרט זיינעם האָט זיך בולט אַרויסגעהערט דער באַוווסטזיין, אַז ער איז מיט איר, אַז זי איז זיינע... ער האָט נישט געבעטן ביי איר קיין רחמנות, ווי זי האָט עס פאַרשטאַנען. און מאָדנע, ווי אָט דער מענטש, מיט די אָדערן־אָנגעצויגענע, אויסגעדאַרטע, שטעקעלעך־פים קען נאָך רעדן אַזוי שטאָלץ און מאָנענדיק: אַזוי רעכט־באַוווסט אָנוואַרפן זיין „איך" אויף איר! פון זיין זכרון איז גאָרנישט אויסגעמעקט געוואָרן; ער האָט דאָס אין יעדן וואָרט זיינעם דערזאָגט דורך זיינע טענער — האָט זי אים פיינט באַקומען!

פ יי נ ט ? צום ערשט האָט זי זיך אַליין דערשראָקן פאַר אָט דעם געדאַנק. ווי? פאַרוואָס זאָל זי פיינט האָבן הענעכן? ער איז דאָך שטענדיק געווען אַזוי גוט צו איר, אַזוי פיין און איידל! און איצט, וואָס זאָגט

ער דען? ער היט זיך דאָך איר נישט ווי צו טון מיטן מינדסטן וואָרט! וואָס קען זי האָבן צו אים?

זי זעט אים אָבער כסדר. וואָס עס גייט אוועק אַ וואָך, אַ טאָג, רייסט די אַרבעט פון אים אַראָפּ אַלץ מער און מער די מלבושים צוזאַמען מיט שטיקער גוף. פון די שמוציקע לעכער־צווישן זעט זיך אַרויס שטיקער ברוּ־דיק, ביינערדיק לייב. איר דוכט זיך אויס, אַז אויך זיינע רייד ברענגען אין איר אָנצושלעפּן דעם קויט פון זיינע פאַרבּרענטע, שוואַרצע ציין; דעם אויסגעשווייסטן שטויב אויף זיינע בגדים און קערפּער... זי האָט לייכטערע אַרבעט, זי קען גיין באַזונדער און ווערט צוריק שיין, יוגנט־לעך שיין. זי פילט נאָך גאַרנישט פונעם ווערק צע אויף זיך. ווען אפילו יאָ — וואָלט זי עס אויף זיך נישט דערזען. א י ם זעט זי מיט די אויגן אַזוי ווי ער איז א י צ ט; ז י ך אָבער געדענקט זי גיכער אַלס די אַמאָליקע לויפּערקע, ווען דער זכרון איז נאָך פול מיט בענקשאַפט צו יענעם אַנדערן אויסזען... גיט עס אין איר אַ קאָך אויף: וואָס וויל אָט דער מענטש פון איר? אַזעלכן, ווי ער איז איצט, האָט זי קיינמאָל נישט געזוכט, נישט געוואָלט! ער בלויז וויל, מיט די אויגן זיינע, מיט די רייד־אָנגעהערענישן, זי צוהאַלטן ווי אַ גורל־שותּפטע צום גאַנצן קויט, צו זיין גאַנצן לעבן, וואָס לעשט זיך, צאַנקט און גייט אויס... זיין מיט אים פאַר־בונדן — הייסט: ווערן דאָס, וואָס ער, אַפילו ווען זי זאָל איר געשטאָ־קעוועט קליידל פּוצן יעדן טאָג.

מיט אירע פול־בליענדיקע, יונגע 23 יאָר — און יונגע מיידלעך האָט גראָד דער ה א ל ב ע ר הונגער שענער געמאַכט און יינגער — וואַרפט זי זיך, ווערט זיך... ער אָבער, מיט יעדן זאָג זיינעם „פּרעדזשאַ!" האַלט זי צוגעבונדן צום גורל זיינעם. וואַרפט אָן אויף איר דעם גזר־דין פון יענע יאָרן, וואָס זענען דאָן געקומען אין אַן אויסגעפּוצטער אָרעאָל־מאַסקע און איצט לאַכן זיי, שטשירנדיק דורך זיינע אויסגעבראָכענע ציין און גע־עלטערטע גלידער. זיי דראָען איר גלייכצייטיק מיט די אויסגעלאָשענע בליקן, וואָס קענען נאָך אַלץ נ ע ב ן א י ר זיך געבן אַ צעצינד; דו טראָגסט מיין נאָמען! דו ביזט — איך! אָט דאָס ביזטו! זע און קוק זיך אָן אויף מיר...

און אויך די פיינטשאַפט אירע איז אַ מאָדנע. זי איז גרייט אים אַלץ אַוועקצוגעבן. ווען זי קוקט אים אָן, קומען נאָך די טרערן אירע און שטיקן זי. עס ווילט זיך איר וויינען... זעט זי דאָך, ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק, די חורבה פון אַמאָליקן הענעך, די חורבות פון הונדערטער אַרום אים, וואָס זענען אַוועק און געלאָזט אין אים זייער זכר פאַר איר. הענעך — דאָס איז געווען ביי איר אַ געביידע, אַרומגעשטעלט מיט אַזויפיל פאַר־סאַדן, מענטשלעכע פּאַסאַדן און זיילן. איצט שטייט פאַר איר אַן איינ־ציקע, אויסגעברענטע האַלאָוועשקע, וואָס רויכערט זיך אויס און זעצט מיט אַזאַ אומהיימלעכן רויך אין די אויגן אַריין, שיסט אויף איר מיט יענעם דומפּיקן ריח, פון וועלכן עס ווילט זיך איר אַזוי ווייט אַנטלויפן...

ס'קען זיין אַז זי האָט נישט אַזוי פיינט אים אַליין, ווי דעם גורל אירן, וואָס האָט דורך אים פאַרלייגט די שטריק איבער איר. ווייל ער לאָזט זי נישט אַנטרינען אויף אַ וויל אונטער דעם שיצנדיקן פּאַראַ־וואַן פון איר געזונטן, יונגען קערפּער און שיינער זאָרגלאָזיקייט. ער איז דער עכאָ פון אירם אַן אומגליק, וואָס איילט איר נאָך און זוכט איר צו פאַרשטעלן די וועגן — וואַכט אויף אין איר אַ ה אַ ס צו דעם וואָס יאָגט פון אים. איז עס אויך ער אַליין? מיינט עס טאַקע, אַז זי וואָלט געוואָלט אים אַליין שלעכטס טון? ניין, דאָס זיכער נישט!

זי האָט עס אים שוין עטלעכע מאָל געוואָלט זאָגן. ס'הייסט: נישט אַלץ קען זי דערזאָגן, נאָר וויפל זי קען — זאָל זי אַרויסברענגען פון זיך. איין פראַגע וואָלט זי אים יאָ געפרעגט אויף קלאָר: ווי קען מען עס? די גאַנצע וועלט איז אָפּגעווישט געוואָרן, זייער גאַנצער „פריער” איז אָפּגעמעקט. איצט מוז מען זיך אַרויסבאַקומען, אַדורכשלאָגן זיך אין יסור־רימדיקן קנויל. וועט זי גיין אָנגענומען ביי דער האַנט מיט אים — וועט זי עס נישט קענען. אַליין איז זי בכוח זיך אַרויפצוקריגן אויף אַ בערגל; טאַקע אַרומגערינגלט פון אַ בלוטיקן טייך, אָבער זי וועט שטיין אויפן בערגל, אין דער טריקעניש. אפשר וועט זי זיך אַביסל איינריכטן, איינ־שמירן; דערפאַר אָבער וועט זי פון דאָרט אויך אים צוואַרפן שטיקלעך הילף, ברעקלעך שוץ... זי קען דען אַנדערש? נאָר...

מיט הענעכן קען זי אַזוי נישט רעדן... זי קען נישט! וואַקסט אַ

פיינטשאפט אין איר צו דעם מענטש, וואָס איר גלוסט זיך אים צו באַוויי־
נען יעדע רגע. זי איז אויך בייז אויף אים דערפאַר, וואָס ער איז געבליבן
ווייטער ד ע ר, צו וועלכן מען קען נישט רעדן דאָס וואָס מען באַ־
דאַרף. און אויב ער איז נישט שולדיק אין דעם — איז זיין שולד נאָך
שטאַרקער! האָט זי פיינט פון אים ד ע ם ט יי ל, וואָס פאַרשטאָפּט
איר דאָס מויל, בינדט איר די הענט און — דערביי גייט ער אַליין אַרום
און ווייסט נישט דערפון... פאַרוואָס פאַרשטייט ער נישט איר עס אַליין
צו זאָגן? זעט ער טאַקע גאָרנישט? פילט ער נישט?

## IV

פרעדזשא האָט געאַרבעט אין האַלע 58 און הענעכן האָט מען גע־
שיקט אין א צווייטער פאַבריקס-אָפּטיילונג. אים האָבן די פּוילישע אויפ־
זעער פון ערשטן טאָג אָן גענומען אויפן אויג, מערדערלעך געשלאָגן און
באַשמוציקט. פאַרוואָס? אפשר האָבן זיי געשטאָכן די נישט-געוועלעכע
אויגן זיינע, זיין שטילשווייגן, זיין מאָדנע-געלאַסן באַוועגן זיך און דאָס
שטענדיקע אַרומשפּירן פאַרדעכטיק אַרום זיך. זיין גאַנץ וועזן האָט אויס־
געדריקט א האַרבן אומצוטרוי און פחדיקן חשד צו אַלעמען. אויך אין זיין
קול איז געלעגן עפּעס בייזס און חרובדיקס. זיין שטימע איז נישט געווען
קיין הויכע און נישט קיין גאָר שטילע. אייגנטלעך האָט ער גערעדט שטיל;
עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַזוי ווי א דיק קול, פון וועלכן מ'האָט אָפּ־
געטעסטעט דאָס געשריי פון ביידע זייטן און עס איז געבליבן שטעקן אין
האַלדז פאַרן אַרויסברענגען די קלאַנגען. בלויז דער דיקער צאַרן פון מיטן
קול רייסט זיך, מיט א שמאָלן גאָרגל־שפּאַלט, אָן די כוחות פון א פולן
געשריי. עס האָט אָבער דעם ירגזון וואָס באַגלייט אים נאָך, ווי א קרעכץ
פון א עכאָ — וואָס וויקלט אַרום די שטים מיט א פייפעניש. אויך פרעד־
זשאַן האָט דאָס אויפגערעגט. זיינע רייד צו איר זענען געווען שטילע,
מיט א אָנשטרענג צאַרט צו זיין. דאָס ווייכע אין זיי איז אָבער אַרויס-
געקומען קרומלעך, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן צו שרייען און אָפּ־
חוזקן פון דער אייגענער שטילקייט. זיין שטים איז געקומען פּאַמעלעך,

נאָר מיט אַזעלכע אונטער־טענער, וואָס האָבן זי אַרויסגעשטויסן און אונ־טערגעשטופּט מיט געאייל. דאָס איז ביי אים אַזוי דאָס קול געוואָרן. אין די לעצטע חדשים. אַ געמיש אַזאַ, צווישן זיין אייביקער טבע צו רעדן מיושבדיק און צווישן דעם מ ו ז, דאָ אין ווערק צע, אָפּצוענטפערן שנעל, נאָך איידער מען פרעגט, מ'ענדיקט די פראַגע..

ביי די אויפזעער טאָר מען נישט אַרויסרופן צו זיך קיין אויפמערק־זאַמקייט. מען מוז זיין איינער פון אַלע. באַמערקן זיי איינעם ספּעציעל — בלייבט ער שוין דער טעגלעכער קרבן. האָט ער אָנגעהויבן יעדן פאַר־נאַכט צוריקצוקומען מיט פאַרטריקנט־בלויע צייכנס אויפן פּנים און אויף דער נאָז.

דערפאַר האָט פרעדזשאַ געהאַט אַן אַנדער מזל. דאָס ערשטע האָט זי צוריקגעפונען איר מילך־ווייס, ציינדלדיק שמייכעלע. עס איז געקומען צופליען צו איר פון ערגעץ ווייטע, פאַרשליידערטע צייטן, פריילעך אַ פלאַטער געטון אויף אירע אַראָפּגעלאָזט־בלייכע ליפּן און אַ מעלד געטון: אָט בין איך ווידער דאָ! געגנוי ווי דאָס שמייכעלע וואָלט געהאַט אַרומגע־פלויגן אַן אַ תיקון, געוואַרט אויף איר ערגעץ נאָענט, ביז עס האָט זי אויפגעזוכט און ווי אַ טייערער גאַסט נאָך אַ לאַנג וואַנדערן האָט עס זיך געוואָרפן אויסקושן אירע ליפּן. באַלד האָט מען גענומען קוקן אויף איר אין האַלע אַנדערש ווי אויף אַ סך אַנדערע מיידלעך.

אָט, למשל, דאָס צווייטע מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט מיט פרע־דזשען ביים טישל. זי האָט אויך געוואָלט שמייכלען. עס איז אָבער ביי איר אַרויסגעקומען אַזאַ טרויעריק־זויערע גרימאַסע, אַזאַ פאַרשמירט גע־ויין, וואָס האָט די פרעמדע געמוזט אָפּשרעקן. אַפילו איר יונגער רייץ, די פולע בריסטן און דער מיידל־חן האָבן אויף איר געהאָנגען ווי זייטיקע, ביי עמיצן געליענע זאַכן, וואָס פּאַסן איר נישט און זענען נישט דאָס זעלבע וואָס זי אַליין.

דערפאַר איז פרעדזשאַס פריילעכקייט געווען אַ ברייטע, אַ רופנדיקע. אַפילו דאַן ווען זי איז געווען טרויעריק, האָט עס אַן איר וויסן און ווילן, אַזוי מילד געגלאַנצט פון אירע אויגן, פון איר אָנבליק אַראָפּ, אַז עס האָט זיך געדוכט: דאָס גלעט זי אַזוי... „זי איז אַ פריילעכע... נישט ווי אַלע,

די יידן פון דאָ..." האָבן באַלד איינגעזען די יונגע פּאָליאַקן. און אַפילו די שיקסעס און אַלטע גויעס. נאָכן אָפּרייצן זיך מיט איר די ערשטע צייטן און קרענקען זי, ווי מען דאַרף עס טון מיט יעדער רעקרוטין, האָט מען איר געגומען צוברענגען שטיקלעך ברויט, פּאַרציעס זופּ אָדער גאָר אַ עפּל, צי אַ רויטן, בלוט־אָנגעגאָסענעם טאָמאַט, מיט וועלכן אירע ליפּן האָבן זיך באַלד צוזאַמענגעגאָסן. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געוויגערט — ווער עס ברענגט צו, נאָר געשמייכלט און גענומען.

דאָס וואָס זי האָט נישט דערעסן, האָט זי איינגעוויקלט אין פּאַפּירן, דער טראָטיל זאָל זיך נישט וואַרפן דערויף און עס מיטגענומען אין לאַגער אריין. זי איז שטאַרק הונגעריק געווען, געהאַט אַן אויפגעוועקטן אַפּעטיט און דערפאַר געגעסן, וואָס מען האָט נאָר דערלאַנגט און זיך מיט גאָרנישט זשעגירט. ערשט ווען זי איז אַביסל זאַטער געוואָרן, האָט זי זיך דערמאָנט אין נאָך עמעצן: הענעך! האָט זי דאָס איבעריקע, וואָס זי וואָלט נאָך אויך געקענט לייכט פאַרצערן, גענומען, איינגעוויקלט און באַהאַלטן אין בוזעם. די „יינגלעך" פון האַלע האָבן שוין געוווסט פון איר באַהאַלטן און מכלומרשט צוגעגאַנגען אַלע מאָל זיך וויצלען און אַנטאַפּן דאָס באַהאַלטענע ברויט. זי האָט אָבער דער עיקר געטראַכט דערפון, וואָס פאַר אַ מינע ער וועט מאַכן, ווען זי וועט עס אים אונטערטראָגן און זען, ווי זיינע פּאָר ציין בייסן זיך איין דערין, אָן אַ באַרעכן — אַזוי ווי זי, אָדער אפשר גאָר מיט אַ באַהאַלטענעם נקמה־גיר, זיך אין דמיון אַריינצובייסן אין יענער האַנט, וואָס האָט עס איר דערלאַנגט...

נאָך די ערשטע צוויי וואָכן האָט פרעדזשאַ אָנגעהויבן זען אין יעדן ביסן זיינעם אַ פאַרשלייערטן ח ש ד. ס'האָט איר הנאה געטון, וואָס נאָך אַן אויפגעגעסן שטיקל ברויט, אַמאָל מיט פּוטער, האָט הענעכס בליק זיך אַביסל איינגעצויגן אין די בלויע לעבער אַריין. אַ רו האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום גערייצטן נעפּל אויף זיין בליק. די גריבלעך אויף די באַקן האָבן זיך שנעל־שנעל געפרוווט אויסגלייכן, ווי זיי וואָלטן לעבעדיק געווען און זיך געשעמט מיט זייער איינגעפאַלנקייט. עס האָט איר הנאה געטון — איז זי געשטאַנען און געוואַרט, ביז ער האָט אַראָפּ־

געשלונגגען דאָס לעצטע קרישל; זי האָט אפילו מיט צארטן, ערלעכן מיט-געפיל אַ פרעג געטון:

— נו ביזט נאָך הונגעריק, הענעך?

הענעכס אויגן האָבן איר מילד גענומען דאנקען. נאָר עפּעס האָט ער זי צו פרעגן דערביי:

— פרעדזשא... אַז דו גיסט מיר אוועק דאָס ברויט — וואָס זשע עסטו?

זי האָט אינגאַנצן פארגעסן, אַז סוף כל סוף דאַרף זי אים זאָגן אַמאָל אַז זי האָט, זי האָט געגעסן פאַר זיך... גיט זי איצט אַ שמייכל:

— זאָרג נישט... איך הונגער נישט!

הענעך קען עס נישט באַגרייפן. ווען מ'איז אַזוי הונגעריק ווי אין ווערק צע, קען מען נישט האָבן קיין פּלאַץ אין מוח אויך פאַר חשדים, פאַר אריינטראַכטן און קרענקען זיך. ווען מען עסט אָבער עפּעס אויף, דער מאָגן איז דערוויל בארואיקט — קומען אַלע טראַכטענישן, וואָס דער הונגער האָט נישט צוגעלאָזט און נעמען פּייניקן. באַלד נעמט זיך זיין גאַנצער שטערן אַ קנייטש טון, ווי ביים זוכן אַן אויפקלערונג פאַר הארבע פּראָבלעמען, וועלכע מ'איז נישט אינגאַנצן תופס, ביז די קנייטשן דערהייבן זיך צו די אָפּגעשוירענע האָר. זיינע אויגן גיבן זיך אַ ריס פון געזעטיקטן דרימל און עסן זיך איין אין איר ראָז-געוואָרענעם פּנים:

פונוואַנעט נעמסטו אַזויפיל ברויט, פרעדזשאַ? קיין געלט האָסטו דאָך נישט און דו עסט אויך... יאָ, ד ו עסט דאָך אויך...

די ערשטע רגע איז זי געקומען אין אַ פארלעגנהייט, נאָר נישט פארלוירן זיך. זי האָט שוין געוואָלט אים אָנהייבן דערציילן, אַז דאָס גיבן איר די שיקסעס, די אַלטע פּויערטעס. באַלד האָט עס זי אָבער אויפגעקאָכט: וואָס פאַרשט ער זי!? וואָס מאַטערט ער זי נאָך? ער וויל איר אפשר גאָר נאָכגיין מיט זיין וויסן, ביז יענע שעהען אין פאַבריק און איינהאַלטן עפּעס אַ רעכט אויף איר!? און דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל זי האַלט נאָך אָן איר פאַרבינדונג מיט אים, געדענקט אין זיין הונגער?

זי האָט אים דערפאַר אָפּגעענטפערט קורץ און טראָציק:

— כ'האָב!...

— אזא קורצער האַק אויף זיינע רייד האָט הענעכן אַריינגעבראַכט אין זיין ספּעציפיש-רואיקער און דאָך געררייצטער צעטומלטקייט. צווישן איין וואָרט און צווייטן האָט יעדער פון זיי אַ סך דערזאָגט זיך אַליין אין מוח, אַרויספאַרשטאַנען. אין די אָטעם-פּויזן האָט מען אויף שווייג-לשון זיך ווייטער אַריינגעוואָרפן אין געדאַנק אַריין פאַרשידענע רייד. דאָס שפּעטער-דערזאָגטע האָט זיך גיכער געקייטלט צום געדאַנק, ווי צום פריער-געהערטן זאַץ. הענעך האָט דערפאַר פּלוצים צוגעגעבן:

— ווייסטו גאָר וואָס? איך וויל נישט דיין ברויט!

ער האָט זיך אַליין כמעט דערשראָקן פאַר זיין זאָג; הא, האָט ער עס טאַקע אַרויסגעבערענגט פון זיך? ער וויל נישט קיין ברויט? ער וויל נישט?

צולהכעים זיין אייגענער דערשרעק, האָט ער דערפאַר איבערגעחזרט:
— הערסט, פרעדזשאַ? איך וויל נישט דאָס ברויט, וואָס דו ברענגסט מיר...

ווי שטענדיק ווען מ'זאָגט איר אָן אַ זאַך וואָס ז י ו י ל, ווערט איר שטים געגוויגט צום וויינען. זי ברענגט דאָך אייגנטלעך דאָס ברויט פאַר ז י ך, ווי אַלץ וואָס זי טוט איז נאָר פאַר איר הנאה און זי וויל אַזוי. זי איז דאָך גרייט אַפילו אים צו בעטן, אויסשנאָרען ביי אים איר רעכט צו קענען בארואיקן דאָס שולד-געפיל! זי איז אָבער אויך שטאָלץ און דאָס וועגט איבער, זי זאָל נישט נאָכגעבן. ענטפערט זי אים קאַלט און טרוקן:

— אויב דו ווילסט נישט — איז נישט. ווען איך וועל האָבן איבעריקס — זענען דאָ אַזויפיל אומגליקלעכע, וועמען צו געבן...

הענעך הערט שוין נישט געגוי, וואָס זי זאָגט. ער האָט זיך דאָ אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ קאָנפליקט און ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיי זענען ביידע אַזוי ווייט אַוועק. ער — דורך זיין געפיל פון ערע, וואָס איז — ווי ער — סקעלעטיק געוואָרן, אָבער נאָך נישט געשטאָרבן... און זי — צוליב איר שטאָלץ וואָס איז כחדיק אַ סך שטאַרקער, ווי יענץ שטילע געפיל, וועלכעס זי אַליין פאַרדעקט פאַר דער ליכטיקער שיין...

כאַפּט ער נאָר אויף אַ שטיקל זאַץ איר, קייעט אים און וווּנדערט זיך, פאַר זיך אַליין:

— „האָבן איבעריק"! ווי קען מען עס האָבן איבעריק ברויט אין ווערק צע? ווי קען דען ברויט זיין איבעריק?

די פראַגן שטעלט ער שטיל, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנכאַפּן עפּעס אַ מחשבה און זי זאָל עס נישט זען. קייעט ער עס איבער, ווי אַ פאַר־וואָגלטע קרישקע צווישן די ציין; אַזוי ווי אויך דאָס וואָלט אים געזע־טיקט, אָדער געגעבן כוח ווייטער צו הונגערן:

— איבעריק? מיט וואָס קויפט מען דאָ ברויט? וווּ נעמט מען אויף צו קויפן און עס זאָל בלייבן איבעריק?

פרעדזשאַ דערפילט זיך שלעכט. זי געפינט איין, אַז אַלע רייד, וואָס זי האָט געזאַמלט פאַר אים אין געדאַנק, זענען צעשלאָגן געוואָרן פון זיינע פאַרטראַכט־תמעוואַטע פאַר פראַגעס. דערמאָנט זי זיך, אַז זי דאַרף נאָך ערגעץ צושפּרינגען. זי פילט אויך, אַז זי מוז זיך פון זיינע קשיות אָפּ־רוקן, אַנטלויפן, זיי זאָלן זיך צו איר נישט צוקלעפּן... האַקט זי אים איבער:

— הענעך, איך דאַרף נאָך עמעצן זען היינט... אַ גוטע נאַכט! מיר וועלן זיך זען מאָרגן...

און זי האָט אים געלאָזט פאַר זיך צו ענדיקן זיינע מחשבות. נאָר איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וואַרפט איר נאָך עפּעס נישט־אָנגע־שפּירטס, וואָס טוט איר דאָך אַ לייכטן באַריר אין דער פּלייצע...

אַזוי האָבן זיך געצויגן עטלעכע וואָכן.

## קאַפּיטל צוועלף

### I

ווען מעכעלע האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט פרעדזשאַן דאָס ערשטע מאָל, ביים טיש פון דער האַלע, האָט ער זיך נישט געקענט שאַפן דאָס גענויע בילד פון איר, איידער ער האָט נישט געהערט קיין פּרטים פון

איר ביז־איצטיק לעבן. ערשט איצט האָט ער זיך געקענט דערמאָנען אַלע קלייניקייטן פון זייער באַגעגעניש און זיי אויפסניי פאַרבייפירן דורך זיין געדאַנק, זען די פרעדזשע פון פריער און זי אָפּשאַצן לויט דעם וואָס ער האָט פון איר געהערט. איר ערשטע בייזקייט אויף אים, פונקט ווי אין שפּעטערדיקן אויסרעדן זיך — איז געווען אַ באַהאַלטענער פאַרדרוס פון אַ פרוי, וואָס וויל, מען זאָל זי באַמערקן, יעדער, אַפילו ער, וואָס שטייט ביים טיש ווי אַ געיאָגטע חיה צווישן אַזויפיל יעגער. זי איז אַפילו נישט אויסן געווען, אַז ע ר זאָל זי באַמערקן, ווי דאָס אַז ז י זאָל ווערן באַמערקט... זי זאָל האָבן נאָך אַ פינטעלע זיכערקייט, אַז זי מ ו ז מען באַמערקן, אַז זי רייצט אַלעמען און באַוועגט צו קלערן פון איר...

ווען מעכעלע האָט איר צוגעוואָרפן אַ וואָרט, נישט זעענדיק זי, אַז זי איז אַ היסטערישע יידענע, האָט זי געהאַלטן ביים צעוויינען זיך. מיט מינוטן שפּעטער האָט זי שוין אַריינגעטראָפן ערגעץ אין זיין האַרץ־פּינטל אַריין. מעכעלע האָט עס אָבער שטיל געשטיקט אין זיך, נישט אַרויסווייזנדיק איר גאָרנישט.

אין יענעם ערשטן פאַרנאַכט האָט ער נאָך אויך געזען, ווי זי גייט אַרויס מיט איינעם פון דער האַלע, לאָזט זיך פון אים אַרומנעמען, נעמט ביי אים דאָס פּעקעלע און לאַכט, לאַכט! האָט ער דאַן געשפּירט אַ ווייטיקלעכן שניט אין האַרץ. פאַר זיך האָט ער עס נישט געוואָלט פעסטשטעלן, געוואָלט האָבן אַ געפיל פון בושה פאַר דעם, וואָס דאָ קען פאָרקומען. ס'איז אָבער שווער געווען צו פאַרלייקענען די ברעקלעך אייפערזוכט פון פּשוטער קנאה צו יענעם שייגעץ, וואָס קען אַזוי נאָענט צוקומען צו איר... אָט די פעדעם פון עגאָאיסטישן באַנג. האָט ער אָבער נאָר געקאָנט לאָזן ווייטון אין זיינע חושים, ווען זיי האָבן זיך געוויקלט אַרום דער זאָרג פאַר איר מאָראַל...

ער איז אָבער אויך נישט געווען פאַרליבט אין איר, מיט יענער ליבע אויפן ערשטן בליק, וואָס קען באַלד אַריינוואַרפן אין אַ פאַרצערנדיקער אייפערזוכט. נישט פאַרליבט — טראָץ זיינע נישט־פולע 23 יאָר... אין ווערק צע — אוודאי נישט. זי איז פאַרבייגעלאָפן די שטילקייט פון זיין טראַכטן, זיך דאָרט שאַרף אָנגעשטויסן און ווייטער געלאָפן. אין

מוח ביי אים זענען רואיק געלעגן שאָטנס פון מחשבות, בלייך אויפגע־קומען ביים דערזען זי און צוריק געדרימלט, ווי נישט־אינגאַנצן אויפגעוועקטע. זי האָט נאָר דאָרט איבערגעלאָזט אַ בענקשאַפט, אַ צערדיקדיגע ציעניש אַזאַ, גלאַט צו עפּעס, ווי אַ וואַכער חלום וואָס ער וואָלט אים סיי־ווי — אין זיין איינגעבוירענער צוריקגעהאַלטנקייט — נישט געלאָזט גאָר נאָענט צוקומען צו איר, אַפילו ווען זי זאָל עס וועלן. דאָס פאַרוואָרפענע קערנדל אין אים האָט נאָך אָפּגעשוואַכט דעם מעגלעכן ווידערווילן צו איר ביי אַ צווייטער באַגעגעניש. די קוים־קוימיקע שפּורן פון איר פאַרביישוועבן זענען געווען אַזוי דין, אַז זיי האָבן נישט געקענט דערפירן צו עפּעס שאַרפס און קאָנטיקס. עס איז אָבער נישט געווען אַזוי אויבנאויפיק, בכדי עס צו קענען אָננעמען און אַרויסוואַרפן פון האַרץ, ווי אַן איבעריק, נישט־איינגענעסטעט געפיל...

אין די פאַרנאַכטן, ווען זי איז אַוועק פריער, האָט ער זיך ליב געהאַט צוצוהערן צו אַ באַדויער, וואָס האָט אים טרויעריק אַרויסבאַגלייט פון דער האַלע און ער האָט זיך שלעכט געפילט, וואָס ער זעט זי נישט. דערנאָך האָט ער אַרומגעבלאָנקעט אין לאַגער, סתם אָן אַ ציל, כאָטש אויך אין דעם האָט ער דערקענט די אומקלאָרע האָפענונג זי אָנצוטרעפן...

פאַר יענער נאַכט, ווען זי איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער הענעבס בעטל, האָבן שוין מיט איר אין לאַגער פּאַסירט אַ סך געשעענישן. זי האָט שוין געהאַט קאַנטשאַפט אין לאַגער, געגאַנגען דאָ מיט דעם און דאָ מיט יענעם איבער די פּאָר לאַגער־געסלעך און הויך געלאַכט, ווען הענעך האָט עס צוגעזען פון דער פאַרשמירטער לאַגער־שויב אַרויס. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אויפאַמאָל, אַז אַלע זעען עס; אַז אַלע אויגן קוקן אויף איר און זעען אויך אים דערביי... זיי ווייסן וואָס ער איז פריער געווען אירס; מ'זעט און מ'שלינגט אַראָפּ מיט פאַרבאָרגענעם חשד זיין צוזען עס און שווייגן. ווייל אַלע זעען אויך ווי זי ברענגט אים ברויט אין די פאַרנאַכטן — — —

אין דעם שוואַכן, קלוגן הענעך האָט דאַן אויפגעוואַכט אַ גבורה, אַ פעסטקייט זיך צו דעצידירן: ז אָ ל זי! אָבער מיט אים איז — אויס! ער זעט זי נישט מער, ער קען זי נישט! ער וועט איר אַפילו נישט נאָכ־

קוקן פון דער ווייטנס... עס זענען דאָ איבער טויזנט פרויען אין לאַגער, וואָס גייען אַהין און אַהער — איז דאָ נאָך איינע... ער באַמערקט זיי קיינס נישט — וועט אויך זי אַריין אין יענעם שטראָם אַריין... ער איז פּלוצים האַרט געוואָרן, גענומען שטעלן פעסטע טריט אויף דער ערד, גלייך אַזוי ווי זיין פעסטער טראָט וואָלט אויך אים אַליין געשטאַרקט. ער האָט מיט גוואַלד געוואָרפן זיינע אויגן יעדן אין פּנים אַריין, כאָטש ער האָט זיך געשעמט, שטאַרק געשעמט, ווייל אין באַראַק האָט מען שוין געוווּסט, אַז יענע יונגע פרוי איז זיינע, זיינע...

פּרעדזשאַ האָט זיך גענומען אויסקיילעכן, רייפער ווערן, פולער אויפן פּנים האָבן גענומען אַרויפשיסן די פאַרבן, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיטן גאַנצן אימפּעט געוואָלט צוריקכאַפּן די פאַרלוירענע צייט זייערע. זיי זע־נען צוריקגעקומען אויסגעבענקטע און געקלאַמערט זיך אין איר, נישט אָפּצולאָזן.

אַרום איר האָבן זיך גענומען קלעפּן די בחורים, וואָס זענען זאַט געווען, אויסגעפרעסענע פּאָליציי־לייט און חברה מיט גוטע שטעלעס און געלט. זיי האָבן זיך גענומען מיט איר אַרומפירן און הענעך האָט געזען ווי זי איז ווייטער פריילעך, שפּרייזט מיט זיי געאָרעמט און גלעט זיי די ראָזעווע פּנימער אין מכלומרשטן שפּאַס... שפּעטער האָט ער זיך איינ־געקנורעט אויף זיין געלעגער, געקורטשעט זיך אין ווייטיקן, אָן אַ פּיפּס צו טון. ער האָט שוין געהאַט זיין באַשלוס. זי איז אָבער מער סיי־ווי נישט געקומען. שוין טעג, אַז זי האָט אַזוי ווי פאַרגעסן אין זיין עקזיס־טענץ — האָט ער אָנגעהויבן פאַרלירן זיין פעסטקייט, די הנאה, וואָס האָט גענערט זיין האַרץ ביים אַדורכטראַכטן די מינוטן, ווען ער וועט איר שליידערן זיין שטאַרקייט אין קאָפּ אַריין... זי איז נישט געקומען. און צוזאַמען מיט איר האָבן זיך אויך פאַרהאַלטן אין וועג יענע איינציקע מינוטן פון זיסער נקמה, וואָס הענעך האָט נאָך געקענט געפינען אַפילו דאָ, אויף זיין האַרטן ברעט... האָט ער גענומען ווערן נאָך פינצטערער, איינגעלאָשענער. די שווערע אַרבעט האָט אים געבראָכן, געפרעסן מיט ווילדן אימפּעט — איז דער לעכץ צו ווערטער־נקמה אין איר געוואָרן זיין גאַרונג, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן אַלעם אַנדערע פון געדאַנק אַרויס...

בלויז אין יענער שפּעטער שעה פון דער נאַכט — האָט זי עפּעס אויפגעוועקט און אַריינגעבערענגט ביז צו אים אין באַראַק אַריין. אפשר איז עס געווען זיין קאָנצענטרירן זיך אויפן דאָזיקן פּונקט; דער דאָזיקער פייער־פּונק, וואָס איז אַוועק אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און זי אַ שלעפּ געטון מיט כוח: קום! ? זי האָט נאָר געוווסט פון אַ ספּאָ־טאַנעם שרעק, וואָס איז זי באַפאַלן, ביים ליגן זיך שלאָפן: וואָס איז מיט הענעכן? ער האָט דאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַזוי שרעקלעך אויס־געזען!...

ווען מעבעלע האָט זי דערזען שטיין אַן אוועקגעטריבענע, האָט עס אים אַ וואָרן געטון. ער וואָלט זיכער געווען אָראָפּגעגאַנגען, זי אַ פרעג געטון, וואָס די צונג וואָלט נאָר באַוויזן אַרויסצוברענגען פון דעם, וואָס עס איז געלעגן צוגעגרייט אין מחשבה־אוצר פאַר אירעטוועגן... נאָר יענער, וואָס איז דאָרט געלעגן מיטן פּנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט, האָט עס נישט דערלאָזט. דאָס אומגעריכט-נייע און די אַנטפּלעקונג, אַז זי איז פאַרבונדן מיט אָט דעם שאָטן, וואָס ליגט אונטער זיין בעטל, האָט מע־בעלען אין יענע מינוטן פּאַראַליזירט. נאָר ווען זי איז אַוועק, האָט מע־בעלע אַנטדעקט זיין אומרו, ווי אַ גנבהש־אונטערגעוואָרפענע זאַך אין אַ ווינקל.

אין אונטערשטן בעטל איז געלעגן אַ מענטש און מעבעלע איז זי־כער געווען, אַז ער וויינט איצטער. מעבעלע אַ נ ט דאָס, כאָטש איז ווערק צע קומט אַרויס דאָס וויינען אויף אַן אַנדער אופן, מיט אַן אַנדערן שטייגער, במעט מיט אַ טרערן־געריוש, וואָס נאָר דאָס וואָרפן מיט די אברים מאַכן אָן... מעבעלע האָט יענץ נישט־הערבאַרע געריוש צוזאַמענ־געפירט מיט דעם געפיל צו איר און ער האָט זיך אויפאַמאָל דערפילט מיטשולדיק, אָדער גאָר שולדיק, צו יענעם, וואָס האָט זי נאָר-וואָס אַוועק־געטריבן... זי בלויז? דאָס האָט ער דאָך זיין לעצט רעשטל רו, זיין לעצט ברעקל אילוזיע אַרויסגעטריבן מיט איר צוזאַמען! און זי — ווי גלייב־גילטיק זי האָט עס מיטגענומען און אַוועקגעטראָגן! אין דער שטילקייט פון אירע נאַכטיקע טריט, גלייך עס וואָלט געווען אַ געשטאָרבן קינד און

מען מוז עס נאָר ביינאַכט אַרויסנעמען און אַוועקטראָגן אויף דעם איינ־ציקן אָרט פֿאַר טויטע — צום בית־הקברות...

דערביי ליגט אַ מענטש, איין שטאָק העכער פֿאַר הענעכן, וואָס הע־נעך קען נישט און זעט נישט, און ער האַלט זי נאָך אין האַרץ, וואַרעמט זי אין אַ חדר מיוחד פֿון זיין בענקשאַפֿט! אַ גליק נאָך, וואָס אויך זי ווייסט נישט דערפֿון, ווייל אין אַזעלכע מינוטן האָט זי גאָר געקענט באַווייזן אַ קאַפּריז און זי וואָלט אים צוגעוואָרפֿן אַ בליק, אַ שטילן שמייכל־אַרויסרוף... ער ווייסט נישט, מעכעלע, צי ער וואָלט געקענט אין יענע מינוטן זיך פֿאַרפֿאַנצערן, ווען די בלינדע נאַכט טאַפּטשעט פֿינצ־טער אַרום אין דרויסן און זי וועט באַלד קומען אַ מידע און מיט אירע קאַלטע קנעכל אים שטעכן דאָס געלעגער... מעגלעך, אַז זיין פֿונק פֿון צאַפּל צו איר וואָלט זיך דאַן אַרויסגעריסן און געפֿאַלן אונטערטעניק צו אירע זשעדנע, ווייסע ציין... ער וואָלט זיכער דעם שכן זיינעם ווי געטון דערמיט, אַ זעץ געגעבן איבערן קאָפּ, כאָטש ער האָט צו אים גאָרנישט, קען צו אים נישט האָבן...

מעכעלע ווייסט אפֿילו נישט, אויב ער וואָלט יענעם אויך איצט געקענט קוקן אין פּנים אַריין, איצט ווען יענער קען אים נישט און ווייסט נישט... איז גוט וואָס עס איז פֿינצטער געוואָרן אין באַראַק און די אויגן קענען זיך נישט צוזאַמענטרעפֿן.

מעכעלע האָט אָבער דערקענט דאַן דעם ערשטן פּסיכאָלאָגישן פֿאַר־מעסט, איינעם פֿון די נסיונות, אין וועלכן וועדק צע קען אַריינוויקלען אַ פּשוט, ערלעך בחור ווי ער... קענען דאָ אויך פֿאַרקומען ליבע־טראַ־געדיעס? די נאַכט האָט ביי אים צוגענומען די מעגלעכקייט, צו געפֿינען אַן ענטפֿער, אַריבערוואַרפֿנדיק אים אין רוישיקן טאָג אַריין.

## II

אין איינעם פֿון די פֿאַרנאַכטן, ווען מעכעלע איז צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָט אים באַרטמאַן אויסגעזוכט און אָנגעזאָגט אַ בשורה:

— מאָרגן בלייבט איר אין לאַגער. איר וועט אַ שטיק צייט נישט דאַרפֿן גיין אין פֿאַבריק.

א גאַנצער פּלאַן אַזאַ פּאַראַן. אויב ער וועט געלינגען — וועט מע־בעלע בלייבן אַרבעטן אויפן אָרט. באַרטמאַן וווּנדערט זיך, וואָס מעכבע־לען פריעט עס גאָרנישט. פאַרשעמט ער זיך, מעכבעלע. אים דוכט זיך, אַז אַלע דערקענען — פאַרוואָס ער איז אַזוי קאַלט דערצו. ווייל ער איבער־חזרן דאָס, וואָס ער האָט נעכטן געזאָגט כראָפּיצקין:

— איר פאַרשטייט, דאָרט אין דער האַלע בין איך שוין פאַרהיי־מישט געוואָרן. פון די גויים מער עסן געהאַט... שוין געוווּסט: היינט אַרבעט איך אַזויפיל, אָבער איך וועל נישט זיין אַזוי הונגעריק...

באַרטמאַן שמייכלט:

— נו, דאָס איז גאָרנישט. איר וועט נישט פאַרלוירן גיין. דער־מאָנט אייך נאָר, וואָס עס הייסט דאָ: ל י י כ ט ע   אַ ר ב ע ט! זאָל עס זיך נאָר איינגעבן...

באַרטמאַן איז אַוועקגעגאַנגען. מעכבעלעס פריינט האָבן זיך באַלד דערוווּסט פון דער נייעס. פרידלאַנד האָט זיך באַלד זיינע פּלענער. ער איז אַוועק און שפּעטער אַ רוף געטון מעכבעלען אין אַ ווינקל. אין דער טונקל האָט מעכבעלע נישט דערקענט דאָס צווייטע געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט אין אַ ווינקל. באַלד האָט אים דאָס האַרץ אַ זעץ געטון: ער קומט מיט פּרעדזשאַן... וואָס וויל זי פון אים?

פרידלאַנד האָט זיך זיינע גרויס־סוחרישע מאַניערן. ער איז אפשר דער איינציקער דאָ, וואָס ציט נאָך אַראָפּ דאָס שטיקל שמאַטע פון קאָפּ פאַר אַ פרוי, בויגט זיך איין גאַלאַנט ביים באַגריסן און ער באַנוצט נאָך די גאַנצע העפלעכע קאָמפּלימענטן־שפּראַך. ווען ער קומט צו נעענטער צו מעכבעלען, נעמט ער זי פאַרשטעלן:

— זיי באַקאַנט, דאָס איז די פּרעכטיקע פרוי גלאַז, וועגן וועלכער מען דערציילט אַזויפיל שבחים...

זי האָט נישט־אויסנדיק קאָקעטיש אַ שמייכל געטון:

— פ ר ו י, זאָגט איר? איר קענט שוין אַלצאיינס זאָגן: פריי־לין... איבריקנס קען מען זיך שוין...

פרידלאַנד האָט זיך צעלאַכט:

— נו, דאָס בין איך נישט מחוייב צו וויסן, איך ווייס נאָר, אַז

דאָ איז פאַראַן אייערס אַ נאָענטער ביי מיר אין באַראַק... ווייטער קען איך גאָרנישט אויסרעכענען...

אין געציילטע סעקונדן איז איר פּנים געוואָרן בייז און ערנסט:

— צו אים בינדט מיך גאָרנישט... יענער איז געווען בלויז מיינס אַ חבר, צווישן אַ סך חברים... ווען איך זאָל דאַרפן נאָכטראָגן יעדן באַקאַנטנס נאָמען...

זי האָט זיך פאַרהאַקט אין מיטן די רייד און אַנטשוויגן געוואָרן. אויך מעכעלע האָט געשוויגן. ער האָט געזען ווי דער צעשטרייטער פרידלאַנד האָט דאָ פּלאָפּלענדיק אָנגערירט אַ ווונד ביי איר, פון וועלכן זי האָט געדאַרפט אויפשרייען. דער פּיפּיקער פרידלאַנד האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, געזוכט אַ וואָרט ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון פּלאָנטער און נאָך מער פאַרקראָכן אינעם זומפּ פון ווויי־טוענדיקע רייד:

— נו, מען קען נישט זאָגן: בלוט איז נישט קיין וואַסער... אַ מ א ן מיט וועלכן מען לעבט אָפּ יאָרן און מ'טראָגט זיין נאָמען — איז שוין עפּעס מער ווי אַ חבר. דאָס לאָזט זיך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט... איבריקנס: לאָמיר זיך נישט מישן אין אייערע פּריוואַטע ענינים...

פרעדזשאַ איז נערוועז געוואָרן. זי האָט אים איבערגעהאַקט, אין אַן אויפגערייצט־צאָרנדיקן טאָן:

— דאָס האָט איר מיך געשלעפּט אַהער, בכדי דאָ מיט מיר צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן? ד אָ ס לאָזט איבער פאַר מיר צו קלערן. איך בין שוין פּוליעריק. איר האָט דאָ מיר געהאַט עפּעס אַנדערש צו זאָגן...

פרידלאַנד האָט גענומען שטאַמלען פאַרלוירן:

— אַנטשולדיקט, כ'האָב סתם אַזוי געזאָגט... אַזוי זיך גלאַט אַרויסגעכאַפּט... טאָ לאָמיר טאַקע אָנהייבן ביים ענין.

פרעדזשאַ האָט מער נישט געוואָלט קוקן אין זיין זייט אַריין. זי האָט געזוכט מיט די אויגן, אין וועמען תיכּף אָנצוהענגען אַ שמועס, זי זאָל נישט דאַרפן מער אַרויסברענגען אפילו אַ קלאַנג פאַר פרידלאַנדן. זי האָט מיט אַ ברוגזער פּאָזע זיך אויסגעדרייט און זיך דערמאָנט אין דעם דריטן, וואָס איז געשטאַנען נעבן ביידע אין אַ פאַרלוירענער שטיל־

קייט. איר פּנים האָט זיך מאָמענטאַל אויסגעוואָלקנט, צוריק געוואָרן פריילעך, אַזוי ווי דאָ וואָלט גאָרנישט געזאָגט געוואָרן זי צו קרענקען. מיט אַ נאַטירלעכער הייטערקייט אין קול האָט זי זיך אַ ווענד געטון צו אים, ווי צו אַ נאָענט־היימישן:

— אַזוי גאָר! איר נעמט און טראָגט זיך אַרויס פון דער האַלע אָן אַ זייַ געזונט!? פאַרוואָס האָט איר מיר נעבעך נישט געזאָגט דערפון? נו, איצטער וועט איר דאָך האָבן מער צייט פאַר עמעס אַנדערש און מיר אויך ווייזן... אָבער ניין, צוערשט מוזט איר מיך איבערבעטן דערפאַר, וואָס איר האָט מיך אַמאָל באַליידיקט...

איר קול האָט נאָך איצט דעם ציטער פון פרישער געקרענקטקייט און באַליידיקונג, גלייך ווי עס וואָלט אָקאָרשט איצט פּאַסירט. מעבעלע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן. זי האָט אָבער נישט געלאָזט... און איר קול האָט זיך אויפגערודערט יענער היימישער טאָן, געמישט מיט קאָפּ־ריזנער באַפעלערישקייט, וואָס שפּרינגט אַריבער אַלע גרענעצן, פאַר־שפּאָרט אַלע אַריינפיר־רייד און הקדמות, וואָס זאָגן גאָרנישט, נאָר פאַר־לענגערן די רייד.

שעמעוודיקע און צוריקגעהאַלטענע מענטשן נוצן דאָס אויס ווי אַ פּאַראַוואַן, אונטער וועלכן מען קען זיך באַהאַלטן; ביז מען קען גוט באַ־טראַכטן די מענטשן און די סיטואַציע, מיט וועלכע מען האָט צו טון; ביז מען קען אָנהייבן רעדן דאָס וואָס מען דאַרף. זי אָבער וויל קיינ־מאָל נישט דערלאָזן יענעם קומען צום טראַכטן. זי מוז איבּ אַזוי אַריינ־נעמען אין איבעררעשונגען אַריין, אַז זי זאָל זיין די הערשערין פון גאַנצן געשפּרעך. דערפאַר קען זי באַלד אָנהייבן פּשוט:

— הער זיך איין, בחור, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין אירצן? ב'ווייס נישט, אויב איך בין עלטער פאַר דיר, וואָס זשע איז דאָ פאַראַן צו מאַכן קונצן: איר און איר? מיר זענען נישט אין קיין סאַלאָן, ווייסזשע אַז איך בין בייז אויף דיר. מ'זאָגט אַז דו האָסט געלייענט אַ סך, שרייבסט און פאַר מיר מאַכסטו זיך תמעוואַטע... איז עס אָרנטלעך? זאָג!

פון איר אומגעריכטער נאָענטקייט און רעדן איז מעבעלען געוואָרן אַזוי־פאַרשעמט־גוט און פריילעך, אַז ער האָט זיך איינגאַנצן פאַר־

רוימלט. ער האָט אָבער דערפילט אַ באַהאַלטענע שרעק דערפאַר, אַז אומהיימלעכקייט אַזאַ, אַז עס צו באַגרייפן אין דער מינוט  פ אַ ר־ װ אָ ס.

פרידלאַנד האָט אָבער געוואָלט צוריק אַריין אין שמועס אַריין און דערפאַר אויסגעשאָסן:

— מעבעלע, דאָ איז פאַראַן אַ גאַנצער פּלאַן. מען וויל שאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט און אַרויסנעמען בײַ די רײַכערע אַביסל געלט און גע־פילן. די מענטשן פאַלן דאָך ווי די פליגן! באַרטמאַן, סטאַראַבינסקי און שאַפּיראָ ווילן, מען זאָל איינאָרדענען דאָ אַרטיסטישע אָוונטן. דאַרף מען האָבן „זאַכן״ פאַרצולייענען און פאַרצושטעלן, נאָר — אַזעלכעס וואָס זאָל זײַ אַ טרייסל טון! די פרוי וויל דערפאַר, זאָלסט מיט איר עטלעכע מאָל איבערלייענען און איינשטודירן דײַנע זאַכן און זי וועט זײַ שוין „אויסשפּילן״. וועסט זען ווי עס וועט דערפון אַרויסקומען אַ וויכטיקע זאַך... ווי זאָגסטו?

מעבעלע האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. אַלץ וואָס ער האָט דאָ געהאַט אויפגעשריבנס און דאָס וואָס ס׳איז אים נאָך געלעגן אויפן האַרץ, איז געווען אַ שפּיז פאַר די פּאָליציי־לײַט און לאַגער־הערשער. ער האָט געוואָרפן בריענדיקע, הייסע קוילן די פרויען פון לאַגער אין פּנים אַרײַן... ווי אַזוי זשע ווייזט מען עס איר? וואָס וועט די פּאָליציי זאָגן? און זי, וואָס שמייכלט איצט אַזוי, אָבער באַליידיקט זיך פון יעדן וואָרט — ווי אַזוי וועט זי קענען פאַרטראָגן שורות, וואָס וועלן זי אַליין אָנ־כאַפּן בײַם האַלדז און וואַרגן, רײַסן פון איר שטיקער?

פרעדזשאַ איז שוין אַריין אין דער אַמביציע אַריין:

— הער, איך וויל די זאַכן זען וואָס פריער, האָסט פאַרשטאַנען? איך פיל אַז דאָס וועט מיר געבן אַ סך, גאָר אַ סך. איך בעט דיך...

באַלד האָט זי אים אַרײַנגעקוקט מיט אַ ברענענדיקער אומגעדולד אין די אויגן:

— ווען זע איך עס? איך מוז עפּעס האָבן, דורך וועלכן איך זאָל קענען אַלץ אַרויסשרײַען פון זיך. אַ סך האָט זיך בײַ מיר אָנגעזאַמלט און די אַלע אַלטע ווערטער וואָס איך געדענק נאָך שעפּן בלויז אָפּ דעם

שוים דערפון, אָבער דאָס גאַנצע און געדיכטע בלייבט. אָך, ווען דו קענסט געפינען ווערטער פאַר מיר! ניין, נישט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר אַלע דאָ! עס וואָלט זיך דאָ אפשר איבערגעאַנדערשט... איך אַליין דאַרף עס נייטיק... מ'מוז האָבן ווערטער פון דאָ!

זי האָט געטרייסלט טעאַטראַליש מיט די רייד, אָבער דאָך האָט פון איר אַרויסגעבעטן אַ ריינער, עכטער טאָן: זי דאַרף טאַקע ווערטער... אפשר וועלן זיי ביי איר אויסלייטערן עפּעס און אפשר פאַרטיפן די וווּנד אַזוי ווייט, אַז זי זאָל זיך נישט קענען אין גאַנצן פאַרגעסן?

אין איר אַנבליק פאַרלירט ער זיך מעכעלע און קען נישט דערגיין וואָס זי מיינט. בלויז אין האַרץ האָט ער איינגעשטימט פאַר איר צו שרייבן, פאַרלייענען... ער האָט צוגעשאָקלט וואַרטלאָז מיטן קאָפּ. זי איז געוואָרן פריילעך, געשמייכלט און געשפּילט זיך מיט זיין פאַרלוירענעם אויסדרוק אין די אויגן. ערשט ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מעכעלע בייז אָנגעקוקט פרידלאַנדן, ווי ער וואָלט אים דאָ היינט אַריינגעפירט אין אַ מוראָדיקן קעסל אַריין...

### III

די אמאָליקע פרעדזשע האָט ווידער אויפגעוואַכט פון שלאָף. אָט האָט זי אָנגעטראָפן אַ יינגל אין דער האַלע, אַ פאַרלוירענער, אַ הילפלאָזער וואָס בלויז אין אומדערטערעגלעכע מאָמענטן ביילט ער אַ פויסט און ווערט דערנאָך צוריק שטיל ווי אַ לעמעלע... אַזעלכע האָבן זי קיינמאָל נישט אינטערעסירט. ער האָט אָבער גענומען באַווייזן פון דער ערשטער מינוט אָן אַ מאָדנע שרעק און ווידערווילן צו איר. וויפל שמייכלען אירע, וועלכע זי האָט צו אים אַריבערגעוואָרפן, זענען שוין פאַרלוירן געגאַנגען, ווייל ער האָט זיי נישט אויפגעכאַפּט? פאַרוואָס זי האָט געשמייכלט צו אים? גאָרנישט. זי האָט זיך דערפילט באַדראָט אין איר רייץ: קען זי שוין אַזאַ נאַאיווו יינגל נישט צוציען? אויב ער האָט אַזאַ כח, מוז עפּעס אין איר אָפּשטויסנדיק זיין, מיאוס... ווי אַזוי זשע קען מען עס ביי אים דערגיין? זע, ווי ער מיידט זי אויס! די גרעסטע

שטראָף פֿאַר אים וואָלט געווען אים אָנצושטעקן מיט אַ בענקשאַפֿט און שפּעטער אים אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מאָס... נאָר ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז עס האָט אים נאָך נישט קיין ריר געטון?

האָט זי אָנגעהויבן זוכן צו זיין נענטער צו אים, דורך אַלע וועגן אים אָנצינדן מיט אילוזיעס און — זאָל ער שפּעטער וויסן! באַלד אָבער האָט זי באַמערקט ווי אָט דער בחור וואָס שווייגט אַזויפֿיל, איז אומ־פֿריינטלעך און מיסטעריעז צו אַלעמען, און דאָך האָט ער באַקומען אַ מאָדנע סימפּאַטיע ביי אַלע! וואָס זעען זיי אין דעם דאָזיקן יינגל? איז זי אַליין אויך נישט פֿאַרכאַפּט פֿון דער דאָזיקער אומדערקלערלעכער ציעניש, כאָטש זי דערקלערט זיך עס מיט אַ ווילן אים אויסצושפּאַסן, אים צעטומלען?

זי מוז ווערן נענטער מיט אים און דערגיין, פֿאַרוואָס ער בליקט אַפֿילו נישט אויף איר; פֿאַרוואָס עטלעכע פּאָליציי־לייט באַציען זיך צו אים מיט דרך־ארץ; פֿאַרוואָס אַזויפֿיל מענטשן אין לאַגער ווייזן אים נאָך ליבעפֿול מיט די פֿינגער און פֿאַרוואָס הייבט מען אָן זאָרגן פֿון עט־לעכע זייטן אים לייכטער צו מאַכן, הגם ער בעט עס נישט ביי קיינעם און רעדט אַזוי ווייניק, אַזוי ווייניק!?

איז צוגעקומען נאָך אַ סוד דערצו: ער שרייבט, דער בחור! ווען און ווו — זעט נישט קיינער, אָבער מען זאָגט... און פֿרעדזשאַ שפּירט אינסטינקטיוו אַז מיט יענעם איז נישט אַזוי פּשוט; ווען ער וויל — האָט ער דאָ שוין איינפֿלוס... ער קען דאָ ווערן אָנגעזען און זיכערער זיין ווי אַנדערע. ווער ווייסט? מיט אַזאַ נישט־אָנזעעוודיקער סוגעסטיע קען ער אַפֿילו אויפֿצווינגען דעם גורל און זיך אַדורכשלאָגן ביז אַ באַפֿרייט לעבן! ווייסט זי? אַז זי אַליין זעט נישט אין אים ספּעציעלעס, וואָס זאָל זי ציען, ווי איר געוווינהייט און דאָך שפּירט זי, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען זי קען שטיין נעבן אים, רעדן מיט אים און אים הערן...

ביינאַכט, ווען זי האָט איינמאָל שפּאַצירט מיט מאָניעקן, דעם פּאָ־ליציאַנט, איז ער פּלוצים ערנסט געוואָרן און אַ זאָג געטון:

— ווייסטו וואָס? מיר וועלן גאָר אַריינגיין אין צווייטן באַראַק און זען מעכעלען! זי איז רויט געוואָרן און מאָניעק האָט זיך פֿאַרכאַפּט:

— אנטשולדיק... כ'האב פארגעסן... אבער עס ווילט זיך אזוי אים פרעגן עפעס... כאטש — ער שלאפט שוין זיכער...

ווען זי האט איינמאל געשטיפט און געשפאסט מיט דעם גראבן, אויסגעפרעסענעם גאלד־העגדלער רעדלמאן, א מענטש מיט אלערליי נייגונגען און תאוות, האט ער איר א זאג געטון:

— דו ווייסט, איך וואלט פארברענט אלע אינטעליגענטן, נאר ווען איך רעד א ווארט מיט דעם שרייבערל, בין איך יענעם טאג אזוי צו־פרידן — אז דער רוח נעמט מיך...

נישט איינער אזוי. האט זי באשלאסן מיט אירע אלע מעגלעכ־קייטן צו באקענען אים, אריינדרינגען אין דעם כח, וואס הייבט זיך ערשט אן ארויסצוּוויקלען און אפשר קען זי גאר עפעס לערנען דערפון?

וואס אן אמת האט זי נאך דעם טרעפן זיך נישט ארויסגעשפּירט עפעס אזוינס, וואס זאל זי אומרואיק מאכן ביז גאר. איינס נאר: זי שפּירט א געוויסע, דינע בענקשאפט אים ווידער צו זען, סתם אזוי זען! האט זי געווארט און געפילט דערביי א גאנצן טאג, אז ז י  װ א ר ט ...

אבער מעכעלען האט זיך נישט געגלוסט צו עפענען די קאמערן פון זיין געשריבענעם צארן. פאר זיך אליין האט ער אויך נישט געשריבן, ביז עס האט אים נישט א ריס געטון. צוליב וועמען שרייבן? פאר ווע־מען? וויל ער דורך די אותיות אויסגיסן זיין צער, דעם אויסגעטריפטן צארן פון אלע די, וואס פאלן יעדן טאג, פייניקן זיך אוים און לאזן זיך טראגן שפּעטער אזוי גלייכגילטיק צום מיסט־קאסטן? אדער וויל ער טאקע דא ארויפרייסן די שארבנס פון די אויגן ביי די, וואס פרעסן דא, הולטאיעווען און באפעלן? פארוואס זאלן זיי דא זיך ארומדרייען באַזוי־פענע, מיט געלט און שלעגער־כח, טרעטנדיק מיט די גלאנציקע שטיוול אויפן רוקן פון די אומגייענדיקע און שטארבענדיקע?... מעכעלע פילט, אז איצט וועט ער פונדעסטוועגן יא עפעס ארויסברענגען פון זיך, לויפן און פארלייענען... מען דארף עס!

פארוואס האט ער די גאנצע צייט וואס ער געפינט זיך אין ווערק צע, אזוי ווייניק געקלערט פון שרייבן און וועקן? ווו איז ביז איצט ביי

אים געווען יענע טרייב־קראַפט, וואָס זאָל ביי אים אַרויסרייסן די גע־
שריבענע בלעטלעך?

און פאַרוואָס האָט זיך עס ביי אים איצט צעפּיבערט און די פינ־
גער ציטערן אַזש פון דערוואַרטונג, צוצופאַלן צום שטיקל בליי און
אַרויסוואַרפן פון זיך, דאָס וואָס האָט אַ שפּאַר געטון? האָט נישט מיט־
געווירקט דערביי דאָס, וואָס זי שטייט און בעט אים מיט אַ וואַרעם־
פייכטן בליק? העלפט אים אפשר אונטערטרייבן יענץ קליינע פאַר־
דרענגטע טראַכטעלע, וואָס האָט אין אים אַ רודער געגעבן? איז עס
נישט דער שטילער צי צו יענע מינוטן, ווען ער וועט זיך זעצן מיט
איר, זיך אַריבערבויגן איבער די פּאַפּירן און פאַרלייענען, איינחזרן מיט
איר?

ער וויל עס נישט דערזען, פונקט ווי ער וויל זיין דראַנג נישט
אַרויסוויקלען פון אַלע מענטעלעך. ער וויל נישט וויסן און ווייסט, אַז די
באַגעגעניש וועט אים אַ שטויס טון צו פאַרטרייבן זיין פוילע רעזיג־
נאַציע; אַרויסצושרייען דאָס, וואָס ליגט ביי אים אין געדאַנק... איז עס
טאַקע נאָר צוליב איר? הענעכס איינגעקורטשעטע געשטאַלט גיט אַ
שוועב פאַרביי. ער קוקט אויף אים און דראָט, וואַרפט אים צו זיינע
נישט־אַרויסגעברענגטע קרעכצן. מעכעלע כאַפּט זיך אַליין ביי דער
האַנט, ווי אַ גנב, און וויל זיך אַליין פאַרשרייען — דו טאָרסט נישט
קלערן אַזוי! דאַרפסט עס נישט טון, בלויז דערפאַר דו זאָלסט מיט איר
נ י ש ט נענטער ווערן, נישט פילן אויף זיך איר שמייכל, איר
קול, איר אָטעם... זי שטייט אָבער איבער אים און יענער איז אַזוי ווייט
און פאַרפלויגן, אָן כח אויף אים זיך אַרויפצודריקן... עס איז אים גוט,
כאָטש ער וויל גלויבן, אַז ער איז עס נישט אויסן... אָט באַלד וועט ער
איר זאָגן אַז, ניין, ער וועט נישט שרייבן, נישט איינשטודירן מיט איר!
גאָרנישט, ער וויל זיך נישט מישן אין די זאַכן...

ער צעקריכט אָבער; ער, דער אויסגעפּרוווטער און האַרטער 23־
יעריקער נזיר, אונטער איר בעטנדיקן ווילן ווי אַ ווייך, צעלאָזט שטיקל
מאַסע. ער קען נאָר אַרויסברענגען פון זיך איין וואָרט, וואָס קומט
אַרויס נישט אײנגאַנצן מיט זיין ווילן און וויסן:

— זונטיק...

אזוי ווי זי וואָלט עס אַרויסגעזאָגט פון אים אַרויס.

באַלד כאַפּט ער זיך אָן אין זיין שווערער בושה, וואָס באַפאַלט אים און ער נעמט אַוועקלויפן מיט וואַקלדיקע טריט, ווי די ערד וואָלט געברענט אונטער אים. דערפאַר אָבער פרייט זיך עמעצער אין אים און דערמאָנט מיט זיסער צופרידנקייט:

— זונטיק וועלן מיר זיך טרעפן.

# קאַפּיטל דרייצן

## I

אין די מוסר־ספרים האָט מעכעלע אַמאָל געלערנט וועגן דער טאַקטיק פון יצר־הרע. ער שטאַפּט אָן דעם מענטש מיט עבֵרות, ביז ער ווערט זאַט און איבערגעפּולט. ס'בלייבט מער נישט קיין אָרט פאַר קיין עבֵרות. וואָס זשע טוט דער יצר־הרע? ער נעמט פּלוצים קאָנקורירן מיטן יצר־טוב און נעמט צורעדן דעם רשע צו מצוות און גוטע מעשים. נאָר ער קען עס בעסער ווי דער יצר טוב און ווי אַלע גוטע מלאָכים צוזאַמען. א י ם פאַלגט מען. הייבט עס אָן צו ווערן אינעם רשע אַביסל ליידיקער. די נשמה האָט שוין אַ נייַ זעקל, אין וועלכן מ'זאָל קענען שטאָפּן פרישע עבֵרות. דאַן קומט צוריק דער שטן און פירט אים אַוועק אויף זיין פריערדיקן וועג.

אַ משל ווערט דערביי געגעבן פון אַן אָרענדאַר וואָס דאַרף האָבן אַ געשטאָפּטע גאַנדז אויף פּסח און זי איז שוין גאָר פעט צו חנוכה־צייט. וואָס איז די עצה דערצו? ער נעמט זי ביסלעכווייז אויסמאָגערן און ערשט נאָענט צו פּורים הויבט ער זי צוריק אָן צו שטאָפּן, זי זאָל פעט ווערן אויפן פּסח. אַזוי איז מיטן שטן: ער דאַרף דעם מענטש, אַן אָנגעשטאָפּטן מיט עבֵרות צום טאָג פון זיין טויט. וועט ער זיך צופרי אָנשטאָפּן אַזויפיל, אַז ס'וועט אים נמאס ווערן באַצייטנס — קען ער

נאָך פּריצייטיק תשובה טון... מאַכט ער אים אַליין אַ קליין לעבעלע אין דער שלעכטס־אָנגעפּראָפּטער נשמה; גייט אַרויס אַ היבש ביסל רשעות און עס בלייבט אָרט פאַר ווייטערדיקע נבלות.

טאַקע דערפאַר טרעפט זיך אַמאָל אַז דער גרעסטער רשע און רוצח ווערט פּלוצים גוט און נאָכגיביק, אויף מינוטן אָדער טעג. די חוקרים און פילאָזאָפן ווילן דערמיט באַווייזן, אַז דער מענטש איז גוט און עס וואַכט אַמאָל אויף אין אים דער ניצוץ אלקים, דאָס פינטעלע פון מענטש־לעכן געוויסן. אָבער באמת איז עס נישט איינמאָל די אַרבעט פון שטן, וואָס וויל דערמיט מאַכן אַן אָטעם־פּויזע און אַ פּלאַץ פאַר נייע עברות... נמצא, אַז דאָס גוטע ביים שלעכטן איז נישט-גוט בתכלית, ווייל ווען ער וואָלט כסדר געווען שלעכט — וואָלט עס אים אַמאָל דערפירט ביז צום איבעררייסן דערמיט...

ווען מעבעלע האָט געטראַכט שפּעטער פון גיהנום, ווו מען פייניקט אַ גאַנצע וואָך און שבת לאָזט מען אַלע צורו, האָט דאָס פינקעלע אפּיקורסות אין אים געטראַכט, אַז דאָ ווערט אויך נאָכגעמאַכט דעם שטנס מעטאָדן, אַז אויך אין דעם טאָג פון געבן אָפּרו ליגט אַ באַזונ־דערע פּיין. אָט ברענט מען זיי כסדר אָן אויפהער און די נשמות זענען שוין צוגעוווינט דערצו, פּונקט ווי עס וואָלט נישט געקענט זיין אַנ־דערש. די פּיין גייט שוין איינטאָניק און מאָנאָטאָן, סיי פאַר די נשמות און סיי פאַר די מלאכי־חבלה, ביז עס ווערט לאַנגווייליק. קומט אַ פּריי־טיק פאַרנאַכט, ווען עס גיט זיך אַ צעקוילער איבער אַלע אויבערשטע וועלטן: אָפּשטעלן! און די קעסלען סמאָלע און די בראַנד־פייערן ווערן איינגעשלאָסן. עס בלייבט אַ מילדע וואַרעם און רואיקע שלווה, וואָס קיינער קען זי נישט פילן אַזוי, ווי די וואָס זענען אין אייביקן בראַנד. זיי געניסן זיך אָן מיט יעדער סעקונדע רו. אָבער נאָכן דערשפּירן די ערשטע מינוטן נחת, באַגרייפן זיי ערשט ווי גרויס עס איז זייער פּיין, ווען זיי האָבן נישט די מנוחה... און דעם גאַנצן טאָג גליק באַגלייט זיי די גרויסע שרעק, ביים דערמאָנען זיך, אַז באַלד וועלן זיך ווידער געבן אַ צעפּראַל די שוואַרצע, זודיקע טויערן און מ׳וועט געבן אַ געשריי: רשעים! צוריק אין גרוב אַריין! ערשט דורך דעם טאָג רו קען מען שפּירן

דעם גיהנום, ווי עס באדארף צו זיין. גיט מען זיי די שבתדיקע מנוחה, בכדי די פיין צו פארגרעסערן און פארטיפן...

ערשט אין ווערק צע האט מעבעלע געקענט ארויסרופן זיינע אמאַליק־יינגלישע מחשבות און זיי אויפסניי דערזען און פארשטיין.

פארוואס ווערט עפעס אויף אמאל אזוי רואיק אין לאגער? עס מאכט זיך א טאג, ווען מ׳זעט נישט קיין דייטש; די יידישע פאליציי דרייט זיך ארום שטיל, ווי איבריקע, איבערן הויף. פארנאכט דרייען זיך די מענטשן ארום, פארגעסן אין אלץ, פילדערן און האנדלען. וואס איז געשען? זענען דארטן די הערצער מיד געווארן פון רציחה? האט א פינטעלע מענטש אין זיי דערוואכט, ביז זיי האבן פארשטאנען, אז מען מוז כאטש אביסל צורו־לאזן די אויסגעמאטערטע; אז זיי אליין קענען שוין מער נישט פייניקן?

ניין, גיכער איז עס א טייל פון א טיפן רציחה־פלאן. אפשר דארפן זיי דא ארויסרופן דעם טויט צו א באשטימטן טערמין. דערווייל מוז ער זיך פארהאלטן אין וועג. מוז מען אויך געבן קליינע אטעם־פויזן די יעניקע, וואס קענען דאס לעבן אזוי ווייט נישט דערטראגן. מען דארף אויך זיך אליין איינשאפן עמאציעס, אין דער וועלט פון וויסטן, טעמפן טויט.

טרעפט אמאל א טאג, ווען דער לאגער שלאפט אויף אין אינעם שוים פון א מאדנער רו, וואס קיינער ווייסט נישט וואס זי וועט קאסטן און וויפל.

אין דעם זונטיק, וועלכן מעבעלע האט זיך באשטימט, האט זיך אבער אין לאגער געררודערט פון פרימארגן אן. די בוי־ארבעטן האבן זיך ראפטום צוריק אנגעהויבן מיט א געוואלדיקן טעמפא, נישט אפצושטעלן זיך פאר דער זונטיק־רו. עס זענען ווידער אנגעקומען די גאנצע מחנה פוילישע ארבעטער און פאר־ארבעטער. מ׳האט גענומען פלאסטערן די וועגן, איינטיילן דעם לאגער אין גאסן און מען האט געשמועסט, אז מען גייט אפילו ברענגען אין לאגער אריין דעקן און מאטראצן.

די סעלעקציעס האבן זיך אפגעשטעלט שוין עטלעכע וואכן. די ערשטע צייטן האבן די מענטשן דאך מורא געהאט קראנק צו

זיין ,ביז עס האָבן זיך געפונען די ערשטע פאַר דרייסטע, וואָס האָבן באַשלאָסן צו ריזיקירן און בלייבן אין לאַגער. דאָס מאָל אָבער האָט מען אויפגעהערט אַזוי שטרענג צו זיין מיט זיי. פון מאַידאַנעק זענען מיט־געקומען עטלעכע מעדיצינער. האָט מען זיי פּלוצים אַ רוף געטון אין דער קאָמענדע אַריין און זיי האָבן באַקומען אַ מיטטיילונג, אַז פון איצט אָן און ווייטער, וועלן זיי אָפיציעל נאָמינירט אַלס לאַגער־דאָקטוירים. קיין מעדיקאַמענטן זענען נישט געווען. עפּעס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז אין קראָקע האָט אויפגעטויכט דער אַמאָל־באַקאַנטער יידישער רעזשיסער, ד"ר מיכאל וויכערט און ער איז אַ גאַנצער חשוב ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר ד"ר האַנס פראַנק. ער טראָגט נישט קיין יידן־אָפּצייכענונג און לעבט זיך פריי אין יידן־ריינעם קראָקע. דער דאָזיקער וויכערט האָט עס געשאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר יידן און עס איז אים דערלויבט געוואָרן צו באַציען געלט און מעדיקאַמענטן פון אויסלאַנד, בכדי עס צו פאַרטיילן אין די לאַגערן. מען האָט געשמועסט, אַז עס וועלן קיין סקאַרזשיסקאָ אָנקומען אין קורצן גאַנצע וואַגאָנעס מיט שפּייזן און רפואות, וואָס וועלן דעם גאַנצן לאַגער זאַט מאַכן און אַלע קראַנקע אויסהיילן. אַזוי האָט וויכערט אַליין געגעבן צו וויסן.

האָט מען באַצייטנס, פון דער דייטשער זייט, געהייסן צוגרייטן דאָקטוירים. דערווייל אָבער איז גאָרנישט געווען צו טון. זיי האָבן באַטראַכט די קראַנקע און נאָר געקענט זיי פאַרשרייבן איין רפואה: איין טאָג „שאָנונג" (אַרבעטס־פריי), צוויי טעג, פינף טעג... און אפילו די דייטשע מייסטערס האָבן זיך גענומען רעכענען מיט די דאָקטוירימס פאַרשריפטן און נישט געפאָדערט די פאַרשריבענע צו דער אַרבעט. דאָס האָט געררייצט די, וועלכע זענען יאָ געגאַנגען אַרבעטן און די צאָל קראַנקע און זוכער פון שוינונגס־צעטלען איז געוואַקסן, צוגלייך מיט די ציפערן פון די נישט־אַרבעטנדיקע. אין די באַראַקן האָבן גענומען בלייבן צוערשט צענדליקער און שפּעטער — הונדערטער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן סתם זיך געוואָלט אויסרוען אַ טאָג אָדער צוויי. זיי האָבן דער־פאַר געזוכט אַ קאָנטשאַפט מיטן דאָקטאָר פון זייער באַראַק. די יידי־שע פאָליציי האָט זיך מיט אַזאַ דאָקטאָר־צעטל געמוזט רעכענען און

דער מענטש האָט זיך געקענט פריי אַרומדרייען, אפילו מאַכן אַ געשעפטל... און די דייטשן האָבן עס מיטאַמאָל אויפגעהערט צו באַמערקן.

מען האָט אפילו אויפן נייעם פּלאַן פון די באַראַקן באַשטימט, אַז דער לעצטער באַראַק, צום וואַלד אַרויסצו, וועט זיין ספּעציעל פאַר קראַנקע. דאָרט וועט אויך זיין אַ ספּעציעלער פּערסאָנאַל פון דאָקטוירים און סאַניטאַרן. וואָס קומט דאָ פאָר? ווייל מען נישט אַמאָל אַריינגאַרן דעם גאַנצן עולם? עס לויפן אַדורך גאַנצע וואָכן אָן דעם, עס זאָל געשען עפּעס וויכטיקס. און אַז עס קומען נישט פאָר קיין איינצלנע דערשיסונגען אפילו, ווערט דער עולם נאָך מער אומרואיק: מיינט מען נישט אַלעמען אויפאַמאָל? אויך אין די האַלעס שלאָגט מען ווינציקער. מענטשן שטאַרבן פון הונגער ווי געוועגלעך, אָבער זיי שטאַרבן דאָך מיט דער פּשוטער נאַטור פון ווערק־צעניקעס און נישט לויט אַ באַפעל, וואָס רייסט פון זיי אַרויס דאָס לעבן... איז עס טייוולאָנישער שפּיל, אָדער אַן ענדערונג? קיין ענטפער קען קיינער נישט געבן. קוקט מען בלויז ווי דער לאַגער ווערט אויסגעשלייערט, ריינער און די זונטיק־דרו, צווישן טויבע קלעפּ פון האַמערס, ווערט אַן אומרואיקע און פול מיט דערוואַרטונג.

## II

דער סוף־זומער פון 1943 האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צופרידענער. אַ צעשמייכלטער און אַרומגעקרויזט מיט זיינע גאָלדענע לאָקן די באַראַקן. אפילו די אַלטע, כמורנע ביימער האָבן זיך גענומען אָנטון גאָלדענע רינגען אויף די שוואַרצע פינגער און גאַנצע טעג אַרויפגעקוקט קאָקעטיש צום בלויען הימל. ווען מען האָט אין די פרימאָרגנס שטיל אַרויסגעטראָגן די טויטע פון די באַראַקן, האָבן זיי שטום אָוועקגעקוקט, זיי זאָלן עס נישט זען און נישט צעשטערן די זומער־פּראַכט פון די לעצטע טעג.

די פּוילישע אינזשיניערן און טעכניקער האָבן גענומען אויסקלערן אַלערליי פּלענער ווי אַזוי צו פאַרשענערן דעם ווערק צע. די דייטשע מייסטערס האָבן די אַלע פּראָיעקטן אפילו נישט באַטראַכט, נאָר גיך

אָפּגעברומט זייער הסכּמה און די פאַרשענערונגס־אַרבעט האָט זיך גע־צויגן און געצויגן. פון די פאַבריקן האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסע צאָל יידן צו די הויף־אַרבעטן און עס איז מיטן בעסטן שכל נישט גע־ווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די מייסטער קענען עס דערלויבן, ווען די האַלעס פאַרמאָגן אַלץ ווייניקער הענט — און דאַרפן אַלץ מער. ס'איז אויך נישט געווען צום באַגרייפן, ווי אַזוי זיי קענען מסכים זיין אויס־צוגעבן געלט און מאַטעריאַלן פאַר יעדן משוגענעם פּראָיעקט, וואָס עס קען וועמען איינפאַלן.

יידן ווייסן אַלץ. האָט מען אויך געשמועסט דערפון, אַז דאָ דאַרף קומען אַ קאָמיסיע פון גאָר ווייט און צוליב איר מאַכט מען דעם גאַנצן טומל. האָט מען באַקומען אַ האָפענונג: מען אינטערעסירט זיך נאָך מיט אונדז! הייסט דאָך אַז אין דאָזיקן פון גאָט־פאַרגעסענעם וואַלד איז מען נאָך אויך נישט פאַרלוירן! הייסט דאָך עס, אַז ד אָ ר ט ן טראַכט מען וועגן אונדז ווי וועגן אַזעלכע באַשעפעניש, וואָס מען קען נישט סתם אַזוי לאָזן אויסגיין...

צוליב דער בוי־אַרבעט האָט מען אויפגעריסן אין איין זייט די דראָטן. דאָס זאַמד מיט די ברעטער האָט מען דערפירט ביז צו דער עפענונג מיט וואַגאָנעס און זיי אַריינגעשמיסן אין לאַגער אַריין. דורך יענעם וועג האָבן די פּאָליאַקן גענומען שמוגלען פאַרשידענע זאַכן. איי־נער פון אויסן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן וואַלדיקן בערגל און פון דאָרט אַריינגעשליידערט איבער די דראָטן אַ פּעקל שנאַפּס־פלעשער און ווורשט. דערפאַר האָבן די פּאָליאַקן פון אינעווייניק אַרויסגעשמיסן אַן אָנצוג, אַ מאַנטל און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן געקויפט ביים מאַגאַ־זינער אָדער ביי די לייט פון קאָמענדאַנטור. די פאַרדעכטיקע טיפּן האָבן עס אַוועקגעטראָגן אין שטאָט אַריין צו פאַרהאַנדלען און זענען דערנאָך ווידער געקומען. אַזוי האָט זיך גענומען דער לאַגער־האַנדל אַרויסטראָגן איבער די גרענעצן.

הונדערטער מענטשן האָבן זיך גענומען דרייען אַרום די דראָטן, געסודעט זיך מיט די אַרבעטער און געמיט זיך ביי זייערע מסחרים אַוועקצוכאַפּן אַ שטיקל ברויט. גיידא מיט קאַפּערניקן האָבן דאָס אַלץ

אריינבאַקומען אין די הענט. זיי האָבן שוין געהאַט זייערע מעקלערס, וואָס האָבן זיי צוגעשאַנסט אַלערליי „סחורות", האָבן זיי זיך פּריילעך געריבן איין האַנט אין דער צווייטער. זיי האָבן שוין געהאַט אַ ידיעה וועגן אַ ריזנגרויסן טראַנספּאָרט יידן, וואָס דאַרפן געברענגט ווערן. דערפאַר פאַרגרעסערט מען דעם לאַגער. האָט טאַקע גיידאַ געקלאַפּט זיין שותף קאָפּערניק, מיט אַ ציטרען אונטערווינקען, איבער דער פּלייצע:

— הערסטו, וועט דאָס שוין איין מאָל זיין אַ געשעפטל! ווי גאָט איז מיר ליב! און קאָפּערניק האָט אונטערגעברומט צופרידן.

די קאָמענדאַנטין איז דערביי אויפגעלעבט געוואָרן. דאָס נייע אין איר לאַגער האָט זי אויפגעוועקט פון איר משוגענער פלעגמאַטישקייט. זי האָט ווידער גענומען אַרומלויפן מיט איר גרויסן, לעדערנעם שלאַנג, זידלען די פרויען מיט די ערגסטע ווערטער און כסדר שרייען מיט איר אַדורכגעפּרעסן, קוויטשיק און דאָך מעלאָדיש קול:

— שנעלער, דאָס בויט איר איצט פאַר אייערטוועגן!

פון ערגעצוווּ האָט זי באַקומען אַ באַפעל דעם לאַגער וואָס שנעלער צו מאַכן — און גאָר שנעל. האָט זי זיך דעם זונטיק אַרומגעדרייט, גע־שריגן, געהייסן דער פּאָליציי אַרויסנעמען די מענטשן צו דער אַרבעט און פאַרפולט דעם הויף מיט געשרייען. זי האָט אויסגעזוכט אַביסל אונ־טער־אויפזעער פון די לאַגער־מענטשן, אויפגעגעבן נייע פּראָיעקטן, ווי אַזוי ווערק צע זאָל פאַרלירן די גלע בלאָטיקייט און די פאַרקרימטע צורה, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלע ווענט. מען האָט אפילו געברענגט פון שטאָט בלומען־זוימען און זיי פאַרזעצט אין די ווינקלען. באַלד האָבן זיי אויפגעשפּראָצט מיט רויטע און בלויע קאָלירן. ווערק צע האָט באַקומען אַ פּנים פון אַן אויסגעדאַרט, חושכדיק כלה־מיידל, וואָס האָט נישט קיין שיין קלייד, אָבער דערפאַר האָט מען איר פאַרזעצט אַ רויטע בלום אין די האָר, ס׳זאָל זי פאַרשענערן.

אין די ווינקלען פון לאַגער, ביי די דראָטן האָט מען צוגעשטעלט קליינע ביידלעך, ווו צו באַהאַלטן די כלים נאָך דער אַרבעט. דאָרט האָט זיך גיידאַ מיט זיינע לייט געמאַכט דאָס זיך־אָרט. אהין האָט מען גע־טראָגן זייטיק אַלערליי סחורות און „מסחרים", אָפּגענומען דעם גע־

שמוגלטן שנאפס און פרעסערייען פאר די רייכערע און גיידא מיט זיינע שותפים זענען געזעסן און געשיכורט צוזאמען מיט זייערע יידישע צו־העלפער.

אלע הונגעריקע אויגן האבן זיך אהין געריסן מיט קנאה. פאנטשל, גיידאס פאר-ארבעטער, האט אלעמאל געמוזט ארויסגיין און זיי אפ־טרייבן מיט א שטעקן און געווארנט:

— טאמער זע איך אייך דא נאך א יין מאל — ווערט איר קיין לעבעדיקע נישט אוועקגיין!

דערפאר האט מען אין די פארנאכטן דארט געזען ארומשלייכן אנ־דערע מינים שאטנס. שפעטער האבן עס ערשט אלע געוווסט. דאס האט גיידא, איבער דער צייט פון זיין ארומהאוועו איבערן לאגער, געוואָרפן אן אויג אויף עטלעכע מיידלעך. ער האט שוין אזעלכע אפגעוואַרט, גע־דרייט זיך ארום זיי, קיינער זאל נישט באמערקן און זיך גענומען: ווייזן ווי א פריינטלעכער טובה־טוער. איינע פון זיי, א הויך, דיק מיידל מיט א פול פנים האט ער מיטגערופן צו זיך אין ביידל אריין. ס'איז געגוג געווען אז ער זאל איר זאגן: דו, ווילסט אפשר פארזוכן עפעס גוטס, גאר גוטס?

די פאדערשטע צוויי נאַש־ציין אירע אין צעעפנטן מויל האבן איר־בערראשט געגאפט אויף אים. זי האט אים אנגעקוקט מיט אירע גרוי־סע, גרינע אויגן און נישט געקענט באגרייפן, וואס ער וויל איר דא געבן. זי איז געווען א געזונט, שיין אבער פראסט מיידל פון א קליין שטעטל, וואס האט אמאל געגעסן, א סך געגעסן... און דא האט זי א סך געארבעט אין א שווערער האלע און געהונגערט, א ווערק־צע־הונ־גער, וואס זי האט עס נאך שטארקער געמאטערט... איצט, ווען גיידא האט איר געזאגט, אז ער האט עפעס גוטס... גוטס... איז איר דאס ערש־טע געקומען אויפן זינען: ע ס ן ! זי האט זיך בלינד גענומען ציען צו אים. עס האט זי נאר געוווּנדערט פאַרוואס ער גיט איר עס נישט דא, נאר רופט זי אהין, צום ביידל זיינעם... ער לאכט אבער מיט זיין מגושמדיק פנים, דער פארנאכט לאכט נאך אויך מיט טאגיקן שיין און ביי איר אין געדאנק לאכט עס אויך: ע ס ן ... און דער גוי, זאגט מען,

האָט וואָרשטן, ווייסע חלה און פלוימען... גייט זי אים נאָך, ווי געצויגן פון אַ פליישיקן שטריק און יעדער טראָט אירער ווערט געהויבן פון אַ פיבער זיך אָנצושטאָפּן אַ פול מויל און עסן, קייען און; זאַט ווערן פאַר אַלע צייטן...

איז זי געווען פון די ערשטע, וואָס האָט גענומען פאַרנאַכט־צו זיך שאַרן צו די חברה־לייט איןביידל. דערנאָך זענען שוין געווען נאָך עט־לעכע. על פי רוב איז עס פאָרגעקומען אין דער צייט צווישן ביידע שיכטן. גיידא איז אויך זונטיק געקומען און געזען, אַז זיי זאָלן אין מיטן טאָג געפינען אַהין דעם וועג. עס איז שוין געשטאַנען וועך און אַכטונג געגעבן, אַז קיין זייטיקע זאָלן זיך נישט דערנענטערן. פון דאָרט האָט מען נאָר געקענט אויפּכאַפּן אַ דין, שיכור געלעכטער, אַזוי ווי שדים וואָלטן געהוליעט אין אַ חורבה...

III

זונטיק. אַלע ראַיען אַרום, טרעטן איינער אויפן צווייטן און זוכן זיך אַדורכצושפּאַרן אַ וועג צווישן די אַנדערע, וואָס שפּאַרן זיך אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דאָ ווילן אַלע אָנזעעוודיקער ווערן. דער שיינער טאָג וועקט צו לעבן, צום הנאה האָבן. אָבער דערצו מוז מען זאַט זיין און אויסגעקליידט. דערביי זידט עפּעס סיי־ווי אויף דער נשמה: זונטיק אין לאַגער! ווען עס דרייען זיך אויסגעצאַצקעטע פּאָליציאַנטלעך און גוט־באַקליידעטע הענדלער און פאַר־ארבעטער, פילן ערשט אַ סך זייער געפּאַלנקייט און די נישטיקייט פון זיין דאָ אַ וואָרעם — פון אַלעמען געטרעטן צו ווערן. וואַקסט אַרום אַ צווייט געפיל פון בונטעווען זיך קעגן דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט, אַנטלויפן פון דער הונגעריקער אָפּ־געריסנקייט מיט אַלע מיטלען, פאַר אַלע פּרייזן... נישט איינע פון די לאַגער־מיידלעך ווערט נאָך אַ זונטיק־שפּאַציר איבערגעביטן; געררייצט, טרויעריק אָדער איבערגעטריבן־פריילעך... אין אַ זונטיקדיקן טאָג שפּירט יעדער איינער אין וועדק צע, אַז עס קומט אויף אין אים אַ דערוואַר־טונג צו עפּעס, וואָס ער קען קלאָר נישט דערקענען.

דאָס חזרט זיך איבער שוין וואָכן און חדשים. נישט איינער האָט שוין געפונען וועגן אין וועלכע ער האָט אַלץ פאַרלוירן אָדער געוווּנען. אַזוי — די בחורים און אַזוי — די מיידלעך. אָבער אויך דאָס ווערט נמאס. נישטאָ קיין גרויסע וועלט אַרום, אין וועלכער מען זאָל אַלעמאָל געפינען נייעס — מוז מען עס זוכן אינעם קליינעם, ענגן קרייז. דער־פאַר רעגט יעדעס אַנטפּלעקטע, זוכט מען צו אַנטפּלעקן נייעסן און מען וויל אפילו די אַלטע פאַראַנענקייטן איבערענדערן, זיי זאָלן אַרויסקומען אַנדערש, פאַרשטעלט, אבי מען זאָל קענען זיך אָליין אָפּנאַרן מיט אי־לוזיעס אַז דאָ זעט מען און מען געפינט עפּעס פאַר דעם אייביק־נייגע־ריקן אינטערעס.

אויף אַזאַ זונטיקדיקן טאָג האָבן באַשטימט אַ פּאָר מענטשן מיט אינטעליגענץ זיך צוזאַמענצוקומען און שאַפן אַ געהיימען קאָמיטעט פאַר העלפן די מענטשן אין ווערק צע.

אין דער שמוציקער וועשעריי האָט זיך דער ערשטער אריינגע־שאַרט באַרטמאַן. עס איז אויך געקומען דער ד"ר וואַסערשטיין, אַ גוט־מוטיק, נישט גאָר־פּקחדיק מענטשל, דער מעלאַנכאָלישער סטאַראַבינסקי און דער וויצע־קאָמענדאַנט פעלדמאַן. צו זיי איז צוגעקומען מענדל רור־בין, ברוך שאַפּיראָ און דער ציניקער פון לאַגער און שאַרפער מוח — אינזשיניער קורץ. די מענטשן האָבן לאַנג אַרויסגעקוקט דורך די שייב־לעך, געזען די מענטשן ווי זיי ווימלען אַרום; ווער עס גייט נאָך שטאָלץ, גלייך און זאַט און ווער עס קריכט שוין כּוחלאָז אויף אַלע פיר... האָבן זיי געקוקט, געקוקט און געזען, אַז עס מוז דאָ עפּעס אַנדערש ווערן. מען מוז דאָ העלפן! ווען? ווי אַזוי? דאָס דאַרף מען באַטראַכטן. די ערשטע גענויע עצה איז געווען: צו מאַכן קאָנצערטן, פאַרלעזונגען אין אַן אָפּגע־לעגענעם באַראַק און נעמען איינטריט־געלט. אַז עס וועט זיין מיט וואָס אָנצוהייבן — וועט דער קאָמיטעט קענען טעטיק זיין. דערצו מוז מען האָבן אַלערליי מיטלען און באַוואָרענישן. דאָס ערשטע מוז די קאָמענ־דאַנטין דערלויבן אַזעלכע זאַכן. צווייטנס, מוז מען געפינען כּוחות, וואָס זאָלן דעם פּראָגראַם אויספירן. דריטנס מוזן זיין מענטשן, וואָס זאָלן צוזאַמענשטעלן אַזאַ פּראָגראַם, וואָס די ווערטער זאָלן רעדן און ווירקן

לטובת דעם געשטעלטן ציל. לאנג האט מען זיך געאמפערט, געזוכט מיט דינגעניש צו באזייטיקן אלע ספיקות וועגן דער צוועקמעסיקייט פון דער זאך. דערנאך האט מען צעטיילט די ראלן צווישן זיך; ווער עס זאל זי באווירקן, אז נישט נאר, זי זאל נישט שטערן נאר אויך מיטהעלפן. די אנדערע דארפן זען אז עס „זאל זיין וועמען און וואס צו הערן".

בארטמאן האט אויף זיך גענומען צוזאמענצופירן אלע קרעפטן, וואס קענען דא בייווירקן צו דער פארשטעלונג, קורץ האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו „באארבעטן" די קאמענדאנטין. ער איז געוועזן דער איינציקער מענטש, פאר וועמענס בייסיקער צונג זי האט געציטערט. די איבריקע האבן ערשט געווארט אויף א קאנקרעטער טעטיקייט. אזוי ארום איז געשאפן געווארן דער ערשטער פרווו פון ארגאניזירן עפעס אין לאגער.

באלד איז דער שטילער בארטמאן ארומגעלאפן איבער דעם פלאץ און ווערדל, געזוכט און צוזאמענגעשלעפט וועמען ער האט נאר גע־קענט: מעבלען, פרעדזשאן, דעם פאליציאנט מיטן זינגער־טאלאנט און נאך א פאר מיידלעך, וואס האבן געדענקט עפעס פון אמאליקע צייטן. מען האט געפלאנט, געטראכט און באשלאסן ארויסצוברענגען אלץ וואס מען קען אויפן פאפיר. די ערגסטע צרה איז געוועזן מיט מעבלען. ער האט געהאט עטלעכע לידער און סאטירעס, וואס וועלן אויפרודערן די קאך־לעפל פון לאגער! וואס וועט זיין? מען קען דאך צוליב דעם פאר־באטן אלע אונטערנעמונגען! אבער ער האלט זיך ביי זיינעם: קיין אנ־דערע קען ער נישט... בלייבט עס ביי דעם, אז מען וועט פרווון, זען ווי אזוי עס וועט ווירקן... אפשר וועט עס נישט זיין אזוי טראגיש.

שפעטער האט מען זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל און לאנג־לאנג איינשטודירט די שריפטן. פרעדזשא האט גענומען אויף זיך די הויפט־ראל פון א רעציטאטארין, וועלכע וועט פארלייענען אלע בייסיק־שארפע און שטראפנדיקע סאטירעס. זי שרעקט זיך נישט! דער פאליציאנט האט געקענט לידער און אזוי ארום איז מען גרייט געוועזן צו באשטימען דעם אוונט. פרעדזשא האט געפיבערט פון אומגעדולד. זי האט זיך שוין נישט געקענט דערווארטן אויפן טאג, ווען זי וועט ארויסטרעטן און שרייען,

אויסשרייען פון זיך מעבעלעס גאַל און צאָרן. עפּעס האָט זי דאָרט אַ פּאַק געטון און פאַרכאַפּט. איז זי עטלעכע פאַרנאַכטן נישט אַרויס אַרומ־שטיפן, נאָר געזעסן אַ געבויגענע איבער די טונקעלע פּאַפּירלעך און אַלעמאָל געקומען אַ צערודערטע און פאַרפּלאָמטע צו מעבעלען:

— הערט מיך אויס, איך בעט אייך, נאָך איין מאָל... נאָך איין מאָל...

און מעבעלע האָט געזען, אַז אין דער דאָזיקער ראָל איז זי אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן.

אין לאַגער האָט דערווייל פרידלאַנד מיט נאָך עטלעכע מענטשן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, פון מויל צו מויל, אַז דעם קומענדיקן זונטיק וועט פאָרקומען אין לאַגער עפּעס אַזוינס וואָס „קיינער האָט נאָך אין לעבן נישט געהערט"... די מענטשן זענען געוואָרן נערוועז, געשפּאַנט און ניי־געריק. אפילו די, וואָס האָבן מער ווי עסן נישט אין זינען געהאַט, זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם פּסיכאָז פון אָפּוואַרטן אַ געשעעניש און אַלעמאָל נייגעריק אָפּגעשטעלט איינעם, אַ צווייטן:

— ווען וועט עס פאָרקומען? וואָס וועט מען דאָרט פאָרשטעלן? עפּעס אַ שיינער פּראָגראַם? די וואָס באַשעפטיקן זיך דערמיט שווייגן אָבער. זיי טוען נאָר אַ סודותדיקן שמייכל און וואַרפן צו אַ פּאָר גע־ציילטע ווערטער:

— זייער וויכטיק... איבעראַשנדיק...

ווערט דער עולם נאָך מער געשפּאַנט. די קאָמענדאַנטן אַליין ווערט אויך מיטגעצויגן מיטן פיבער. דערווייל ווייסט קיינער נישט, אַז מעבעלע איז דאָ די הויפּט־האַנט. איז ער ווייטער דאָס אָפּגעריסענע יינגל, וואָס קען אַרומגיין צווישן די חרובע מענטשן און זיך איינהערן, ווי זיי דערציילן איינער דעם צווייטן:

— מען זאָגט, אַז דאָ באַהאַלט זיך אויס עפּעס אַ גרויסער מענטש... ער האָט דאָ אַן אַנדער נאָמען... און אָנגעשריבן האָט ער דאָ אַזעלכע זאַכן — וואָס די וועלט האָט נישט געהערט... זונטיק אויפן קאָנצערט וועט די פרוי גלאָז זיי פאָרלייענען...

אויך ביי מעבעלען אין באַראַק איז דער קומענדיקער קאָנצערט גע־

וואָרן דער שמועס פון גאַנצע אָוונטן. מעכעלע איז דערביי געשטאַנען און געשוויגן. בלויז איין הענעך איז געלעגן אין ווינקל און מיט בייזן טרויער געקוקט אויפן סופיט, ווי שטענדיק, און גאָרנישט געהערט פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר...

## קאַפּיטל פּערצן

### I

אין יענע טעג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלץ ווערט דאָ לייכטער. די מענטשן, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די פּאָר וואָכן, האָבן זיך אַרומגע־זען, אָנגעהויבן אויסצוגעפינען מעגלעכקייטן, ווי אַזוי אויסצוהאַלטן אַ ווייטערדיקן טאָג. מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצופּוצן אין פאַר־שידענע קליידלעך, צוזאַמענגעשטעלטע פון פאַרשידענע לאַטעס. די וואָס האָבן זיך נישט אויסגעזוכט קיין קוזינען, וואָס פאַרזאָרגן זיי, האָבן גענומען זוכן מיט וואָס אונטערצוהאַנדלען און זיך אַדורכשלאָגן. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָ וועט מיט דער צייט זיך אַלץ נאָרמאַליזירן און דאָס לעבן וועט זיך דאָ אייביק אַזוי ציען. אין דער פאַבריק זענען גע־ווען זעקלעך מיט פאַרשידענע פאַרבן, האָט מען געגנבעט וויפל עס האָט זיך געלאָזט און די מיידלעך האָבן די ערשטע זיי געבערענגט אין לאַגער אריין. דאַן האָט מען גענומען אָנשלעפּן אַלערליי שמאַטעס, זיי צוזאַ־מענשטיקעווען און איבערקאָכן אין דער פאַרב, עס זאָל אויסזען ווי אַ מלבוש פון איין קאָליר. אויך אין די שמאַטעס האָט איינע געוואָלט אי־בערשטייגן די צווייטע און עס זענען אַרויסגעקומען פאַרשידענע מאָ־דעס. ביים געיעג אַרויסגעזען צו ווערן מיט דער שענערער קליידונג האָט אין אַ סך מיידלעך אויפגעוואַכט אַ באַזונדערער מין דערפינדערישקייט און פעאיקייטן.

אָפּטמאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע טעאַריעס פון די לוק־סוס־מאָדעס אין דער וועלט זענען געווען הוילער שווינדל. די פרוי דאַרף

נאָר האָבן אַ קלייד, וואָס זאָל שענער זיין פאַר דער צווייטערס. אויב אַלע גייען אין אָפּגעקראַכענע זעק און ביי איינער איז דער זאַק אָדער די שמאַטע בעסער אָפּגעפּאַרבט און זעט אויס שענער — איז זי שוין צופרידן, גליקלעך און פאַראַדירט דערמיט פאַר אַלע.

פאַרנאַכט, ווען מ'איז אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן הערן אין די מיידלישע רייען אַ געזאַנג. צוערשט איז עס געווען פאַראיינצלט. שפּעטער־צו האָט עס אָבער פאַרכאַפּט גאַנצע רייען. איז זיי געווען פריילעך אויפן האַרץ? זיכער נישט. עס זענען אָבער געגאַנגען ביי דער זייט צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געפירט די גרופּן. דאַרף מען נאָר איינעם בעסער געפעלן און ער וועט שוין באַהאַנדלען אַנדערש, נישט אָנטרייבן אַזוי. האָט איינע גענומען שטופּן איר שטים העכער פאַר דער אַנדערער, מ'זאָל זי ספּעציעל הערן. אַזוי ווי אַ ליד איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון מערערע מיידלעך און אַלע האָבן עס געזונגען, איז באַלד דער אינטערעס דערצו פאַרלוירן געגאַנגען. דערביי קען זיך שוין איינע נישט אַרויסווייזן ספּעציעל און ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך באַלד אַרויסגעכאַפּט אַ צווייטע, וואָס קען אַ צווייט ליד, אַ שענערס, אָבער אַזאַס, וואָס נאָר זי איינע קען. דאָ האָט זיך דער גאַנצער אינטערעס אויף אַ מאָמענט אָפּגעווענדט פון אַלע אין איר זייט אַריין. זי האָט דאָס שנעל אויפגעכאַפּט און דערפילט, אַז די שעה איז איצט אירע, און זי מוז זי אויסנוצן. דאָס האָט טיילמאָל פאַרכאַפּט אויך די אַנדערע מיידלעך. אַ נישט־געהערט ליד האָט אויך זיי געגעבן אַ שטיק נייעם אינהאַלט אין דער מאָנאָטאָנקייט.

איז איינע גאָר שטאַרק געפעלן — האָבן די באַגלייטער־פּאָליציאַנטן עס תיכף אָפּגעטראָגן דער קאָמענדאַנטין. אין די אָנהייב־אָוונט האָט זי זיך שרעקלעך געלאַנגווייליקט און האָט דערביי משוגע געמאַכט אַלע, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר. דאָס בעסטע איז דאַן געווען, ווען איינער האָט געגעבן אַ שים אַריין:

— אוי, האָט היינט אַ מיידל אין דער ריי געזונגען אַ ליד! איז דאָס געווען אַ ליד! דאָס האַרץ קען אויסגיין...

ביי דער וואָרקאָוויטשן האָבן זיך די אויגן געגעבן גרין אַ צעגלאַנץ מיט אַן אויפגעוועקטער לעבעדיקייט:

— אַ שיין ליד, זאָגסטו? ווּעסט אפשר דערקענען די זינגערקע?

אויף דעם צווייטן אָוונט האָט מען זי שוין געבערענגט אין קאָמענדע־באַראַק. אַלע האָבן זי אַרומגערינגלט און געוואַרט. די קאָמענדאַנטין איז געזעסן שטייף און בייז... געפרעסן דאָס מיידל מיטן בליק:

— זינג!

און ביים מיידל האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן שטאַרקער. אַלערליי האָפענונגען זענען איר געקומען אויפן רעיון: אַט האָט זי דאָך די גאַנצע „עליטע" פון לאַגער! אמאָל קען זי געפעלן ווערן... זי אַליין זיצט דאָך איצט דאָ! אפשר וועט זי ווייכער ווערן, באַשטימען איר אַ בעסערע אַרבעט. אמאָל קען זי די קאָמענדאַנטין גאָר אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אַריין פאַר אַ דינסט... אַ גליקלעכער צופאַל פאַר אַ שאַנס — איז עס זיכער... קען אמאָל געלינגען ווייטער...

אין מערסטע פאַלן האָט זיך עס אָבער געענדיקט דערמיט, וואָס דאָס מיידל האָט איר נישט־געהערט ליד איבערגעזונגען איינמאָל און נאָכאַמאָל. זי האָט געקענט גערופן ווערן אַ צווייטן אָוונט — ביז דער וואָרקאָוויטשן איז אויך דאָס נמאס געוואָרן. דאָס מיידל האָט באַקומען אַ שטיקל ברויט, אמאָל — אויך אַ צעטל אין מאַגאַזין אַריין אויף אַ קליידל און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. ביז „זי" האָט אָנגעזאָגט דער פּאָליציי, אַז מען זאָל זי צורו לאָזן מיט די זינגערינס. זי וויל זיי מער נישט האָבן. ווען עס איז אָבער ווידער איינע אַנטדעקט געוואָרן, האָט זי ווידער זי געהייסן רופן. און אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען זי האָט נאָר געזוכט, מ'זאָל איר ברענגען טרויעריקע לידער, פון „אַקציעס", שחיטות און פאַרראַטענע געליבטע, וואָס וויינען זיך אויס די יאָרן. זי איז דערביי געזעסן טרויעריק און די אויגן האָבן ביי איר פייכט געגלאַנצט. שפּעטער איז זי געוואָרן נערוועז און זיך געהאַלטן אין איין וואַרפן: עפּעס פרייליכס, גאָר פרייליכס זאָלן זיי זינגען! דאָס טרויעריקע האָב איך פאַר די אויגן. זאָלן זיי ברענגען אַזעלכעס, אַז די פיס זאָלן זיך הייבן פון זיך אַליין. איך

קען שוין מער נישט פארטראגן די טרויעריקע קאוואלעס, וואס פרעסן אויף דאס הארץ...

איר זענען אלע און אלץ שנעל נמאס געווארן. די מיידלעך אבער, וואס זענען אויפגעשוואומען אויף א טאג אדער צוויי, האבן זייער יום־טוב נישט געקענט אזוי שנעל פארגעסן. אין יענער נאכט, ווען מ'האט זיי גערופן צו דער קאמענדאנטין, האבן זיי עס צום ווײפלטן מאל איבער־דערציילט פאר אלע מיידלעך מיט גליקלעך־נאאיוון שטאלץ. און שפע־טער, ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האבן זיי דערציילט טויזנט וונדער, וואס זיי האבן דארט געזען און געהערט; ווי אזוי „ז י" האט זיי געלויבט, געדירט געווען פון זיי... און די אנדערע מיידלעך אין באַ־ראק זענען דערביי געלעגן מיט קנאה־אנגעשפיצטע אויגן און געהערט...

דערפאר האבן טייל נישט־פארגינערינס געהאט א שטיקל נקמה, פאר יענערס שטאלץ אין די פאר אילוזיע־גליקלעכע טעג... מען האט זיך איבערגעווארפן מיט ווערטלעך, וואס זענען אזוי אויסגערעכנט געווען, אז זיי זאלן זיך צוקייקלען ביז צו יענער:

— וואס דען? ביי „איר" דויערט קיין זאך נישט אייביק. זי רופט אריין, זי הערט — ביז זי קען עס שוין פון אויסנווייניק... זי האט שוין גענוג געהערט אזעלכע גרויסע ארטיסטינס... און איבערצונעמען זיך איז נישטא מיט וואס...

אזא מיידל האט זיך אבער געפילט שטארק געקרענקט. אין דעם ליד וואס זי האט געזונגען, האט זי איינמאל אנטדעקט א כוח, וואס האט זי געקענט ארויסהויבן, שטעלן זי אין אן אנדער ריי. האט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי האט עס נישט אויסגענוצט ווי געהעריק און זי האט זיך געקלאמערט אין דעם לידל, געפרווט עס זינגען אין לאגער און אר־מעטום. זי האט זיך ממש געבעטן מען זאל עס אויסהערן, איז דאנקבאר געווען פאר יעדן צוהערנדיק אויער... עס האט זיך איר אויסגעוויזן אז, ווען מען הערט אויס איר לידל, מ'גדערנקט עס — דערמאנט מען זיך אויך, אז זי איז מיט עפעס אנדערש ווי אלע; זי איז אן אויסגעטיילטע פונעם דאאיקן מענטשן־ים...

איז נישט קיין וונדער געווען, וואס דער דאזיקער דראנג האט

ארויסגערופן אַלץ מער און מער פרישע פּרעטענדענטקעס צו פּאָפּולאַ־ריטעט. עס זענען דערשינען אַלערליי שטערנס, וואָס זענען באַלד פאַר־געסן געוואָרן. האָט די קנאה זיך געצויגן פון איינער צו דער צווייטער.

## II

איינע פון די, וואָס זענען פּאָפּולער געוואָרן, איז געווען האַלינקע, אַ געוועזענע טענצערין אין גערטנערס וואַרשעווער געטאָ־רעסטאָראַן. זי האָט געהאַט פאַר אַ פּראָטעקטאָר דעם סעקרעטאַר פון דער ביוראָ, מאַרעקן. טאָקע ער האָט מיטגעהאָלפן, זי זאָל האָבן אַ קאָנצערט, וועלכן מעבעלע האָט דאַן דאָס ערשטע מאָל געזען. נישט אַלע האָבן אָבער דאָ געהאַט אַ מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אויף אַ בינע מיט אַלע איינריכטונגען. האָט מען געזוכט פאַרשידענע וועגן, ווי אַזוי ארויסצוקומען פאַר דער ליכטיקער שיין. פרעדזשאַ האָט עס געמאַכט מיט אַ ספּאָנטאַנעם אויסברוך אין וועלדל און אַנדערע האָבן עס געזוכט צו דערגרייכן, אומקערנדיק זיך אין לאַגער פון דער פאַבריק, אין די מאַרשירנדיקע רייען.

צווישן די, וואָס האָבן זיך די ערשטע ארויסגערוקט, זענען געווען צוויי שוועסטער פון אַ וואַרשעווער אונטערגעסל. די עלטערע איז געווען אַ דיק פול מיידל, מיט שטאַרק־רויטע ליפּן און אַ געזונטער סאָפּראַן־שטימע. איר שוועסטער איז געווען העכער פאַר איר, נאָר דאַרער, מיט אַ איינגעצויגן פּנים אויף וועלכן ס'זענען געווען צעשיט קליינע, בלויע פּרישטשיקלעך.

גייענדיק איינמאָל אין דער ריי, ווען די גאַנצע שרענגע האָט געצויגן אַ דייטש סאָלאַדטן־ליד צום צוועלפטן מאָל, האָט די עלטערע אַ שטורך גע־טון דער צווייטער אויף שטום־לשון: נו...

די שוועסטער האָט שוין פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט און געוואַרט אויף דער עלטערער. די דיקערע האָט געגעבן אַ שיס ארויס פונעם גאַנצן, ברייטן האַרץ, מיט אַ פול, מעכטיק גלאָקן־קול:

— מיין ליבע מאַריאַן — — —

איר שטים איז געקומען אַזוי איבערראַשנדיק, אַז אַלע האָבן אויף אַ

ווייל אָפּגעשטעלט דאָס זינגען זייערס. דאָ האָט שוין די צווייטע געפונען איר צייט אויפצוטרעטן:

מיין ליבע מאַריאַן
טרעפן וועלן מיר זיך —
ביים ראַנד פון קאַנאַן...

דאָס נ יי ע פונעם ליד האָט אַלע מיידלעך פּאַראינטריגירט. איז שטיל געוואָרן. צו די צוויי מיידלעך האָט זיך איצט נישט געפילט קיין שום קנאה. אַלע אויגן, אין די זייטן, האָבן זיך אויף זיי אָנגעשטעלט אין גע־בעט. עפּעס הויבן זיי אָן אַזאַ מאָדנע ליד, וואָס ווערט טרויעריק באַלד ביי די ערשטע טענער, פּונקט ווי עס וואָלט געקומען אַלעמען דאָ באַוויי־נען... די שוועסטער האָבן דערפּאַר באַלד גענומען כאָראַל ציען ווייטער:

...און איידער וואָס־ווען — נעם אַ שער
שער אָפּ דיינע צעפּ
טו אָן אַ מאַנטל מיט סאָלדאַטן־קנעפּ
נעם אַרום, גיב אַ קוש —
און קום...

אַ ציענדיקע פאַרבליפטקייט האָט אַרומגעכאַפּט די מיידלעך. ביי אַלע האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אָט דאָ, ערשט נישט לאַנג, האָט דאָך עס מיט אַלעמען פון זיי פּאַסירט: ער האָט געמוזט גיין... זי — בלייבן... אויב ער האָט אַזוי נישט געזאָגט, ווייזט אָבער דאָס ליד, ווי אַזוי ער האָט געדאַרפט רעדן און באַשטימען, ווו זיי וועלן זיך באַגעגענען... וואָס זי זאָל טון, בכדי זיי זאָלן ווייטער קענען זיין צואַמען... אַלע האָבן דאַריבער גענומען מיטזינגען, מיטוויינען:

מיין ליבע מאַריאַן
טרעפן וועמיר זיך —
ביים ראַנד פון קאַנאַן...

ווי אַ תפילה, ווי אַ צוואה וואָס יעדע איינע האָט ערשט איצט, אַזוי שפּעט זי געעפנט. די צוויי שוועסטער האָבן דערשפּירט זייער זיג. האָבן זיי זיך דערפּאַר אַ ריס געטון מיט די שטאַרקסטע טענער:

און ווען דו וועסט —

טרעפן מיך א טויטן אין שניי...
איינזאם. באדעקט —
מיט אביסעלע היי
נישט מאכן זאלסטו קיין ווייבעריש געשריי
נאר נעמען א צווייטן — פון אונדזער ארמיי...

אויב ביי די ערשטע סטראפן האט דער טרויער אלעמען ארומגע־באפט, אריינגעצויגן זיי אין וועלטן פון אויבערסט־שטארקן, נישט צום באהערשן, כוח פון טויט — האט אבער די לעצטע סטראף א קלונג געטון מיט א רוף צו שטארקן זיך איבער די רעזולטאטן פון טויט, אויפנעמען דאס לעבן פונדאסניי, ווי אזוי עס לאזט זיך, נישט בליקנדיק אויף דעם טויטנבארג פון הינטער זיך...

איז דאס ליד געווארן א שטיק צייט די טעגלעכע תפלה פון די מייד־לעך אין ווערק צע.

לידער אין לאגער באקומען — דורך דער לופט אין וועלכער מען זינגט זיי — א צווייטן און טאפלטן באדייט. קורצע, פשוטע ווערטער באַ־קומען אן אנדער זין און תיקון: מען הערט זיי אנדערש, מען פילט זיי, לויט דעם טעם וואס דאס הארץ גיט זיי. זיי גייען ארויס פון דעם רשות, וואס האט זיי געלאזט נאקעטע אין דער וועלט אריין. דא האט יעדער מויל און הארץ זיי צוגעגעבן זיין אייגן מענטשלע פון ווארעמקייט און געוויין... זיי קומען, גראבן זיך איין אין די הערצער און ווען זיי פליען ארויס פון דארט צוריק — רייסן זיי פון אינעווייניק ארויס א שטיק הארץ און נשמה. זיי קומען ארויס אנגעלאדן מיט די אייגענע פפיקות און מאטערנישן; מיט נייעם פלייש אויף זיך און נייעם נישט־דערזאגטן און נישט־געמיינטן, אין די ווערטער, באדויער...

איז מען זיי דאנקבאר געווען, די שוועסטער, וואס זיי האבן געברענגט אט דעם שלל מיט ווערטער, וואס זינגען זיך אזוי, וואס מ'קען אזוי זינגען...

אין אלע ווינקלען האט מען זיך צום ווייפלטן מאל געחזרט:

— אויף די קאנאנען וועלן מיר זיך באגעגנען
אונטער די קאנאנען וועלן מיר זיך געזעגנען
ביקס צו ביקס און פייער צו פייער

אויף די קאַנאָנעז, אונטער די קאַנאָנעז
איינס, צוויי, דריי...

דאָס ליד האָט פאַרכאַפּט די געמיטער. עס האָבן עס געזונגען די סקעלעטן, די פּאָליציי, די מיידלעך און די קאָמענדאַנטין האָט עס גאָר נישט געוואָלט אָפּלאָזן. די ווערטער האָבן זיך אין איר איינגעגעסן מיט אַ משונהדיקן אומרו:

— אויף די קאַנאָנעז, אונטער די קאַנאָנעז... איינס, צוויי, דריי...

דאָס ליד איז געוואָרן דער לאַגער־פּסיכאָז. די שוועסטער זענען נישט מיד געוואָרן עס איבערצוחזרן מיט אַלע. די פּאָליציי האָט געברענגט ברויט און זופּ די „צוויי קאַנאָנעז" — ווי זיי האָבן גערופן די מיידלעך — און אַפילו די אַנדערע מיידלעך האָבן זיי אויפגענומען ליבלעכער און וואַרע־מער, ווי אַזעלכע, וואָס האָבן זיי געברענגט אַ מין באַפעל אין לעבן, אַ בשורה:

...נאָר נעמען אַ צווייטן — פון אונדזער אַרמיי — — —

### III

עטלעכע וואָכן האָט דאָס לידל געקלעפּט אין אַלע צינגער. די מיידל־רייען זענען נישט מיד געוואָרן דערפון דעם גאַנצן וועג. דאָס קול זייערס האָט זיך געטראָגן הויך־הויך, ביז צו די מענער־רייען און יענע האָבן עס אויפגעכאַפּט מיט אַ ציטער...

דערפאַר איז דאָס צווייטע לידל, וואָס איז זיך געקומען פאַרמעסטן דערמיט, אַריינגעשפּרונגען אַזוי אומגעריכט, אַזוי שאַרף, אַז אַלע האָבן די ערשטע מינוטן אַזוי ווי פאַרלוירן דאָס לשון. צי עס האָט ווער מקנא געווען דעם כוח פון די ערשטע זינגערינס און דעם כישוף פון יענעם ליד, אָדער עס איז שוין ווען נמאס געוואָרן דער אומעט פון געליבטן, וואָס רופט די געליבטע צו די קאַנאָנעז און גרייט זי צו, אַז ער וועט ערגעץ ווו פאַלן? קיינער דערציילט נישט אַזעלכע זאַכן.

עס איז געקומען אַזוי זיך, ווען אַלע זענען אַביסל מיד געוואָרן פון זינגען, האָט אַ קליין, בלאָנד מיידל, מיט טרויעריקע אויגן גאָר אָנגעהויבן:

כאַטש מיר לעבן דאָ אויף צרות —

ווילט זיך לעבן דאָך!
כאָטשבי ביז צום סוף
איז געגנוג ווייט נאָך...

דער מאָטיוו, א פריילעך דזשאַז־פויקעריי, האָט זיך אַריינגעריסן אין יענעם פאַרבענקטן טרויער־מאָטיוו, וואָס האָט צום סוף בלויז געקלונגען מיט אַזאַ טריאומף, ווי ביי אַ פאַרווונדעטע חיה. ד אָ ס לידל האָט קיין שיינע ווערטער נישט געהאַט, נישט געקראָכן באַלד אין האַרץ אַריין. דערפאַר אָבער האָט עס געהאַט דעם כוח פון הפקרדיקער פריילעכקייט, פון מאָלן אַזאַ גוטן „דערנאָך", אַז מ'וועט דערלעבן, און עס האָט דער־ציילט איבער וואָס עס פאַנטאַזירן אַ ער און אַ זי... און וואָס קענען זיי דען נישט דערגרייכן אין זייער חלום פון שפּעטערע צייטן!?

הייזער אייגענע וועלן זיי האָבן, איבער ברייטע גאַסן וועלן זיי גיין פריי שפּאַצירן צוזאַמען... אין גרויסע רעסטאָראַנען וועלן זיי גיין און עסן דאָס שענסטע, דאָס בעסטע און עס וועלן דערביי שפּילן סאַקסאָפאָנען... וועט דאָך זיין אַזוי גוט —

צו גיין צוזאַמען
אין די רעסטאָראַנען...
ווען דו ביזט אַ ווילער באַי
און כ'האָב דיך — ליב אַזוי...

נישט נאָר אַרומגיין וועלן זיי, נאָר שוועבן, אַרומפליען ביים טאַנץ און ביים שפּילן פון מוזיק. די אָרעמס וועלן זיך גליקלעך הייבן —

ווי פליגלען צוויי —
פון עראָפּלאַנען
ווי גוט וועט זאַ־אַ־אַן
ווי גוט וועט זיין!

...ס'וועט גוט זיין! שטויסט דער נייער מאָטיוו יענעם אַוועק אין שאָטן. פּרוווט זיך נאָך יענער אַ ראַנגל טון דורכן מויל פון די צוויי שוועס־טער. זיי פילן, אַז דאָ קומט די געפאַר און זיי נעמען אים זינגען מיט אַ ניי־דערוואַכטן פיבער און אייפער, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס געטאָן צום ערשטן מאָל... אַ כוואַליע שטימען טוען אָבער זייער קול אַוועקשליידערן

אין אַ זייט. מען הערט זיי קוים; ווער דאַרף מער די קאַנאַנען, די טויטע אין שנייז? דאָס איז דאָך דער היינט, דער ה י י נ ט! און דאָ זינגט שוין דער מאָרגן! און עס נעמט אַרום צוויי לעבעדיקע, פלאַטערדיקע וועזנס...

גיין אין די רעסטאָראַנען! די וואָס זענען גענצליך אויסגעהונגערט פילן שוין נישט אַזוי דעם רייץ דערפון. עס איז שוין צו־ווייט פון זיי און אַזאַ אַלגעמיין וואָרט ווי „רעסטאָראַנען" כישופט נישט מער און רודערט נישט אויף די רייצונג אין זיי. פאַר זיי מוז זיך שוין אַלץ אויסטון אין נ אַ ק ע ט ע ווערטער. דאָס שאַרף־קאָנטיקע פונעם וואָרט „ב ר ו י ט" האָט דעם כוח ווילד אַ שלעפּ צו טון ביי זיי די פּאַריתומטע שטיקלעך נישט־דערשטיקטן ווילן. דערפאַר אָבער האָט די פּאָליציי דעם נאַקעטן הונגער מיט וואָס צו באַדעקן. ביי זיי איז ער אָנגעטון אין אַ ברויט־זאַק. ער האָט אַמאָל אויך אַ פאַרשפּאַרט מויל מיט פליייש. דאָס מאַכט זיי בלינד צו זען, אַז עס פעלט זיי עפּעס, אַז זיי זענען געפאַנגענע ביי אַן אומשטאַנד, וואָס האָט זייערע מאָגנס נישט באַרויבט; דערפאַר אָבער שטייען זיי ווי ליידיקע תכריכים וואָס זענען צוגעגרייט פאַר אַ מת, וועלכן מ'האָט שוין לאַנג באַגראָבן אָן לייוונט און אָן אַ קאַסטן...

ווען עס קומט אָבער די וויזיע פון גיין צוזאַמען איבער לעבעדיקע גאַסן, איבער אָפענע, סאַקסאָפאָן־צערווישטע רעסטאָראַנען — ברומט עס אויף אין זיי, יערט עס און שרייט אַרויס פון זיי דורכן פרעס־צוגעשטאָפּטן מויל און זיי דערשפּירן די בענקשאַפט... דאָס גיט זיי אויך אַ נייעם לוסט, צו וואַרפן זיך מיט דער תאווה־זאַטער, איבערגעפרעסענער גלייכגילטיקייט צום נייעם זוכן מיידל־נאַענטקייט, בכדי כאָטש מיט עפּעס דעם טיפן בלויז אין זיך צו פאַרשטעלן... די בענקשאַפט קומט און גיט זיי אַ נייעם טאָן, אַ נייע געררייצטקייט וואָס פליט אַריבער, איבערן בלויזן, גראָבן שווידער צו וואַרעם־פוכקע לייב. דערפאַר ווערט אַזאַ ליד זייער רייץ און ליידנ־שאַפט.

האָבן זיך צוויי לידער געראַנגלט, ווער עס וועט דאָס אַנדערע איבער־שטאַרקן. איין גרופּע האָט געוואָלט זיך איינקלאַמערן אין דעם ערשטן, אַנדערע — אין צווייטן. ביז מען האָט געזונגען ביידע און ס'האָט אויסגע־זען אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט אַן אָפּמאַך שטומערהייט צווישן זיך, וועל־

בעם ס'זאָל אין זיין באַשטימטער שעה האַלטן וואך אין די הערצער. און איינס האָט דעם צווייטן אָפּגעגעבן דאָס בייסנדיק-ציענדיקע געווער, ווען די שעה פון וואך-בייט האָט געשלאָגן.

אַפילו די אוקראַינישע וואַכלייט האָט עס מיטגעריסן. זיי האָבן שוין געקענט די לידער און אין מיטן שלאָגן מיט די קאָלבעס האָט זיך ווער פון זיי אַ שטעל געטון:

— און איצט... זינגט די „קאַנאָנען"!

און די רייען האָבן געזונגען. אַפילו די, ביי וועלכע עס איז געלעגן אויף דער צונג דער צווייטער פאַל פון אַ ניגון, גרייט אַ שפּרונג צו טון.

עס איז אָבער געגוגן געווען דער וואַכמאַן זאָל זיך אָפּקערן, אַז דער גרעסטער טייל פון דער פאַרטיע זאָל זיך אַ ריס טון און — ווי צולהכעיס זיך אַליין און דער גאַנצער היינטיקער וועלט — זיך אַ רייס טון מיטן כמורנעם וואַלד אין דער זייט:

ווי גוט ס'וועט זיין!

ווי גוט וועט זיין...

העי, מענטשן, מענטשן! ווען איר קענט פאַרשטיין, פאַרוואָס יידן אין ווערק צע האָבן געזונגען לידער פון טרויעריקס און פרייליכס!

## קאַפּיטל פופצן

### I

אַ ליד אין ווערק צע האָט אַ גרויסע ראָל געשפּילט. עס זענען געווען וויניק לידער אין לאַגער. דערפאַר האָט יעדעס ליד געוואַנדערט פון מויל צו מויל, ביז מען האָט עס שנעל געקענט און עס איז צוגענעסן געוואָרן. דערפאַר האָט מען דערוואַרט, אַז די נייע קאָנצערטן וועלן אַריינברענגען פרישע און לידער צום דערמונטערן. עס זענען פאַראַן אויך אַזעלכע, וועמען עס פעלט פריילעך שפּיל, דער קאַבאַרעט, וואָס זאָל זיי דערגאַנצן זייער זאַטן טאָג. זיי וואָלטן זיך געדונגען אַ ליג, וואָס זאָל פאַר זיי טאַנצן, שפּרינ־

גען און אַריינגיאָגן אין זיי אַ נייע מאָס פּרייִלעכקייט, וואָס זאָל זיך שטאַרקן איבער די טעגלעכע בילדער פון דעם אַרומיקן גרויל.

בלויז ווען אין לאַגער ווערט שמאָלער מיט מענטשן, זיי שטאַרבן אויס אָדער ווערן סעלעקציאָנירט — הייבן עס אָן די בעסער־סיטואירטע צו באַמערקן. די פאַבריק האָט גענוג שווערע און וויכטיקע אויפגאַבן, צו וועלכע מען דאַרף האָבן וואָס מער יידן. וועט מען מוזן אויף די לייכטע פּלעצער שיקן די פּאָליאַקן און די יידן אַריבערוואַרפן נאָר צו פּיקרין און טראָטיל. דאָרט וועט לאַנג נישט דויערן און די גוט־אויסזעענדיקע וועלן באַקומען די זעלבע מראה, וואָס יענע. זיי טראַכטן אָבער נישט צופיל אַריין. עס וועלן זיך שוין געפינען פרישע קרבנות! און טאָמער נישט? טאָמער זענען דאָס שוין די לעצטע יידן און איינער נאָכן צווייטן וועט מוזן איבערנעמען דעם סמ׳יקן גורל אין דער קאַיוטע?

דאָס זעען נישט און ווילן נישט זען די, וואָס גייען נאָך לייטיש אָנגעטון, אַרבעטן לייכט און עסן גוט. זייערע ראָזאָווע פּנימער לייכטן פון צופרידנקייט. קומט זיי אויס פאַרבייצוגיין אַ געפּאַלענעם, אַ געפּלאַצטן פון געשוואָלנקייט — טרעטן זיי פאַרביי, ווי איבער אַ שטיק האָלץ, ווי איבער אַ וואָרעם וואָס האָט אַזוי באַדאַרפט ענדיקן און נישט אַנדערש... ווי עס וואָלט געווען די נאַטירלעכקייט אַליין. ווייל ווי אַזוי זאָל דען אַזעלכער לעבן, ווען דער קערפּער איז שוין קיין קערפּער נישט נאָר אַ קויטיק שטיק ביינער־קנוידער, אַז ער שאַרט זיך שוין מער אויף אַלע פיר ווי ער גייט און די דאַרע אבר־געפלעכטן זענען אַרומגעגאַרטלט מיט שמוציקע שטיקער פּאַפּיר!? דוכט זיך זיי אויס, אַז דאָ וואַלגערן זיך פאַרפּעצטע שטיקער שמאַטע, וואָס לעבן נאָך און קוקן אויף די גלייך־גייענדיקע, שטענדיק מיט אַזעלכע חיהש־אויסגעהונגערטע אויגן, וואַרפן זיך אין ברודיקסטן מיסט אַריין, כאַפּן אין שוואַרצן מויל אַריין פוילעכץ, קויט, ערד... וואָס זשע ווילן זיי נאָך פון דער וועלט און פון לעבן?

ניין, זיי וואָס טראָגן די שטיוועלעך מיט די שיין־צוגעשניטענע הויזן זענען זיכער אַנדערע מענטשן, זיי קומט זיכער אַן אַנדער גורל און זיי האָבן פאַרדינט אַנדערש אויסצוזען... זיי — דאָס זענען די פּאָליציי, די קאָמענדאַנטן, די פּראָטעזשירטע... אַ באַזונדערע קאַסטע! זיי זענען הע־

בערע לייט, ווי למשל, די דייטשן צו ווענעם שטיוול עס מוז זיך איצט בוקן גאנץ איידעפּע, אויסגיין צוליב זייער באַקוועמלעכקייט ביי זייערע פּיס... אין ווערק צע קומט עס פּאַר, ווי אַ קליינער טראָפּן פון אַ גרויסן ים. דער אומקרייז זענען אַ פּאָר טויזנט פאַרשקלאַפטע און דאָ ווערט נאָכ־קאָפּירט דעם האַרם שטיוול און קנאַפּל. מסתמא וויל עס אַזוי דער האַר און איז צופרידן, וואָס זיינע אונטערלעקער מאַכן אים נאָך און — ער איז דערפאַר נישט דער איינציקער.

וואַכט אַמאָל אויף דער רחמנות ביי זיי? מעגלעך אַז יאָ, שטיל אין זיך. אַזאַ איינער מוז עס אָבער דערשטיקן. מיטן מאָמענט ווען עמעץ פון זיי זאָל זיך לאָזן באַהערשן פון מיטגעפיל — איז אויס מיט אַלעם! מוז מען אַליין איבערנעמען די לאַסט און וואַרטן אַז מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן. מען קען עס אויך נישט. ווייל רחמנות באַדייט: נישט טרייבן מער די סקלעלעטן אין דער פאַבריק, געדענקען אַז זיי גייען דאָרט אויס, ברענען אויס... און דאָ מוז מען זיי טרייבן עס זאָל עקזיסטירן, קלאַפּן אַ פאַבריק. צוליב דעם איז נייטיק אַ לאַגער, פּאָליציי, קאָמענדאַנטן און ווערקשטעלן וווּ מען קען האָבן לייכטער, פאַרדינען זייטיק געלט און האָבן אַ דעקונג פאַרן יידישן לעבן, איבער וועלכן ס'איז שוין אַרויסגעטראָגן גע־וואָרן דער פּסק אויסגעלאָשן צו ווערן...

עס קען ביי זיי נישט זיין קיין רחמנות, ווייל דאָס באַדאַרף הייסן: גיין אויף יענעמס פּלאַץ, ווייל מ'איז געזונטער אָדער — אַלע זאָלן ווערן „אומנייטיק"... קען מען צו זיי קומען און פאַרלאַנגען זיי זאָלן זען און הערן — ווי דאָ לעבן נאָך מענטשן און אַז יענע זענען די זעלבע לעבנס וואָס זיי? אוממעגלעך! זיי דאַרף מען בלויז וואָרענען, באַוועגן צו העלפן די אַנדערע אויף אַ גאַנץ אַנדערן שטייגער: אַגיטירן זיי צום שטיצן די הונגעריקע, ווייל מען מוז האָבן די הונגעריקע! אויב נישט וועלן זיי אויס־שטאַרבן און די זאַטע וועלן מוזן גיין אויף זייער פּלאַץ; פאַרשטויבט און פאַרגעלט ווערן... די מאַשין ווייסט נישט פון קיין חכמות. אַלע זענען פּאַר איר יידן. און אַז עס וועלן קיין „ערגערע" נישט זיין — וועלן אויך נישט זיין קיין מעגלעכקייטן צו זיין בעסערע... ס'איז גראָב, ס'איז צינישער חשבון — אָבער נאָך דאָס איינציקע, וואָס קען יענע באַוועגן...

ווען מעכעלע וויל שרייבן פאַרן געפלאַנטן קאָנצערט, קען ער נישט אויסמיידן זייערס אַ פּאַרזען, נישט צופירן דעם גאַנצן הונגער און פּיין צו זייער זאַט אויג. ער ציילט אויף די אויסגעשטאָרבענע, מאַכט אַ רעכנונג ווי לאַנג די האַלעס וועלן אַזוי קענען געדולדיק פּאַרטראָגן די שטאַרבע־רייען — ביז זיי וועלן אַ רעווע טון, אויסשטרעקן די פאַרניכטונגס־אָרעמס נאָך די, וואָס דרייען זיך אַזוי זיכער אַרום... וואָס דערוואַרט **זיי**? דאָס זעלבע וואָס די פריער־פאַרהונגערטע! ביי זיי וועט עס אפשר צוגיין נאָך ערגער, ווייל זיי זענען שוין אָפּגעוווינט דערפון. זיי מוזן זען אַז די אָרעמע סקעלעטן זאָלן באַקומען פלייש אויף זיך און זיך האַלטן — נישט צוליב רחמנות, נאָר אין זייער אינטערעס!

ביי מעכעלען פאַרציט זיך די פּאָעמע. שורות קומען אַפער פון זיך אַליין. די ווערטער זענען שוין לאַנג געלעגן אונטער די פינגער נישט נאָר ביי אים נאָר ביי אַלע דאָ; די פון די האַלעס, פון די פאַרסמטע בויער־קאַ־יוטעס — טאָ זאָל כאָטש דער סם פון די הערצער איינמאָל נאָך אַ ברען טון די באַפעלער און פאַרשפּאָטער זייערע... מיט איין וואָרט כאָטש, אויב דעם רעאַלן גורל איז זיי געלונגען אונטערצוקויפן!... טריפט עס ביי מע־כעלען מיט גיפט, גאַל און שוים... ער שרייט דאָ אַ מבולבלער. ער באַ־שולדיקט די זאַטע, שוין בלויז דערפאַר וואָס זיי קענען דאָ זאַט זיין. פאַר־וואָס קומט זיי? ווי אַזוי זאָלן זיי איינאָרדענען הוליאַנקעס, מיט שנאַפּס און פרויען, ווען אַנדערע נעבן זיי שטאַרבן? ווער האָט געגעבן דעם באַ־פעל, אַז גראָד יענע מוזן עס שטאַרבן? זיי האָט מען דאָך נישט געפירט צום פאַרגאַזן. די דייטשן האָבן זיי געברענגט אַהער צו לעבן אַ שטיקל צייט — און זיי וואָלטן עס אויך באַוויזן. עס דאַרף נאָר אַראָפּטריפן צו זיי אַ טראָפּן פון די אַנדערעס זעט... ווער איז **זייער** מערדער? דער וואָס פרעסט איבער דער מאָס אין לאַגער. ער פרעסט נישט קיין ברויט — נאָר דאָס פלייש פון אַ צווייטן! ער טרינקט נישט קיין שנאַפּס — נאָר דאָס בלוט פון יענעם וואָס מ'האָט נעכטן אַוועקגעפירט מיטן מיסט־וואָגן...

זאָלן זשע די צינגער צום גומען ביי אייך זיך קלעפּן!
איר זויפט נישט אַליין — איר לעשט דערביי לעבנס!

ווען מעכעלע שרייבט, זעט ער נישט קיינעם פאַר זיך. ער פירט מיט

דער האַנט, וואַרפט אַרויס פון זיך דאָס וואָס עס באַפעלט אים אינעווייניק. ער קלערט אַפילו נישט וועגן די וואָס וועלן נאָכדעם קענען באַפעלן איבער זיין גורל און נקמה-נעמען... שוין ציט זיך אויס אַ לאַנגער געשריי, אַ לאַנגער געבעט און קללה וואָס דאַרף דאָ מאָרגן געשליידערט ווערן איבער די קעפּ... זאָלן זיי הערן די קויפמאַנס און ווייזנבערגס! וועט זי, די פרע־דזשא זיך נישט שרעקן?

## II

מעבעלע זיצט און הערט ווי פרעדזשא גרייט זיך פאַרצולייענען. זיצט ער און קען נישט גלויבן זיינע אייגענע אויערן. אַלץ וואָס שטויסט אָפּ פון איר, איז איצט אַזוי ווייט און פאַרגעסן — אין קליינעם, אָפּגעזונדערטן באַראַקל איז בלויז דאָ איר ציטערדיק קול, וואָס נעמט איין און באַהערשט. זי לייענט — און יעדעס וואָרט פון אירע האַלב־קינדישע ליפּן איז אַזוי ריין, אַזוי ווייגענדיק, בעטנדיק און דראָענדיק, אַז מעבעלע ווערט פאַר־כאַפּט פון זיינע אייגענע ווערטער. ער איז מיטגעריסן געוואָרן. זי אויך... קען ער נישט פאַרשטיין, מעבעלע: ווי קומט עס צו אַזאַ... נו, צו אַזאַ אַרומ־פלאַטערנדיק לייכטזיניק ווייבעלע, אַט אַזאַ מין איבערנעמען זאַכן? ער קוקט אויף אירע האַלב־אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, איר פאַררויטלט, איינגע־טרייערט פּנים און זעט ווי עס טאַנצן די ווערטער אויף אירע רויטע ליפּן, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס אָנגעגליט די קאַלטע פּאַפּיר־ווערטער... ער הערט ווי עס ציטערט די שטים, ברעכט זיך איין אָפּטמאָל אונטערן לאַסט פון אַ קלאַנג, גלייך ווי אינעווייניק אין איר וואָלט עפּעס איצט געשלאָגן געוואָרן, נעקלאַפּט געוואָרן מיט האַמערס, וועלכע זי אַליין האָט פון ערגעצווו גע־ברענגט צו טראָגן מיט זיך. זי שמייסט זיך אַליין מיט די שיפּרירטע ווער־טער, ווי אַ פאַרשטעלטער על-חטא, פון וועלכן זי אַליין פּייניקט זיך און האָט דערביי הנאה, וואָס זי לעזט זיך דערביי אויף פון אַ גאַר־גאַר זינ־דיקס און נמאסדיקס, וועלכעס שלעפּט זיך איר מיט — ווילנדיק און דאָך אָן איר ווילן...

אַ סעקונדע נאָר האָט אים אַדורכגענומען אַ פאַרשטעלטע פרייד, אַ בלינדע, טיף־פאַרבאָרגענע צופרידנקייט דערפון, וואָס ער האָט דאָ געפּור־

נען א זאך, פון וועלכער ער האט זיך שוין מייאש געווען... און אַט, נישט־זוכנדיק, אומגעריכט, איז זי דאָ! באַלד האָט איר צווייט בילד זיך אָנגע־זעצט אויף איר; נישט גערופן פון קיינעם האָט זיך עס גראַד איצט באַוויזן, ווען סאדזשא ליגט ארויף זיין האַנט אויף איר אַקסל און — זי שמייכלט, לאַכט... צו אים? צום פּעקעלע, וואָס ער דערלאַנגט איר?... שאַ, און אַט גיבן אַ צעריר זיך הענעכס פּאַרגליווערטע אויגן... אַז עס ווילט זיך אים אויסשרייען פון בחוש־דערפילטן ווייטיק...

פרעדזשאַ האָט עס דערשפּירט און זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. זי האָט אויסגעזען ווי איינע, וואָס געפינט זיך אין עקסטאַטישן איבערגאַנג פון איין וועלט אין דער צווייטער. נאָר אין מיטן אָנגעשטרענגטן גאַנג האָט איר פּאַרפּעלט אָטעם. זי האָט אָנגעשטעלט איר בליק ווי אַ רייזנדיקער אין מיטן וועג: ווער קומט מיט? ווער מאַכט אויך מיט דעם זעלבן וועג?

דער פּאָליציאַנט, וואָס איז מיט זיי געזעסן, איז אַרוים אויף אַ ווייל. אין באַראַק איז פּוסט געוואָרן און טרויעריק. מעכעלע איז געזעסן אין דער אומהיימלעכקייט און געטראַכט פון עפּעס. זי האָט אים, אַזוי ווי פּלוצים, אויפּסניי באַמערקט און עפּעס זיך נישט געקענט צוגלייבן. האָט זי ווידער אַמאָל אַריינגעבליקט אין טעקסט, געגישטערט אין די שורות און ווידער אַמאָל מיט אַן אויפגעוועקטער דרייסטקייט זיך איינגעגעסן מיטן בליק אין מעכעלעס פּאַרשעמטן פּנים. זי האָט גיכער שנעל אַריינגעזאָגט אין זיך, ווי צו מעכעלען:

— איז ווי איז דאָס מעגלעך, האַ? דו ביזט דאָך נישט עלטער פּאַר מיר, וואָס? טאָ ווי אַזוי זשע האָסטו עס אַזוי געמאַכט, דו!?

באַלד האָט זי זיך פאַרכאַפּט:

— ניין, איך קען קיין קאָמפּלימענטן נישט זאָגן... בפרט, וואָס איז ד אָ שייך צו זאָגן? איך קען זיך עס נאָר נישט צוגלייבן... הע, אָט זענט איר נאָך אַ יינגל און דאָך האָט איר מיר געגעבן אַ דערלאַנג אַזעלכע שו־רות, פון וועלכע איך בין צעשרויפט געוואָרן, אַדורכגענומען... איך האָב דאָך עפּעס מיטגעמאַכט די לעצטע צייט און בין נישט אַזאַ ווייכע... נאָר דאָ פיל איך, אַז עס האָט מיך אַ רודער געטון, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג... איר ווייסט, — איך האָב מורא... כ'שרעק זיך פאַר אייך...

זי האָט זיך צעלאַכט. דאָס מאָל איז עס אָבער נישט געווען איר קינדיש־קלאָר געלעכטער, מיט דער נאַטירלעכער זאַפטיקייט. ס'האָט ווער פון דאָרט באַגראָבן־היסטעריש געציטערט. זי איז ווידער ערנסט געוואָרן:

— איר ווייסט, עס איז מיר אַ שאָד... נו, יאָ איר קענט אים נישט... הענעך...

זי האָט פאַרלוירן געשטיקט זיך מיט די זאַצן און אָפּגעהאַקט, ווי דער נאָמען וואָלט איר אַ ברי געטון אין צונג...

דער עלעקטרישער פרייד־שוידער, וואָס מעכעלע האָט געשפּירט ביי אירע רייד איז פאַרביי. ער האָט אויפּאַמאָל זיך געזען, ווי מען וואָלט אים צוגעוואָרפן אַ רעטונגס־שטריק, וואָס קען אים אַרויסציען פון דער מאַכט־לאָזיקייט וואָס אירע רייד און בליק האָבן אויף אים פאַרוואָרפן... הענעך! און מעכעלע האָט מיט אַ מאַזאָכיסטישער הנאה זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם איינעם וואָרט, זיך געקלאַמערט, זיך אַליין צולהכעיס, דערין און עס גענומען ווי אַ בייטש אויפן געדאַנק — צו וואָרענען עמעצן דערמיט... ער האָט אָנגענומען אַ גלייכגילטיקן טאָן, ווי צו פאַרטיידיקן זיך מיטן שאַרפסטן געווער אין אַזעלכע מינוטן:

— אָך יאָ, אייער מאַן... ער איז דאָך מיין שכן אין באַראַק...

ער זאָגט עס אַזוי נאַאיוו, קאַלטבלוטיק, הגם ער זעט ווי זי טוט אַ צאַפּל, אַ וואָרף זיך, ווי צום אויסשרייען, אַ געטראָפענע פון אַ ווייטיק. אין דער לעצטער רגע האָט זי זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, אַראָפּשלינגענדיק ראַש דאָס געהערטע...

מעכעלע! זוכסטו נישט אַמאָל דאָ קיין נקמה? קומט נישט אַמאָל ביי דיר צום אויסדרוק אַ באַהאַלטן פינקעלע סאַדיזם, אַן אייפערזוכט? זי זיצט דאָ קעגנאיבער דיר, האָסט געזוכט איר נאָענטקייט און דו ווייסט זי קיינ־מאָל נישט האָבן, אפילו דאַן ווען דו וועסט זי קענען דערגרייכן... דיין איינגעבוירן געפיל פאַר זאַכן, וועלכע דו צירסט נאָך אַליץ אויס מיט מאָ־ראַל, וועלן עס דיר נישט דערלאָזן — ביסטו בייז און נעמסט נקמה אין איר, פאַרוואָס זי הייבט אָן באַהערשן דיין געדאַנק... פאַרוואָס זי איז גע־קומען אַזוי שפּעט צו דיין בליק, ווען זי איז אַן אוממעגלעכע פאַר דיר, הגם זי ווייסט נישט, פאַרוואָס דו ביסט בייזיק, נישט צוטריטלעך... דער־

קען, מעבעלע, די נייגונג ווי צו טון מענטשן אויך אין דיר אליין — ווערסטו אפשר זיין ווינציקער שטעביק און ווייניקער זוכן צו פרעדיקן מאָראל פאר די, וואָס טראָגן זייער זינד מיט אָפענער נאַקעטקייט... דערקען כאָטש, אַז דו ביסט נאָר אַ געפאַנגענער, געקייטנט פון דיין מאָראל... טאָ פארוואָס האָסטו איר צום וויפלטן מאָל אריינגעיאָגט דיין שאַרף וואָרט: אייער מאַן!?

מעבעלעס דאָזיקע געדאַנקען זענען אָבער אָפּגעשליידערט פון אים. ער דענקט זיי אַזוי, ווי אַ צווייטער נעבן אים וואָלט זיי געטראַכט. ער אַליין זיצט שוין אויף די שמייסנדיקע פליגלען פון זיינע ווערטער, וואָס טראָגן אַוועק ווייטער פון יענעם געדאַנקעלע, וואָס האָט אַ פּיק געטון און נישט באַוויזן אויפצופרעסן זיין גאַליקייט:

— ער קומט עפּעס אַזוי דערשלאָגן פון דער אַרבעט... ס'פּייניקט אים אַזאַ באַהאַלטענער געדאַנק... וואָס איז אים?

פרעדזשאַ האָט נישט דערכאַפּט אינגאַנצן זיינע ווערטער, זיי נאָך נישט פאַרדייעט:

— מיין מאַן? ער איז עס קיינמאָל נישט געווען... אַ חבר — יאָ... נאָר איצטער איז מיר אַ שאָד, וואָס ער קען נישט מיטלייענען מיט מיר... עס איז מיט אים גוט געווען צו לייענען זאַכן דאָס ערשטע מאָל, שטאַרק גוט געווען! ער האָט דאַן אריינגעלייגט זיין גאַנצן אייגענעם פּאַטאָס, דעם ווילן אַליין צו שאַפן — אין יענעמס ווערטער אריין... אין אַזעלכע מינוטן בין איך שטענדיק פון אים באַגייסטערט געוואָרן. טיילמאָל האָט ער עס געווּסט און געזוכט אויף מיר די דאָזיקע באַגייסטערונג אויסצווווירקן. ער האָט אין מיר אַזוי צעמישט די געפילן, אַז איך האָב נישט געוווּסט, אויב נאָר זיין טאָן באַגייסטערט מיך אָדער ער אַליין... כ'ווייס נישט, אפשר איז דאָס מיינס אַ מיאוסער חשד, ווייל איצטער האָב איך אים ממש פיינט — ווייל איך אָפּוואַרפן פון זיך אַלץ וואָס עס לייכט נאָך פון אים אין מיין זכרון? באמת, ווי איך האָב זיך נישט דערטראַכט ביז צום סוף...

פאַר מעבעלען האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פאַרשטעלט האַרץ, וואָס האָט זיך אַליין פאַרראַטן, אפשר איז דער פאַרראַט געווען נאָך דאַן, מיטן

פארביינדן זיך מיט אים. איצט איז זי נאר לויז געוואָרן פון עפּעס. נישט דאָס מיאוסע, וואָס אַלע זעען — איז די אמתע זאַך נישט צום פאַרגעבן, נאָר דאָס וואָס אַלע זעען און האַלטן עס פאַר גוט און נאַטירלעך. אָבער גראָד אין דעם, ליגט דער מוראַדיקער אָנהייב. די אויפלייזונג פון אַזאַ פאַרוויקלטע און קאָמפּליצירטע פּאַסירעניש איז אפשר פאַר מענטשלעכע אויגן נישט שיין, זי איז אָבער דאָס זויבערסטע פון אַלע פאַרבאָרגעניש.

אָבער עטוואָס פון יענעמס ווען איז נאָך שטעקן געבליבן אין איר. דערפאַר וויל זי עס אָפּטרייבן מיטן אונטערשטרייכן ביי יעדער גע־לעגנהייט, אַז זי בינדט גאָרנישט צו אים, ממש גאָרנישט... ווייל ער איז נאָך פאַראַן ביי איר אונטער אַלע שלייערן. אָט פאַרראַט זי זיך אַליין, ווען זי טוט אַ זיפץ:

— און ער וועט נישט קומען, נישט הערן ווען איך וועל עס רע־ציטירן... איך קען זיין עקשנות...

זי זוכט נאָך אַזוינס, וואָס זאָל זי פירן, דערנענטערן צו אים; דער־ביי ווערט זי זיך, זוכט הילף אין איר שנאה — עס זאָל זי נישט פּענ־טען... זי איז גרייט אָפּצוטון אַלע צו־להכעיס־שפּיצלעך אָט דעם נישטיקן רעשטל זכרונות, זי וועט אויפכאַפּן דאָס מינדסטע ברעקל גלאַנץ ביי עמעצן, אבי עס זאָל זי אָפּציען פון דאָרט, דערווייטערן...

און מעבעלע נעמט זי באַגרייפן. פאַרשטיין? ניין, שפּעטער ערשט וועט ער אַראָפּנידערן צו די קעלערן פון הונדערטער ווי זי און זען ווי אַזוי זיי גייען אַרום מיט ביידע פיס אויפן ווערק צו.

## III

צוערשט האָבן זיך די דריי מענטשן צוגעגרייט צו דעם גאַנצן ענין מיט דעם ברען פון קאָנספּיראַטיווע זאַכן. באַרטמאַן האָט נישט געוואָלט, אַז די קאָמענדאַנטין זאָל וויסן פריער, וואָס עס וועט דאָרט פאָרגעשטעלט ווערן. זי קען באַלד זיך נעמען צענזורירן, זי וועט פּסלען די „טרויעריקע זאַכן", ווי זי האָט גערופן די אַלע געטאָ־לידער, וואָס

מ'האָט פון אַלע זייטן געברענגט צו טראָגן. „ס'זאָל זיין פרייליעך!" איז געוואָרן איר לעצטע משוגעת. וואָס קען זי אַזוינס זאָגן אויף מעבעלעס געשריי צו די הונגעריקע און צו די זאַטע? איז דען די דראָאונג צו די זאַטע נישט אין דער ערשטער ריי צו איר געצילט? און די הונגעריקע, די בלייכע און טויטע וועלכע ער רופט צו רעוואָלט — איז עס נישט קעגן איר? און דאָ — הערשט די פּאָליציי.

דער פּאָליציאַנט, ביימאַן, וואָס גרייט צו זיינע נומערן, האָט אַ פּאָר פּוילישע קופּלעטן, וואָס דאַרפן באַרואיקן איר צאָרן, יעדנפאַלס זיצט ער און זוכט צוצופּאַסן, צוצופּיילן סטראָפן, וואָס פעלן אים אויך אויס, אָדער באַהאַלטן זיך אַזוי אויס אין זכרון, אַז עס איז זיי נישט לייכט אַרויס־צופּאַנגען. ער וויל זיי אויך געבן אַן אַקטועלן לאַגער־אינהאַלט. איז אים שווער, פאַרהאַלט ער זיך און חזרט איבער אויפן קול דאָס שוין־פאַראַ־נענע. ער דאַרף אין פּויליש אויסזינגען, ווי אַזוי די מיידלעך פון לובּ־לינער ק. ל. האָבן אַריינגעשטורעמט אין ווערק צע און פאַרכאַפּט די הערצער פון דער יונגוואַרג, די קנאה צו זיי, זייער שיינקייט און פריי־לעכקייט. ער קען אָבער ווייטער נישט קומען און זינגט צום וויפלטן מאָל:

קאָעלאַנקעס, אך קאָעלאַנקעס!
איר רעניעס, לילקעס און איר דאַנקעס
ווי נאָר איר זענט אויף דער שוועל געקומען
האָט איר די הערצער ביי אונדז גענומען
אך קאָעלאַנקעס!

ער קלערט הויך אויפן קול אָפּגעריסענע ברעקלעך צו ווייטערדיקע פערזן און קען קיין גראַמען נישט געפינען. די בעטלעך מיטן פאַרשימלטן שטרוי שווייגן צו. זיי ווילן זיך נישט אַריינמישן. עס דוכט זיך, אַז קיי־נער איז נישטאָ דאָ, קיינער... פּלוצים טוט זיך אָבער איין בערגל אויף אַ בעטל אַ צאַפּל ווי אין קאָנוולסיע. באַלד שטעקט זיך אַרויס אַ סקע־לעטן קאָפּ. פון זיינע פיבער־אויגן איז קענטיק, אַז ער צאַנקט. מעגלעך, אַז באַלד וועט ער אויסגיין, עס זענען שוין זיינע לעצטע מינוטן. ווער קומט דען אַריין אין די באַראַקן, צו זען ווער עס גוססט, ווער עס וועט

דאָ אויסגיין? גענוג אַז ער וועט שפּעטער אַרויסגעטראָגן ווערן אַ פאַר־שטייפטער, אַ פאַרגליווערטער. אַ סך אַזעלכע פּאַראַן אין יעדן באַראַק. דאָס מאָל אָבער באַמערקן עס אַלע דריי אינסטינקטיוו און עס שמידט זיי צו צו יענעם. ער רופט זיי אַרויס אויף עפּעס, ער האָט דאָ אַ תביעה, אַ געשריי צו זיי און עס איז נישט מעגלעך אין דער ערשטער מינוט צו וויסן, וואָס?

מען באַמערקט נישט אפילו דעם לייז־געררוי, דעם געשטאַנק, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט. עפּעס רופט עס צום בערגל אָנגעשוואָלענע אברים. ער קוקט זיך אַרום ווי אַ באַטויבטער, וואָס הערט עפּעס פּלוצים, איינגע־קנוידערט אין זיין באַרג שמאַטעס, שטרוי און פּאַפּירן. ער איז דער איינ־ציקער איצט דאָ פון די באַראַק־איינוווינער. ביז איצט איז ער געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי איינער פון אַלע טויטע חפצים דאָ. נאָר ביימאַנס פערזן־דעקלאַמאַציע האָט אים אַ טרייסל געטון. זיין צעשויבערטער קאָפּ האָר האָט זיך קוים־קוים אַ הויב געטון, אַזוי ווי אַ מת וואָלט, אומ־דרייסט, אויסגעשפּירט אַן אַרויסגאַנג פון תהום אַרויס. אין די פאַר־לאָשענע אויגן זיינע האָט זיך אַ צינד געגעבן אַ פייערל און די ליפּן האָבן געציטערט. באַלד איז ער צוריקגעפאַלן, נאָר מיט אַמאָל זיך האַס־טיק אויפגעזעצט, ווי אַ מעכטיקער כח וואָלט אין אים אַ שפּאַר געטון:

— פאַניע ביימאַן!

אַלע דריי האָבן זיך דערשראָקן אָנגעקוקט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ שד וואָלט דאָ אַריינגעוואָרפן זיין קול. אין זיין שטים האָט זיך גע־פילט די אַדורכגעריסענע שטאַרקייט, וואָס איז בלויז שטאַרק פאַר זיך אַליין, אָן צו ציען די יניקה פון אַ לעבעדיקן אבר:

— פאַניע ביימאַן, זאָגט מיר, וואָס ווילט איר דאָ אויסזינגען!?

זיין פּנים איז הוילער שמוץ און קויט, שוואַרץ און איינגעשמירט מיט אַ פליסיקייט, וואָס פאַרשפּרייט אַרום אים אַ פאַרדעכטיקן ריח. זיין דאַרע האַנט, וואָס ער שטעקט אַרויס פון בערגל שמאַטעס — איז בלויזע בלאָטע, מיט שוואַרצע פינגער און נעגל. אַן אויפגעוואַכטער, צערודערטער עיפּוש גיט זיך אַ צעלאָז אין אוויר, ווי פליגן ווען מ׳רירט אויף די נעסט... ביי יענעם האָט אָבער אויפגעפלאַמט אַ מאָדנער באַ־

גער. אין א ריינעם, ווייכן פוליש האָט ער זיך גענומען בעטן סתּם:

— איך בעט אייך, קומט צו אויף א ווײלע צום בעטל...

אַלע ווערן שטום. אויף ביימאַנס פּנים הענגט א פראַגע־צייכן. מע־בעלע זאָגט שטיל:

— מען דאַרף צוגיין...

און שוין שטייען זיי נעבן זיין געלעגער. דער סקעלעט פּרייט זיך קענטיק דערמיט. זיין פּנים איז אַזוי ווייט באַגראָבן אין שמוץ, אַז מ'קען אפילו דאָס צופרידענע קוים־שמייכעלע נישט אָנזען דערויף. בלויז זיין קול איז ריין. דער קויט און זשאַוווער האָט נאָך דערויף נישט שולט געוועזן. וואָס מער ער רעדט, אַלץ מער שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז מען האָט דאָ פאַר זיך אַן אומגעוועגלעך־אינטעליגענטן מענטש. מיט זיינע רייד טרייבט ער אַוועק דעם גאַנצן עקל פון זיך און ער ווערט לויטער, דורכזיכטיק ווי דאָס צעהעלטע בלוי פון זיין אויג, ער העשעט:

— פּאַנאָוויע, איך האָב געהערט, ווי איר גרייט דאָ עפּעס צו. איך פאַרשטיי נישט גוט קיין יידיש, אָבער דאָך פאַרשטיי איך, אַז איר גרייט צו א קאָנצערט פאַרן לאַגער... גאָט מיינער! א קאָנצערט... און איך וועל אפילו נישט קענען גיין און הערן... שוין איצט האָב איך געהערט אייע־רע רייד, ווי איין הינערפּלעט; געוואָלט אַרויסברענגען פון זיך א וואָרט און נישט געקענט, ביז עס האָט פּלוצים אין מיר אויסגעבראָכן. באַלד וועל איך ווידער נישט קענען רעדן... כ'בין אַליין א פּאָעט, א פּוילישער פּאָעט... פרעגט נישט איצט מיין נאָמען... כ'בעט אייך לאָזט מיך שנעל אימפּראָוויזירן אויף דער טעמע, וואָס איר, ביימאַן זוכט... שנעלער! חבר ביימאַן, ברומט שנעל די מעלאָדיע... בלויז איינמאָל... איך זאָל זי קענען כאַפּן... און דאַן שרייבט שנעל די ווערטער, שנעל!

זיי האָבן זיך צוגעקוקט נענטער און באַמערקט א נעפּל אויף זיין בליק. מעגלעך, אַז ער האָט שוין גאָרנישט געזען נאָר דערקענט ביימאַ־נען לויטן קול. דערפאַר האָט ער אָבער גענומען וואַרפן פון זיך גליאַיק־פאַרבענקטע פערזן, מיט א מאָדנער אינספּיראַציע, גלייך ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג אַזוי געלעגן מיט אים צוזאַמען אויפן בעטל. ער וויל דער־פאַר כאָטש זיי ראַטעווען פון טויטס הענט, וועלכע שטיקן אים שוין.

ביימאַן האָט קוים באַוויזן צו פאַרצייכענען יענעמס טרויעריק־לעכצנ־דיקן ראָמאַנס, דאָס רייסן זיך צו יוגנט, פרייד און גענוס, האָט ער זיך דערוויילע געהאַלטן אין איבערחזרן דעם רעפריין מיט אַ צערודערט קול:

— קאַלאַנקעס, אך קאַלאַנקעס!

רעניעס, לילקעס און איר דאַנקעס...

ווער ווייסט צו וועלכער רעניע, לילקאַ אָדער דאַנקאַ דער סקעלעט דאָ איז אַמאָל געווען צוגעבונדן און ער רופט זי איצט אַרויס אין זיין לעצטער וויזיע? קען דען נישט אָט־דער שאָטן אויפן טויטן־בעט דער־זען נאָך דאָס געשטאַלט פון אַ שיין מיידל, באַגייסטערן זיך, שטרעבן און בענקען צו איר? ווי אַזוי האָט נאָך געקענט אַזעלכער — מיט גע־ציילטע חדשים פריער — אויסזען? אין זיינע פערזן האָט זיך אָנגע־זאַמלט די גאַנצע פאַרוויינטע בענקשאַפט, דער פאַרמעסט נאָך איין מאָל אָנצוכאַפּן די פאַרלוירענע וועלט מיט אַ וואָרט כאַטש, מיט אַ קרעכץ... ביי די לעצטע פערזן האָט ער שוין געוויינט, געוויינט הגם אָן טרערן... ווייל ווי אַזוי זאָל נאָך אַ זעקל איינגעטריקנטע ביינער אַרויסברענגען פון זיך אַ פייכטן גלאַנץ?

פּלוצים האָט ער איבערגעריסן:

— פאַניע ביימאַן, אַ ש אָ ד זאָג איך אייך... איר זענט ביי מיר אין די אויגן געווען נאָר אַ פּאָליציאַנט... איצט איז עס מיר געווען אַ שאָד. כ'האָב אייך געקענט איבערגעבן אַ סך מיינע לידער — וואָלטן זיי אפשר ווייטער זיך אַרומגעדרייט איבער דער וועלט. איצט איז שוין צו שפּעט. כ'וועל אַפילו נישט קענען הערן זינגען די פּאָר שורות מיינע. סיידן עס זאָל מיך ווער אַהין טראָגן... אָבער ווער וועט עס וועלן מיך שלעפּן אין אַזאַ פאַרפוילטן מצב? און מעגלעך אויך, אַז מיך וועט מען פריער טראָגן אויף אַן אַנדער אָרט...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דאָ האָט זיך זיין כוח־אָנ־שטרענג אויסגעלאָזט און ער איז געבליבן ליגן אַזוי, מיט פאַרשטאַרט־אויפגעריסענע אויגן אויף עמעצן. זיינע ליפּן האָבן זיך נאָך אַלץ באַ־וועגט. אָבער קיינער האָט מער נישט געקענט כאַפּן וואָס ער זאָגט. זיי האָבן אַפילו פאַרגעסן צו פרעגן זיין נאָמען און שפּעטער איז עס שוין

נישט מעגלעך געווען. ער איז צוריק געבליבן פארגליווערט און וואנזיניק ווי פריער.

ווען ביימאן האט באקומען די נייטיקע פערזן, האט די געריירטקייט נישט געקענט אוועקנעמען די בליכט פון ווייטער איינשטודירן די נוי־טיקע לידלעך. דאס איינגעקורטשעטע געשטאלט איז דערביי געלעגן און גארנישט מער געהערט. נאר מיט א פאר טאג שפעטער, ווען דער גאנצער לאגער האט שוין געברומט זיינע ווערטער, וועלכע זענען געווארן דער שלאגער, האבן זיך די דריי דערמאנט אין נאמענלאזן מחבר און אוועק אים זען אין יענעם באראק. ער איז אבער שוין דאן געלעגן אונטער א געדיכטן, ערדענעם צודעק און אפשר מיט די געציילטע פייגל געקומען הערן איבערזינגען זיין לעצטן נשמה־אויסגעשריי...

זענען זיי געשטאנען איבער דעם ליידיקן בעטל, ווי איבער א קבר, וואס וויגט אויס דאס געזאנג פארן ווערק צע. ביי אלע האט זיך פאר־האקט דאס לשון. נאר פרעדזשא האט נאך געפונען אין זיך כוח, זיך א שאקל צו טון איבער די פארשמירטע פאר ברעטלעך און א זאג צו טון:

— ווער ווייסט, אפשר זענען מיר אלע אזוי? מיר זינגען אויס אונדזער לעצט ביסל געפיל... עס טרייבט אונדז, שפארט פון אונדז ארויס — ווייל מארגן וועלן מיר שוין ליגן פארשטומטע אויף אייביק... אונדזערע קאנצערטן!

און זייער קליינער שוידער האט זיך געלייגט אויף דעם פארשווונ־דענעם ארט אין פארוואר לאזטן בעטל...

(סוף פון באנד איינס)

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט זענען דערשינען

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער-מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פריידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך

30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא
31) שמחה פאָליאקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פשיסכע און קאצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס : הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש : מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד"ר חיים שאָשקעס : א וועלט וואָס איז פארביי...
46) שלמה וואגא : חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק : יאָרן אין וואנדער
48) ש. איזבאַן : פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד איינס
49) ש. איזבאַן : פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד צוויי
50) ד"ר א. מוקדוני : מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פאַרן לעבן (זכרונות)
54) יצחק פעולאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אש: פעטערבורג
57) שלום אש: ווארשע
58) שלום אש: מאָסקווע
59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", ערשטער באַנד

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

**ש. ניגער** שרייבט וועגן מרדכי שטריגלערס בוך „אין די פאַבריקן פון טויט" („דער טאָג", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1948):

יעדעס בוך שטריגלערס, אפילו יעדער נייער טייל פון זיינעם אַ בוך, ברענגט אונדז עפּעס אַ נייע פאָרם, דערהויפּט עפּעס אַ נייע קאָמפּאָזיציע־פאָרם. זי ווערט געבוירן פון אַ לעבן־און־טויט שטאָף, וואָס אַזאַ איז ביז אַהער נאָך נישט געווען און וועט (לאָמיר האָפן) נישט מער זיין. זי קומט, אָט די נייקייט פונעם אופן שרייבן, אויך פון דעם שרייבער אַליין. ער האָט אין זיין א י ך אַריינגעזאַפּט אַזוינע דערפאַרונגען, וואָס אין די אַלטע פורעמס איז שווער זיי אַריינצוגיסן. אויך אין נייע — איז עס נישט אַזוי לייכט צו טון. גיי געפין פּאַסיקע אויסדריק־מיטלען פאַר דעם תהו ובהו וואָס איז געוואָרן פון דער וועלט אין „די פאַבריקן פון טויט".

עקספּערימענטירט מרדכי שטריגלער אין זיין נייעם בוך מיט אַ שרייבפאָרם, וואָס איז אַ געמיש פון עטלעכע פאָרמען — אַ געמיש פון כראָניק, געשיכטע, בעלעטריסטיק, ליריק. אָט דערציילט ער אונדז, וואָס ער האָט אַליין געזען, געהערט און קוים מיט צרות איבערגעלעבט. אָט איז ער זיך סומך אויף גבית עדות, אָנרופנדיק די עדות מיט זייערע נעמען. און אָט קומט גאָר אַ רייזן־בעלעטריסטישער „שמועס פון מחבר מיט איינער פון זיינע הויפּט־העלדינס"... איינמיטן כאַפּן זיך אַריין עכט־לירישע אויסגוסן... און אין היפּשע עטלעכע קאַפּיטלעך זענען די אַלע פאַרשידענע עלעמענטן אַזוי באַהעפט און צונויפגעגאָסן, אַז מען קאָן זיי איינס פונעם אַנדערן גאָר נישט אָפּטיילן.

אָבער אַלץ איינס וואָס און ווי שטריגלער זאָל אונדז נישט דערציילן אָדער באַשרייבן, טוט ער עס, ווי ער אַליין זאָגט אין דעם „אַריינפיר" נאָך וועלכן עס קומט, אגב, אַ „נאָכוואָרט פון מחבר", ווי אויך אַ „פּראָלאָג" — „אויפן גרונט פון מחברס פּערזענלעכע איבערלעבענישן" (ז' 7).

נון, „פּערזענלעכע איבערלעבענישן" פון די געטאָס און די לאַגערן האָבן אונדז געגעבן שוין היפּשע עטלעכע פאַרפאַסערס, אָבער זעלטן ווער פון זיי האָט אונדז געגעבן אַזוי פיל — און אַזוי אויספירלעך געשילדערטע פּרטים פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן — און פונעם טאָג־טעגלעכן אָפּשטאַרבן. דאָס איז — ערשטנס. צווייטנס איז דער עצם מעטאָד פון שרייבן דער עצם צוגאַנג צו די אַלע געשעענישן אַנדערש ביי שטריגלערן, ווי שיר־נישט ביי יעדן פון זיינע אחים לצרה.

ביי זיי זענען געווענלעך דאָ צוויי מחנות — די פייניקערס און די געפייניקטע, די רשעים — און זייערע אומגליקלעכע קרבנות. צוויי פנימלאַזע קאָלעקטיוון. מרדכי שטריגלער רייסט אַרויס יחידים פון דער אַנאָנימער מאַסע, — יחידים פון ביידע צדדים, — און מיר דערהערן נעמען, און מיר דערזעען פאַר זיך פנימער — און כאַראַקטערן — פון אינדיווידועלע פערזאָנען: מיר זעען שוין נישט סתם אַזוי אכזריות; פאַר אונדז שטייט אַן אכזר — און ער שטייט ווי אַ לעבעדיקער... דער אוממענטש, אַזוי ווי דער מענטש, מוז האָבן זיין אייגענע צורה „פאַטשורע", זיין פערזענלעכע טומאה, זיין אינטימע העסלעכקייט: ערשט דאַן פילן מיר, ווער און וואָס ער איז. אפילו ווי אַ צייכן אָדער אַ סימבאָל פון אַ גאַנצן כלל, איז נויטיק, אַז ער זאָל זיין אַ פולשטענדיקער פרט, נישט קיין אַבסטראַקטע קאַטעגאָריע. ביי שטריגלערן האָט דער רשע פלייש און בלוט, ער איז קאָנקרעט.

דאָס איז שטריגלערס גרויסער אויפטו.

די „זעקס מיליאָן" הערן אויף צו זיין אַ ציפער, ווען מיר לייענען שטריגלערס אַ בוך. אויך די שארית הפליטה באַשטייט נישט מער פון סתם אַזוי געראַטעוועטע. יעדער פון זיי איז געווען אין זיין אייגענעם גיהנום. און נאָר אין זעלטענע פאַלן — דערוויסט איר זיך פון שטריגלערן — איז עס געווען אַ פייער וואָס האָט געריייניקט און געלייטערט. דאָס רוב איז די נשמה, נישט נאָר דער גוף געשענדעט און געשעדיקט געוואָרן, און פאַר איינציקע פון זיי איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז זיי זאָלן פון די גיהנומשע רויכן און גיהנומשע פלאַמען אַרויס שרפת נשמה וגוף קים — מיט אַ גאַנצן גוף, בעת פון דער נשמה איז געוואָרן אַש און רויך.

שטריגלער באַהאַלט פון אונדז — און פון זיך אַליין — נישט קיין שום זאַך — נישט אין דעם ערשטן און נישט אין דעם צווייטן טייל פון דעם אינפערנאָ-ווערק, וואָס ער רופט: „אויסגעברענטע ליכט".

ער קוקט טיף און דרייסט אַריין אין די נאַקעטע און זיך אַליין מיאוס געוואָרענע נשמות, — אין די נשמות וואָס האָבן זיך אַזוי לאַנג געשטיקט אין די פאַראומרייניקטע און אויסגעמאַטערטע סקעלעטן.

דאָס אויסברענען פונעם ליכט איינעם מענטשן אינעווייניק מאַטערט אים נאָך מער, ווי דער אויסגעברענטער נומער אויף זיין הויט. ציילט ער נישט די קרבנות, ער וועגט זיי און מעסט זיי: ער וויל וויסן צי איז אין זיי נאָך עפעס געבליבן פונעם צלם אלהים.

ער שאַנעוועט זיך אַליין אויך נית. אין דעם פראָלאָג, וואָס הייסט „אַ שמועס פון מחבר מיט איינער פון זיינע הויפט-העלדינס", הערן מיר ווי זי זאָגט צו אים: „ביי דיר טיף האָסטו אַליין געבענקט צום רויש פון הפקר, האָסט בלויז פון געוווינהייט זיך איינגעביסן מיט די ציין אין אייגענעם ווילן; האָסט מיין שאָטן, זאָגט זי, געטריבן צוזאַמען מיט די לעצטע רעשטן פון דיין יוגנטלעכן אינסטינקט, פונקט ווי דו פאַרטרייבסט איצט דעם זכרון דערפון, וועלנדיק זיין דער טאָן-געבער פון דער בייזער גערעכטיקייט... איז עס אפשר דיין רעכטלעך רעכט די אייגענע יונגקייט צו דערשטיקן ביז וואַנען דיין יונג

בלוט ווערט, פאַר שקיעה ערשט, דיך גובר זיין, — פאַרלאַנג עס אָבער נישט פון אַלעמען" (ז' 65).

ער פאַרלאַנגט עס אין דער אמתן פון קיינעם נישט, — דאָס טענהט ער זיך אויס מיט זיך אַליין, זיין „שמועס מיט איינער פון זיינע הויפּט-העל־דינס" איז אין דער אמתן אויך אַ שמועס מיט זיך אַליין, אַ שטיק וידוי.

ער איז אַליין, ווייס ער, פול מיט סתירות: איז נישט פאַרהוילן פון אים אויך דעם אַנדערנס אינעוויי־ניקסטער געראַנגל... אויף דעם קדוש לויערט ביי אים פון אַלע זייטן און אויך פון זיינע אייגענע פאַרבאָרגע־נישן דער רוח הטומאה. נאָר אומגע־ריכטער איז, וואָס אפילו טמאים זע־נען דאָ ביי אים, וואָס אונטער דעם שמוציקן אַש טליעט נאָך ביי זיי אַ האַלב-פאַרלאָשענער פונק ריינקייט.

צווישן אַלע אינעווייניקסטע דיאַ־לאָגן, וואָס שטריגלער הערט פון זיך ארויס, הערט ער אויך ווי עס טענהט זיך אויס אין אים אינעווייניק דער קינסטלער מיטן כראָניקער... דער כראָניקער איז זיך סומך אויף דער טראַדיציע פון אונדזערע אַלטע, דור־דורותדיקע, מגילת איכה, — אויף דער טראַדיציע, וואָס פילט זיך באַ־רעכטיקט צו זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט די רשעים גמורים זענען אַלע זייערע קרבנות צדיקים גמורים... אויף דעם ענטפערט דער קינסטלער: קיין רשע איז (לויט אונדזערע יידישע און לויט אַלעמענס קינסטלערישע השגות) נישט קיין רשע גמור, אפילו דער נחש הקדמוני, דער שטן, וואָס זיצט אין אים און הערשט איבער אים, איז גאָטס שליח; ממילא זענען אָפּן פאַר אונדז נאָר מ"ט, נישט אַלע נ' שערי טומאה... און אַזוי איז

עס אויך מיט איובן, מיט יעדן איובן, וואָס ווערט געפּרווט פון גאָט: ער איז אַ טראַגישע און דאָס מיינט אַ דראַמאַטישע, נישט קיין מעלאָדראַ־מאַטישע געשטאַלט...

משפּט שטריגלער קיינעם נישט אַ חוץ גאָט אַליין. ער הערט נאָר אויס, פאָרשט אויס יעדן איינעם. ער פּרוווט זיך דערגרונטעווען ביז צום גרונט, ביז צום אָפּגרונט פון דעם צעריסענעם מענטשנס צעריסענער און אומגליקלעכער נשמה... און ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אַ פּראָסטן פּוילישן בעל-מלאכה, דעם אַלטן טשעסלער קאָפּערניק, וואָס איז נישט געוווינט געווען צו טון שלעכטס מענטשן און וואָס אין דער נאַצי-פאַב־ריק איז ער דאָך געוואָרן איינער פון די נוגשים און פּייניקערס, דוכט זיך דעם פּאָעט שטריגלער, אַז ער הערט ווי אָט דער פרומער קאַטאָליק זאָגט: „שלאָגן מיר זיי דען? דאָס שלאָגט זיי דאָך גאָט אַליין א. א. וו." (130).

און נישט נאָר דעם טשעסלער קאָ־פּערניק — אַנדערע, ערגערע, פון אים, פּרוווט שטריגלער פאַרשטיין, כאָטש בשום אופן נישט פאַרגעבן. „אפילו די יונגע פרוי אין ווייסן רע־גנמאַנטל" אַ „יידיש" קינד, וואָס האָט זיך דערטומאהט צום אמט פון אַ קאָמענדאַנטין אין לאַגער, — אפי־לו אַזאַ ווי זי מאַטערט ער זיך צו באַטראַכטן פון אַ פּסיכאָלאָגיש-קינסטלערישן, נישט בלויז פון אַ מאָ־ראַלישן שטאַנדפּונקט. אפילו זי פּרוווט ער אויסמאָלן (אמת, עס גע־לינגט אים נישט זי אויסצומאָלן), נישט צו משפּטן. דאָס אייגענע טוט ער מיט אַזוינע פּוילישע אָדער דיי־טשע מוסטערן פון מענטשלעכער גע־פאַלנקייט, רשעות, אָדער עקסטרעמען

סאַדיזם, ווי דעם פּאָליאַק גיידאַ, וואָס דער עיקר ביי אים איז שנעל רייך צו ווערן — אַלץ איינס אויף וועמענס חשבון און דורך וואָס פאַר אַ מיטלען (ז״ז 143-319), אָדער דער גרויזאַמער „פאָלקס-דייטש" קאַטלענגאַ (ז' 145) אָדער זיין געהילף, דער אויסוואורף פאַנטשל, אַ ייד (דאָרט), אָדער דער 81-יעריקער דייטש פאָן העכט (ז' 185). אָדער קויפמאַן, אַ געוועזענער שוסטער פון קיעלץ, וואָס „אַמאָל האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דאָס געפיל פון מיטלייד, וואָס אָבער באַלד האָט אים אָנגעכאַפּט אַן עקל צו דעם נעבעכדיקן אָביעקט, וועלכן ער איז נאָר־וואָס גרייט געווען אַלץ פון זיך אָפּצוגעבן — און דאָס האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ ספּאָנטאַנעם אויפברויז, וועלכן ער האָט אפילו נישט געקאָנט טראַכטן צו צווימען" (ז' 192), אָדער פינאָוו, דער לאָדזשער דייטש, וואָס האָט הנאה געהאַט פון רעדן אַן עכטן לאָדזשער יידיש — מיט זיינע קרבנות די יידן און — נאָך מער הנאה געהאַט פון אַרויסקריגן זייערע פאַרבאַהאַלטענע פאַרמעגנס (ז' 23), אָדער דער שכור ביעלסקי און זיין געהילף שעטשקאָ (ז' 239), וואָס מענטשלעכע לעבנס זענען פאַר זיי געווען וויכטיק נאָר ווי אַ מיטל רייך צו ווערן... יעדן פון זיי ווייזט אונדז שטריגלער אין זיין פולער מענטשלעכער־אוממענטשלעכער געשטאַלט, און מיר זעען ווער־און־וואָס זיי זענען, נישט נאָר וואָס זיי טוען.

אונדז ווערט קלאָר, ווען מיר לייענען שטריגלערס כראָניקעס, דערציילונגען, סצענעס, לירישע אויסגוסן — אַז נישט נאָר דעם מענטשנס געהויבנקייט קען זיך אַנטפּלעקן אין אַ סך פאַרשידענע געשטאַלטן און האָבן כל-ערליי פּנימער. מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס איז ריכטיק סיי וועגן יענע, געוועזענע מענטשן, וואָס טרעטן אַנדערע מיט די פיס, סיי וועגן די אָפט אויך געוועזענע מענטשן, וואָס ווערן צעטראָטן פון זיי... „אָט האָט מעכעלע (און דאָס איז מאָטעלע — מרדכי שטריגלער אַליין) זיך באַקאַנט מיט דריי גורלות פון דריי פאַרשידענע מענטשן, דריי פון די טויזנטער אויסגעברענטע מענטשן-ליכט, וואָס האָבן די ערשטע גאַנצע טעג געצאַנקט נעבן אים... זיי דריי האָבן אים געוויזן דאָס פּנים פון ווערק צע — די פאַרשידענע אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אין יעדן באַזונדער אויסגעפורעמט. און מענטשן זענען דאָ פאַראַן, זאָגט ער, אין די טויזנטער, און יעדער איינער לעבט און קומט אום אויף אַן אַנדער פאָרם און שטייגער" (ז' 269) האָט ער געפילט, אַז זיין חוב איז אויסצומאָלן נישט דעם מאַסן-לעבן און דעם מאַסן־אומקום פון די טויזנטער, נאָר די באַזונדערע פאָרם און דעם באַזונדערן שטייגער פון יעדן איינעמס לעבן, פון יעדן איינעמס פאַלן אין אָט דעם נישט גלייכן קאַמף מיטן אַכזריותדיקן גורל פון די נאָך מער אַכזריותדיקע „מיטמענטשן"...

שטריגלער האָט מורא געהאַט, אַז „שפּעטער", ווי ער שרייבט, „וועט מען קומען — און פון די אַלע מאַכן איין קליינע ציפער" (ז' 270)... זיין האַרץ האָט אים געזאָגט נאָך דאָרטן, אַז נאָכן גוואַלדיקן אומגליק קאָן געשען נאָך אַן אומגליק — און פון דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע וועט ווערן אַ שטיקל „קליי־

נע" אַריפמעטיק אָדער — נאָך מער אַבסטראַקטע — אַלגעברע. האָט ער כסדר געלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז ער וועט דאָס אַלץ איבערלעבן — און נישט לאָזן דעם גרויסן צער ווערן אַ „קליינע ציפער"... „נעם דאָס אַלץ" האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, ווען ער איז נישט זיכער געווען, אַז אים וועט געלינגען אויפצוהיטן זיינע אַלע שריפטן, — „נעם דאָס אַלץ, פּרעס עס איין אינעם קליינעם ווינקעלע פון דיין מוח — און אַמאָל, אַז וועסט לעבן, באַווייז!"

ער לעבט, דאַנקען גאָט — און באַווייזט, וואָס ער האָט דאָרטן איינגעפּרעסט אינעם קליינעם ווינקעלע פון זיין גרויסן מוח.

ער האָט „איינגעפּרעסט" און אויפגעהיט מענטשן, ניט נאָר געשעענישן... מענטשן אין אַ סביבה, ווו קיין מענטשן זענען מער נישט געווען, — אפילו נישט קיין אוממענטשן, אַפילו נישט קיין חיה רעהס, נאָר צוויי־פיסיקע סקעלעטן (אויך גייסטיק — סקעלעטן), פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט — עפּעס ווילד־געוואָרענע הפקר־באַשעפענישן, שדים, רוחות, זאַווערוכעס פון עולם התוהו... אין אָט אַזאַ מין מקום האָט דער קוים צוואַנציק־יאָריקער מאָטעלע אויפגעזוכט מענטשן, מענטשן מיט שענדלעכע איכן. „אָט זיצט שלומהלע דער בעל עגלה פון קאַמאַראָוו, וועמען מעכעלע (מאָטעלע) באַגעגנט שוין דאָס פערטע יאָר אין פאַרשידענע לאַגערן. דאָ איז פאַראַן מענדל, דער היציקער, שטענדיק אויפגערעגטער און גלייכצייטיק אַזוי מילדער, נשמה־גוטער חסידישער יונגערמאַן פון פּראַמפּאָל.

אָן אַ זייט זיצט דער הויכער קאַרנמאַן, משה, פאַרטפעלד, יאַנקל... איבערן אָפּגעשניטענעם שטאַם זיצט דער געלאַסענער און מיושבדיקער אברהם איסר..." (ז' 307). זיי אַלע זענען שוין נישט מער ווי רעשטלעך פון זיך אַליין, צעפּאַלענע שטאָף פאַר די פאַבריקן פון טויט. אָבער ניין, מעכעלע — מאָטעלע שטריגלער — האָט זיי פאַרצייכנט און אָפּגעהיט אין זיין אייביק־וואַכן זכרון — און זיי לעבן נאָכן טויט...

ער האָט געטון זיין פליכט צו זיי, צו זיך אַליין — און צו אונדז אַלעמען. ער האָט געטון מער ווי דאָס, ער האָט זיינע — און דער וועלטס זעקס יאָר געטאָ־און לאַגער־משוגעת, אַ שטיק צייט, וואָס איז אַזוי ווי אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם היסטאָרישן המשך, פונעם קאָנטעקסט פון דער געשיכטע, פונעם מענטשלעכן סדר העולם, אַ צייט אָפּשניט, וואָס איז, אין איינעם מיט דעם אַש פון פאַרברענטע מיליאָנען מענטשן, געבליבן הענגען אין דער לופטן, אינעם ליידיקן חלל, אָן אַן אָנהאַלט, אָן אַ זין, — ער האָט אָט דאָס שטיק הפקר, אָט דעם ווילדן אומזין, דעם תהו־ובהו צוריק איינגעפּאַסט אין דעם ראַם פון אונדזער אַלעמענס נאָך שוידערלעך־רויער און נישט אויסגעמענטשלטער, שונדישער מענטשלעכקייט.

ווענן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

**UNION ISRAELITA POLACA**

Pueyrredón 667 Buenos Aires (Rep. Argentina)